STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03135

TSVISHN GETER UN MENTSHN

M. Tsanin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. צאנין

צווישן געטער און מענטשן

פאַרלאַג „לעצטע נייעס"
תל־אביב, תשכ"ב, 1962

TSVISHN GETER UN MENTSHN

M. TSANIN

כל הזכויות שמורות למחבר

החברה המאוחדת להדפסה בע"מ
רח' הרכבת 52, תל־אביב

די אַלטע וועלט, דער ווייטער מזרח, איז נאָך הונדערטער יאָרן פון פּאָליטישער אָפּהענגיקייט, צוריק געוואָרן אַן אַקטיווער און געשיכטע-מאַכנדיקער פאַקטאָר.

נישט ווי אַפריקע, האָבן די פעלקער פונעם ווייטן מזרח דאָס באַוווּסטזיין פון זייער אויפגייענדיקער העגעמאָניע אין דער וועלט. זיי האָבן אַן אַלטע קולטור און אַ יונגן שטורים-כּוח מיט אַספּיראַציעס, וואָס גייען ווייט אַריבער זייער ראַיאָן.

וואָס כאַראַקטעריזירט דעם ווייט-מזרחדיקן מענטש? וועלכע זענען זיינע מנהגים און שטייגער? וואָס איז זיין רעליגיע און פילאָזאָפיע?

אין דעם בוך „צווישן געטער און מענטשן" גיט מ. צאַנין רעפּאָרטאַזשן פון אַ רייזע איבער לענדער פון ווייטן מזרח — דורך וועלכע דער לייענער דרינגט אַריין אין אָט דער עקזאָטישער וועלט. פון דעם באַשריבענעם שטייגער, גלויבענישן און מענטאַליטעט פונעם מזרח-מענטש, ווערט די אויפגייענדיקע וועלט נענטער, פאַרשטענדלעכער און דער לייענער האָט דאָס געפיל, אז ער מאַכט אַליין די דאָזיקע אינטערע-סאַנטע רייזע.

איר האָט געוויס נישט געהערט דעם עקזאָטישן נאָמען: הודזשי האַנאַי. וואָרום פון וואַנען, אז סך־הכל איז הודזשי האַנאַי נישט מער ווי אַ פשוטער, באַשיידענער מענטש — אַ יאַפּאַנער, אַ געוועזענער לעקטאָר פון כינעזיש אין קאָרעאַ און איצט — אַ בטלן, אַ זאַמלער פון קאָרעאַנישן פאָלקלאָר.

הודזשי האַנאַי איז געפאָרן פון א פאָלקלאָריסטישער עקספּעדיציע אין קאָרעאַ און פארבראַכט אַ צייט אין כאַרבין. ביי די כאַרבינער אַנטיקן־הענדלער האָט ער געפונען אַ פּאָר צענדליק קאָרעאַנישע געטער און קמיעות, עטלעכע זעלטענע פּאַפּירוסן מיט קאָרעאַנישע פּאַסטוך־און מלחמה־לידער, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן אין אַ קאַסטן באַהאַלטן אין דער קאַבינע פון דעם שיפס־קאַפּיטאַן, ווי גאָר טייערע אוצרות.

אויך אַליין האָט הודזשי האַנאַי אויסגעזען ווי אַן אלטע, פון העבאַן געשניצטע פיגור. זיין וואָלענע טונקל־ברוינע קימאָנאָ האָט געהאַט דעם אָפּגלאַנץ פון זיין טיף געפאַל־דעוועט פּנים, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי שאַרפע שווערדן־ברעמען. און ווי זיין קימאָנא און זיין פּנים, אזוי איז אויך זיין לשון געווען געשניצט.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אויף דער שיף, וואָס האָט מיך געפירט פון דעם אומהיימלעכן און אויסזיכט־לאָזן וולאַדיוואָסטאָק צום לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון. ווען אונזער שיף איז אריינגעפאָרן אין דער סטרעפע פון וואַרעמען שטראָם אויפן יאַפּאַנישן ים און די מאַנשאַפט האָט אָנגעהויבן אראָפּצושווענקען דאָס אייז, וואָס האָט פאַרקאָוועט די דעק, האָט הודזשי האַנאַי געזאָגט צו מיר:

— סימבאָלן זענען אַבסטראַקט, זיי זענען אָבער כולל אין זיך די ווירקלעכקייט. קוק זיך צו, ווי די מאַטראָזן

שווענקען אראָפּ פון דער שיף די אַטמאָספער פון איין וועלט און נעמען אויף דעם אָטעם פון אַ צווייטער... זאָל געבענטשט זיין מיין היימלאַנד.

נאָך די אומהיימלעכע טעג אין דעם פּאַראַרעמטן און שרעקלעך פּארוואַרלאָזטן וולאַדיוואָסטאָק, איז אין דער דאָזיקער קורצער באַמערקונג פון הודזשי האַנאַי געלעגן די טרעפלעכסטע באַצייכנונג, וואָס איר ריכטיקייט האָב איך ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, ווען איך האָב באַקענט דאָס פאָטערלאַנד פון הודזשי האַנאַי.

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, ווי ווייט די יאַפּאַנער קענען נישט דאָס באַגריסן זיך דורך הענט־דערלאַנגען. אָבער ווען איך האָב אויסגעשטרעקט מיין רעכטע האַנט, האָט הודזשי האַנאַי זי אָנגענומען מיט רירנדיקער העפלעכקייט, זיך איינגעבויגן כמעט ביז צו דער ערד און צוגעגעבן:

— ווען מיר האָבן זיך געזאָגט אונזערע נעמען, הייסט עס, אַז מיר האָבן זיך שוין אויף אַזוי פיל פאַרבאַרגן פון איינאַנדער, אַז מיר קאָנען שוין ווערן גוטע פריינט...

פון דעמאָלט־אָן איז הודזשי האַנאַי דערשינען נעבן מיר יעדעס מאָל, ווען עפּעס איז מיר געווען נישט קלאָר. ער איז געווען מיט מיר אין יעדער שטאָט, אין יעדן דאָרף און פּאַרט, וואָס איך האָב באַזוכט. תמיד איז ער דערשינען מיט דעם זעלבן גערנוויליקן שמייכל, די הענט פאַרשטעקט אין דער ברייטער קימאָנאָ און מיט אַזאַ קלוגן בליק, וואָס מען קען באַגעגענען בלויז ביי די געבילדעטע מענטשן פון מזרח.

אַדאַנק אים האָב איך אַ סך געלערנט אין יאַפּאַן; אַדאַנק אים האָב איך געזען זאַכן, וואָס עס דערבליקט זעלטן ווען אַ טוריסט. ער, הודזשי האַנאַי, האָט מיר נאָענט געמאַכט יאַפּאַן און אריינגעפירט אין דער אַטמאָספער פון דעם לאַנד, אינעם שטייגער פון זיין פאָלק, ער האָט מיר דערציילט אַ סך וועגן דער יאַפּאַנישער מיטאָלאָגיע, און די מיטאָלאָגיע איז דאָך תמיד דאָס אָפּבילד פון דעם פאָלקס פּסיכיק.

און יאַפּאַן מיינט דאָך נישט בלויז עקזאָטיק, גיישאַס און פֿאַרצעליי. יאַפּאַן איז אַ וועלט פֿאַר זיך, אַ קאָמ־פּליצירטע וועלט, וואָס איז שווער תופס צו זיין אפילו, ווען מען פֿאַרברענגט דאָרט לאַנג, בפֿרט פֿאַר אַן אייראָפּעער. אין אָט דער פֿרעמדער וועלט האָט מיך ארומגעפֿירט הודזשי האַנאַי און אויפגעקלערט דעם תוך פֿון דעם, וואָס דאָס אויג האָט געזען.

און אַלץ אין יאַפּאַן איז מיר דעמאָלט דערשינען אַנדערש פֿון דעם, וואָס איך האָב ווען עס איז געלייענט וועגן דאָזיקן אויסטערלישן, עקזאָטישן לאַנד.

עס זענען אָבער געווען פֿאַלן, ווען איך האָב זיך באַצויגן קריטיש צו געוויסע דערקלערונגען פֿון הודזשי האַנאַי. דאָס זענען יענע פֿאַלן, ווען איך האָב געזען רויע שטיקער פֿון אומעטיקן יאַפּאַנישן לעבן און מיין פֿריינט האָט זיי געוואָלט איינוויקלען אין די בלויע געוואַנדער פֿון ראָמאַנטיק און עקזאָטישקייט, ווייל סוף כל סוף איז ער דאָך אַ קינד פֿון זיין פֿאָלק — דער הודזשי האַנאַי — האָט ער במילא געוואָלט פֿאַרבאָרגן פֿאַר מיר דעם טייל פֿון יאַפּאַנישן לעבן, וואָס איז טראַגיש, און אין בוך פֿון יעדן פֿאָלק זענען דאָ פֿאַראַן טראַגישע בלעטער.

דערצייל איך אייך אַזוי ווי איך האָב געזען און אָפּגעפֿילט און גיב איבער די מיינונג פֿון הודזשי האַנאַי אין די פֿאַלן, ווען עס ווייזט מיר אויס, אז איך בין נישט גענוג אָביעָקטיוו.

*

ארומגערינגלט דורך די ריזיקע וואַסערן פֿון שטילן אָקעאַן און יאַפּאַנישן ים, ליגן געצווימטע די אינזלען: קיושו, שיקאָקו, האָנסיו, האָקאַידאָ און קאַראַהוטאָ, וואָס שאַפֿן צוזאַמען די מדינה נ י פּ אָ ן, אויף אונזער לשון — י אַ פּ אַ ן.

די פֿיגור פֿון דער אינזל־גרופּע זעט־אויס ווי אַ מענטש, וואָס גרייט זיך צו אַ געוואַגטן שפּרונג; צו אַ שפּרונג אויף טויט און אויף לעבן. נעמט די מאַפּע און קוקט זיך

צו צו דער אויסטערלישער פיגור, צו דעם אויסטערלישן ספּאַזם פון דער באַוועגונג, און איר וועט זען, אַז ניפּאָן גרייט זיך צו א שפּרונג אויף אזיע. און שוין נישט איינמאָל אין איר געשיכטע האָט אָט די פיגור א שפּרונג געטון אויף אזיע און באוועלטיקט לענדער און פעלקער.

— דער סימבאָל איז כולל אין זיך די ווירקלעכקייט — האָט מיר געזאָגט הודזשי האַנאַי.

פינף־און־דרייסיק טעטיקע וואולקאַנען ברענען דאָס אינגעווייד פון די אינזלען, שטויסן זיי צום אומענדלעכן אַזיע און צו די אינזלען אויפן פּאַציפיק און אינדישן אָקעאַן. אויפן שטח פון די יאַפּאַנישע אינזלען, וואָס איז עטוואָס גרעסער פון געוועזענעם פּוילן, וווינען העכער נײַנציק מיליאָן מענטשן, ארבעטזאַמע, וויטאלע; מענטשן, וואָס ווערן צעשפּאַרט פון ענערגיע און פלייס, וואָס ווערן צע־טראָגן פון אייגענער דינאמיק. יאָר־טויזנטער, ווי דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז געפּענטעט אין אַ פּאַטריארכאלן און פעאָדאַלן שטייגער און אויך ביי דער אייגענער מלוכה, וואָס זאָגט כסדר צו גליק אין דער צוקונפט, און ווערט נישט מיד צו שלעפּן זיך מיט אומאיבעררייסלעכער ענערגיע אויף די וועגן פון דער געשיכטע.

ווען איינער פון די פינף הונדערט ערד־ציטערנישן, וואָס קומען פאָר אין יאַפּאַן יעדעס יאָר, ווערט גרויזאַם און צעשטערט אַ ישוב — איז אזוי ווי צווישן מוראַשקעס: דאָס גאַנצע פאָלק גורט־אָן די לענדן און ברענגט־אויף דעם ישוב, אַ שטאַרקערן און רייכערן.

און עס זעט אויס אזוי ווי די וואולקאַנען וואָלטן געלעגן נישט בלויז אין אינגעווייד פון די יאַפּאַנישע אינזלען, נאָר ווי יעדער יאַפּאַנער וואָלט געהאַט אין זיך אַ וואולקאַן: ער איז אויסערלעך שטיל און געלאַסן, אָבער קאָן אויפ־ברויזן ווי קיין שום אַנדערער מענטש.

הודזשי האַנאַי האָט מיר געזאָגט, אז דער גרויסער יאַפּאַנישער רעפאָרמאַטאָר מעידזשי, וואָס האָט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק דורכגעבראָכן פענצטער קיין אייראָפּע און אַמעריקע, אז אָט דער רעפאָרמאַטאָר איז געווען אַ

שטיק ווולקאַן. ער האָט אויפגעטרייסלט דאָס יאַפּאַנישע פאָלק פון די סאַמע יסודות און עס געוואָרפן אויף דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע.

די ווולקאַנען — די פּערמאַנענטע צעשטערער פון יאַפּאַן — ווערן נישט פאַראַכט דורך דעם יאַפּאַנישן פאָלק. פאַרקערט: פודזשי־יאַמאַ, דער מאַיעסטעטישער און בייזער ווולקאַן אין שכנות פון יאָקאָהאַמאַ ווערט באַזונגען דורכן פאָלק, ווי אַ וווּנדער, ווי אַ געטלעכקייט.

דאָ אין דעם לאַנד, ווי אינערגעץ אַנדערש נישט אויף דער וועלט, דריקט זיך אויס די דינאַמיק — אין דער געאָלאָגישער סטרוקטור פון דער ערד, אין דער גראַפישער צייכענונג פון די אינזלען, אין די כוואַליעס פון די היימישע ימים און אין פאָלק גופא.

ווען אַ פאָלק וואַקסט אויף די קוואַלן פון דינאַמיק, ווו אַלץ איז געשפּאַנט, די אינזלען צום שפּרונג, די ערד צום אויפרייס, די ימים צו פאַרפלייצונג — מוז עס, דאָס פאָלק, געטראָגן ווערן פון אימפּעט.

אין דעם צוזאַמענשפּיל פון דער געאָגראַפישער און געאָלאָגישער קאָמפּאָזיציע און הויך־פּאָליטישן ריטם פון יאַפּאַן איז פאַראַן עפּעס סימבאָלישעס.

אָבער אַזוי ווי דער פודזשי־יאַמאַ קאָן זיין מאַיעס־טעטיש רואיק, זיך רויטלען מיט זיינע שניי־ווענט אין די קאַרשן־רויטע זון־פאַרגייען, אַזוי ווי די ימים קאָנען זיך פאַלדן אין פליסטערנדיקער בלויקייט — אַזוי קאָן אויך דאָס יאַפּאַנישע פאָלק זיין באַצויבערנדיק און שיין, ווי די צעבליטע קאַרשן־ביימער ביי די טעמפּלען פון קיאָטאָ.

*

„האַנאַ וואַ סאַקוראַ — גי היטאָ וואַ בוסי" — „קאַרשן־בליטן איבער אַלע בלומען; קריגער איבער אַלע מענער" — איז אַ פּאָפּולער יאַפּאַניש שפּריכוואָרט.

ביידע — קאַרשן־בליטן און קריגערישקייט — וואַקסן ארויס פון יאַפּאַנישן באָדן און ביידע ווערן באַגריפן דורכן פאָלק, ווי גלייכווערטיקע שיינקייטן.

סורוגאַ הייסט דאָס לאַנד, וואָס האָט צוגענומען אַלע

שיינקייטן פון די געטער. יעדעס ווינקעלע אין דעם באַרגיקן און וואולקאַנישן לאַנד איז פול מיט נאַטור־צויבער. דער ווייסער מאַי איז טיפער פון די הימלען, די גרינקייט פון די בערג און די פאַרבאָרגנקייט פון זייערע פאַלדן וועקן־אויף אין אונז די צאַרטסטע בענקשאַפטן; די ברכה פון שלמות האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם לאַנד.

אויפן מערב־ברעג פון אָט דער פּראָווינץ, ליגט אַ קליינע פּאָרט־שטאָט, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד — סורוגאַ. די שטאָט ליגט אַרומגענומען דורך הויכע מאַלערישע בערג, און בלויז פון איין זייט קומט צו דער ים, וואָס האָט ארויסגעשניטן אין די בערג אַ ריזיקן בעקן, זיך אויספאָרמירט אין איינע פון די שענסטע וואַסער־וואונדער, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען.

ווען די קוקסט אויף דער שטאָט — דאַכט זיך דיר, אַז קינדער האָבן פון פאַרביקע שפּילצייג אויסגעבויט אַ שטאָט. די מיניאַטור־הייזלעך זענען געבויט פון דינינקע לייסטלעך און פּאַפּיר. די הייזלעך זענען באַצירט מיט פאַרביקע לאַמטערנעס און לענטעס. אויף די טעלעגראַף־סלופּעס קלעטערן בלומען, אויף די שמאָלע, ציכטיקע געסלעך באַוועגן זיך גוט־אויגיקע הכנעהדיקע מענטשעלעך אין פאַרביקע קימאָנאָס און הילצערנע סאַנדאַלן אויף שטאָלצן. צי איז עס נישט אַמאָל אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג פאַר קינדער? צי איז עס נישט אַמאָל אַ מאָלערישע דעקאָראַציע פאַר טוריסטן?

אָט קוק: עס איז פונאַנדערגערוקט די וואַנט פון אַ הייזל. אויף אַ מאַטע, מיט די פיס אונטער זיך, זיצט אַ יונגע יאַפּאַנערין אין אַ בונטער קימאָנאָ — אַ לעבעדיקע בלום; איבערן דאַך, אַראָפּ צו דער עפענונג פון הייזל, שטייט אַן איינגעבויגענער קאַרשנבוים. די יאַפּאַנערין באַוועגט קוים מיט די פינגער איבער די סטרונעס פון איר סאַמיסען (אַ מין גיטאַרע) און זינגט אַ פאַרבענקט גיישאַ־געזאַנג. עס דאַכט זיך דיר, אַז דאָס געזאַנג, אַז די טענער פון סאַמיסען קומען, ווי אַ צויבער פון דער לופט ארום

דעם מיידל. אויף אַ רגע ווערט מען איבערגעטראָגן אין דער וועלט פון א מעשהלע. דער צאַרטער קאָנטעמפּלאַציע־ניגון פון דער גיישאַ מאַכט נאָך פאַרביקער די שטאָט, די הייזליך, די גאַסן, דער אָטעם ווערט לייכטער, די וועלט — שענער.

הודזשי האַנאַי איז צופרידן, וואָס די שיינקייט פון זיין לאַנד באַהערשט מיך. ער פארשטעקט די הענט אין די ברייטע קימאָנאָ־אַרבל, ציט־אריין דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און איז פארקוקט אויף דעם מיידלס צאַרטע, דינע פינגער, וואָס באַוועגן זיך מילד איבער די סטרונעס פון סאמיסען.

און פּלוצים רייסט זיך אריין אין דער שיינער וועלט אַ סיגנאַל פון אַ שיף, וואָס קומט־אָן אָדער גייט־אַוועק פון פּאָרט. איך דריי זיך אויס מיטן פּנים צו די דאָקן און דער חלום צערינט. איך דערזע מיטאַמאָל דעם פּאָרט סורוגאַ:

קוליס מיט פּעלערינעס און הוטן פון פּשוטן שטרוי, שמוציקע און אָרעמע, מיט איינגעדאַרטע פאַרמעט־פּנימער און פארלאָשענע אויגן באַוועגן זיך שנעל, נעמען אַראָפּ פון די ריזיקע קראַנען קאַסטנס און פּעק, לאָדן־אויס און לאַדן־אָן שיפן. דו ווייסט נישט, צי עס קרעכצן די קראנען, צי עס קרעכצן די מענטשן. די אויפזעער שרייען, יאָגן די קוליס: שנעלער, שנעלער! די קליינינקע מענטשעלעך לויפן און שוויצן און קרעכצן און ברומען: „אָאָאָאָ!" דאָס גיט זיי ריטם פאר זייער שווערער ארבעט. זיי זעען אויס ווי ריזיקע מוראשקעס, מענטשן־מוראַשקעס.

דאָס זענען די אָרעמסטע מענטשן, דאָס זענען די, וואָס שטאַרבן די ערשטע, די עלנטסטע: קוליס.

מיטן פּנים אַהער, צו די דאָקן, באַקומט אַלץ אַן אַנדער זין: די מאָלערישע, פאַרטונקלטע בערג לויערן אויף מערב מיט ריזיקע האַרמאַטן־לופעס. דער גרינער סאַמעט פון די בערג און זייערע פארבאָרגענע פאַלדן האָבן איינגעשלונגען מיליאָנען טאָנען אייזנבעטאָן אויף פאָרטיפיקאַציעס. ווו דו שטעלסט אַ פוס, באַגעגנסטו אן אויפשריפט: „טרעספּאַסערס

וויל בי פראָזעקיוטעד!" — פאַרבייגייער וועלן ווערן פאַרפאָלגט; פאַרבאָטן צו טראָגן פאָטאָ־אַפּאַראַטן; פאַר־באָטן צו טראָגן צייכן־קאַרטאָנען; פאַרבאָטן, פאַרבאָטן, פאַרבאָטן. וואָרום די סורוגער בערג זענען מעכטיקע פאָר־טיפיקאַציעס, סטראַטעגישע נעסטן, און די סורוגער ים־בוכטע — איז דאָס הייסע וואַסער פון מערב־ברעג, וואָרום אַנטקעגן ליגט דער געפערלעכער בער — די רוסישע אימפּעריע, וואָס אירע אַפּעטיטן זענען קיינמאָל נישט געזעטיקט — אזוי בעת די צאַרן און אזוי ביים קאָמוניסטישן רעזשים; נידעריקער, צו דרום, ליגט קאָרעא און נאָך נידעריקער און ווייטער — כינע, דאָס לאַנד פון הונגער־קאַטאַסטראָפעס.

אויב עס וועט ווירקלעך קומען צו אַ פאַרמעסט צווישן ראַטנפאַרבאַנד און יאַפּאַן, וועט סורוגאַ שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָל. פון דאַנען אויס וועט קומען דער זעץ און סורוגא מיט אירע בערג־פאָרטיפיקאַציעס וועט פון דער צווייטער זייט דאַרפן שיצן יאַפּאַן קעגן א קאָנטר־אָנגריף.

שוין היינט, ווען מען פאָרט אויפן יאַפּאַנישן ים, אַנטקעגן די גרענעצן פון ראַטנפארבאנד און קאָרעאַ, ווערט די פּאַסאַזשירן פאַרבאָטן אויף אַ געוויסן פונקט ארויס־צוקוקן דורך די פענצטער אָדער שטיין אויף דער דעק. אויף דעם שטח קומען פאָר כסדרדיקע מאַנעוורעס פון יאַפּאַנישן ים־פלאָט, וואָס רעפּעטירט די מלחמה־דראַמע אויפן ווייטן מזרח.*)

הודזשי האַנאָי האָט געוואָלט, זיין לאַנד זאָל דערשיינען פאַר מיר עקזאָטיש און ראָמאַנטיש. פון זיין באַגאַזש האָט ער ארויסגענומען אַן אָפּבילד פון אַן אינקאַרנאַציע פונעם שעפער־גאָט איזאַנאָגי, געשניצט אין העלפאַנט־ביין, און מיר אויפגעוויזן דעם גרויסן איינפלוס פון דעם גאָט אויפן יאַפּאַנישן פאָלק.

*) דאָס באַציט זיך צום אָנהייב יאָר 1941, ווען קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז היטלער־דייטשלאַנד וועט איבערפאַלן רוסלאַנד און דעם יאַפּאַנישן איבערפאַל אויפן אַמעריקאַנער ים־פלאָט אין פערל האַרבאָר.

— די געטער באַאײנפלוסן אונזער לעבן און זענען משפיע אונזערע דרכים...

אין דעם זעלבן מאָמענט איז אַרײַנגעקומען דער סטיואַרט און מיר מודיע געווען, אַז איך ווער געבעטן אַרויפֿקומען אין עס־צימער פֿון דער 1־טער קלאַס.

עטלעכע אײראָפּעיש־געקלײדעטע הערן האָבן מיך אויפֿגענומען מיט דער רירנדיקער יאַפּאַנישער העפֿלעכקייט, וואָס מוז בײַ אַן אײראָפּעער אַרויסרופֿן פֿאַרדאַכט.

— מיר ווילן מיט אײַך האָבן אַ קורצן שמועס — איז מיר אײנער מודיע אין ענגליש — מיר וואָלטן אײַך דאַנקבאַר געווען, ווען איר קאָנט זיך טײלן מיט אונדז מיט אײַערע ווערטפֿולע מײנונגען וועגן געוויסע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

— איך בין נישט קיין פּאָליטיקער און איך צווייפֿל, צי מײַנע פּערזענלעכע מײנונגען זענען ווערטפֿול פֿאַר אײַך.

— אָ, זייער ווערטפֿול — פֿאַרנויגט זיך דער יאַפּאַנער, און נאָך אַ לאַנגן צעטל שאלות וועגן די באַציאונגען צווישן ראַטנפֿאַרבאַנד און דײַטשלאַנד, פֿרעגט דער אַגענט מיט דאָפּלטן נײַגיר:

— וואָס זאָגט די וועלט וועגן דער פֿרײַנטשאַפֿט צווישן אונדז און היטלערן?

— שווער צו וויסן, וואָס די וועלט זאָגט. און איך מײן, אַז נאָך אַלעמען וועט אײַך דער „פּירער" פֿאַראַטן, אויב דאָס וועט אים לוינען, ווי ער טוט מיט אַלע, וועלכע גײען מיט אים. ווען עמעצער טוט פֿאַר אים אָפּ דאָס געפֿאָדערטע שטיקל אַרבעט, שלינגט ער אים אײַן.

דער יאַפּאַנער האָט שנעל איבערגעזעצט דאָס לעצטע פֿאַר זײַנע קאָלעגן. אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן צוזאַמען, ציען די ליפּט דורך די צײן — אַ סימן פֿון גרויס איבערגענומענקייט.

דערווײַל האָט דער סטיואַרט געבראַכט טיי מיט קיכלעך און פֿרוכטן. יעדער אײנער פֿון דער גרופּע האָט אַרויס־געוויזן אַ רירנדיקע גרייטקייט צו באַדינען מיך. איך בין זיך מודה, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען אַזעלכע

העפלעכע אגענטן און איך האָב בפירוש מורא געקריגן פאַר זייער העפלעכקייט...

— איר קענט זיין אינגאַנצן אויפריכטיק — זאָגט ווידער צו מיר דער איבערזעצער — עס איז אַ פּריוואַטער שמועס און איר קענט פריי ארויסזאָגן אייערע מיינונגען. ווי מיינט איר, צי וועט אמעריקע אריין אין קריג?

אַלע האָבן מיר געקוקט אין מויל אריין, ווי פון מיינע ווערטער וואָלט אָפּהענגיק געווען דער באַשלוס פון אמעריקע...

— יאָ, — זאָג איך — די וועלט זאָגט, אַז אויב יאַפּאַן וועט אויסברייטערן די מלחמה אויפן ווייטן מזרח אין די אינטערעסן פון דער אַקס, וועט אוודאי אמעריקע אריין אין קריג.

דער לעצטער זאַץ האָט בפירוש געמאַכט אן איינדרוק אויף די אגענטן. דער איבערזעצער האָט לאַנג אריינגערעדט אין זיינע קאָלעגן און זיי — אין אים. לסוף זאָגט צו מיר דער איבערזעצער, נישט קוקנדיק מיר אין די אויגן:

— מיר יאַפּאַנער ווילן בלויז לעבן; העכער נייַנציק מיליאָן זענען מיר און ווערן דערשטיקט פון ענגשאַפט. מיר ווילן און האָבן רעכט צו לעבן ווי מענטשן און נישט ווי קוליס. מיר גייען מיט דייטשלאַנד, ווייל אונזער רעגירונג האַלט, אז פון אָט דער פּאָליטיק קענען מיר געניסן. אָבער דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען נישט קיין אריער און געהערן צו דער געלער ראַסע... און היטלער מיט זיין ראַסן־פּאָליטיק...

ווי צו באקרעפטיקן זיין דערקלערונג האָט דער אגענט אָנגעגאָסן אַ פרישע טעפּעלע טיי און מיך מכבד געווען מיט קיכלעך:

— ביטע... עסט... יאָ... מיר פאַרהאַלטן אייך אַביסל צו לאַנג... זייט אונז מוחל.... אייגנטלעך איז אונזער שמועס געענדיקט, אָבער איידער מיר געזעגענען זיך וואָלטן מיר וועלן אייך בעטן נאָך איין ענטפער. מיר מיינען, למשל, די פראַגע פון כינע, ס'הייסט, וואָס זאָגט די וועלט וועגן אונזער מלחמה מיט כינע?

איך האָב נישט באַלד געענטפערט. ס׳האָט מיר געלאָקט די געלעגנהייט צו זאָגן זיי, וואָס איך טראַכט וועגן זייער אָנפאַל אויף כינע און פון דער צווייטער זייט האָב איך פשוט מורא געהאַט צו ריזיקירן. לסוף האָב איך די העפלעכע יאַפּאַנער פאַרצאַפּט בלוט, ווייל מיין פּערזענלעכע מיינונג האָב איך איבערגעגעבן ווי די מיינונג פון דער גאַנצער וועלט, מ׳שטיינסגעזאָגט, אַז זי, די אַזוי־גערופענע וועלט, באַטראַכט יאַפּאַן אלס אן איבערפאַלער און פּאָגראָמירער פון כינעזישן פאָלק — אגב צווישן אונז זאָל עס בלייבן: דאָס כינעזישע פאָלק ליגט דער וועלט אפילו נישט אין דער לינקער פּיאה. ווען דער איבערזעצער האָט דער געזעלשאַפט איבערגעגעבן „די מיינונג פון דער וועלט" — האָבן די יאַפּאַנער אָנגעהויבן זופּן מיט די נעז, ציען די לופט דורך די ציין און אַלע האָבן אין אים, אין דעם איבערזעצער, אריינגערעדט. נאָכדעם האָט ער מיר קורץ און קאַלט געזאָגט:

— אפשר ווייסטו, ווי אזוי מען מאַכט אזעלכע זאַכן בלוטלאָז? קליינע מלוכות האַלטן ריזיקע טעריטאָריעס אין זייער קאָלאָניאַלן באַזיץ און מיר ווערגן זיך אין ענגשאַפט. די אייראָפּעישע מלוכות האָבן אונז פאַרשטעלט אַלע וועגן; רוסלאַנד באַהערשט א זעקסטל פון דער וועלט, איר באַפעלקערונג איז נישט מער ווי אַ דרייצנטל פון דער באַפעלקערונג פון דער וועלט און זי וויל נאָך קאָלאָניעס. טאָ וווּ זאָלן מיר גיין? זאָלן מיר זיך לאָזן פאַרשקלאַפן דורך די אייראָפּעישע מלוכות, ווי זיי האָבן פאַרשלאַפט אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער?

— יאָ, אָבער די פּראָגרעסיווע וועלט „האַלט", אז אין דעם איז נישט שולדיק דאָס כינעזישע פאָלק; אַז צוליב דעם קאָנט איר נישט באַשטראָפן אן אומשולדיק פאָלק.

— ווו איז געווען די פּראָגרעסיווע וועלט, ווען אייראָפּעישע מלוכות האָבן אויסגעצאַפּט דאָס בלוט פון כינע? דעמאָלט האָט עס געהייסן: טראָגן ציוויליזאַציע, יאָ?...

ווען דער איבערזעצער האָט צו מיר גערעדט, האָט

דער אָנפירער פון די גרופּע העפלעך צו מיר געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יעסו, יעסו, טססססס...

איך האָב געפילט, אז די אגענטן הייבן זיך אָן אויפרעגן און ס'איז צייט איבערצורייסן די דיסקוסיע. אָבער די יאַפּאַנער האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט. דער איבערזעצער האָט שוין איצט נישט געפרעגט מיין מיינונג, נאָר אריינגערעדט אין מיר, געשאָטן מיט ווערטער און, ווייזט אויס, דווקא געוואָלט געווינען אַ יידישן שרייבער אַ פּליט פאַר דעם יאַפּאַנישן איבערפאַל אויף כינע.

*

באַלד ווי מיר זענען איינגעשטיגן אין צוג און איינגעאָרדנט אונזער באַגאַזש, האָב איך דערציילט הודזשי האַנאַי וועגן מיין געשפּרעך. ער האָט געוואָלט פארווישן דעם איינדרוק, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזט די אגענטן.

ער האָט געלאָזט שטיין די הילצערנע סאַנדאַלן אויף דער ערד און די פיס ארונטערגענומען אונטער זיך, ווי דאָס טוען יאַפּאַנער, בעת זיי פאָרן אין צוג. ער האָט געקויפט אַ הילצערן קעסטעלע עסן און אַ קענדעלע גרינעם טיי און עטלעכע פרוכטן — אַ יאַפּאַניש מיטאָג.

— היט זיך, פריינט, פאַר צוויי זאַכן: פאַר פאָראורטיילן און פאַר פּאָליציי;ביידע פארשמעלערן די האָריזאָנטן פון אונזער וועלט. טראַכט וועגן אונז נישט אזוי ווי מען זאָגט דיר, אז מיר זענען; נאָר אזוי ווי דו זעסט אונז, אזוי ווי דו וועסט אונז זען.

הודזשי האַנאַי האָט אָנגעטאָן ברילן — א סימן פון גרויס וויכטיקייט, — און ווייטער געזאָגט:

— די ווייסע ראַסע זאָגט אויף אונז, אז מיר זענען פאַשיסטן. מיר זענען עס נישט. איך וויל נישט רעדן וועגן דער פּאָליטיק פון אונזער רעגירונג. קיין שום פאָלק איז נישט פאראנטוואָרטלעך פאר דער פּאָליטיק פון די מענטשן, וואָס פירן זייער מלוכה, אָבער וועסט מודה זיין, אז די ווייסע ראַסע איז שולדיק אין דער פארשפּרייטונג פון

פאַשיזם איבער דער וועלט. דער פאַשיזם פון אייראָפּע איז די היפּערטראָפיע פון קאַפּיטאַליזם און אַ נאָכמאַכונג פון קאָמוניזם אָן זיינע אידעאָלאָגישע פראַזן. דאָרט איז די מלוכה־מאַכט אזוי אומברחמנותדיק, אזוי אכזריותדיק, ווי ס'איז זייער אינדוסטריע. מענטשן זענען געוואָרן דאָרט ווערטלאָז, עס שפּייט זיי אויס די מאַשין און עס שפּייט זיי אויס די מלוכה־מאַכט. ביי אונז הערשט נאָך, אמת, דער גייסט פון די סאַמורייען, דער גייסט פון ריטערטום און פעאָדאַלן, דער גייסט פון קריגער. מעסט נישט, פריינד, יאַפּאַן מיט דער מאָס פון אייראָפּע, ווייל אייראָפּע האָט בכלל נישט קיין מאָס. דאָס שענסטע און איידלסטע האָבן די אייראָפּעישע „קולטור־פעלקער" דערטרונקען אין בלוט און געשענדעט אין מלחמות און רעוואָלוציעס. מיר האָבן קיינמאָל נישט גלייכגעוויגן די טעקסטיל־מאַשין מיט גייסטיקער קולטור. און דאָך רופן אונז די אייראָפּעישע פעלקער — „אַזיאַטן", בעת זיי גופא זענען געוואָרן באַרבאַרן מיט ראַדיאָ און עראָפּלאַן...

הודזשי האַנאַי האָט איבערגעריסן און זיך פאַרטראַכט.

דערווייל איז די באַן געלאָפן דורך א גרויסן טאָל. פון ביידע זייטן האָבן זיך אויפגעהויבן בערג באַדעקטע מיט באַוול־קולטורן. ווו־נישט־ווו זענען די בערג געווען נאַקעט און רויטלעך, ווי פריש לייב. די באַן איז כסדר געלאָפן דורך א שטאָט, דורך אַ שטאָט אָן אומענדלעכער און פאַרשידנפאַרביקער, פון אַלט און ניי־יאַפּאַן.

דאָס איז דאָס ווירקלעכע בילד פון צענטראַל־יאַפּאַן. די געדיכטעניש דאָ איז אַזוי גרויס, אַז שטעט און פּראָווינצן גיסן זיך צונויף. דערפער קריכן אריין אין שטעט מיט זייערע פרימיטיווע הייזלעך פון באַמבוס און שטרוי און מאָדערנע אייזנבעטאָנענע הייזער קריכן אריין אין קליינע צונויפגעטוליעטע שטעטלעך און פאַרטרייבן דאָס אַלטע עקזאָטישע יאַפּאַן.

צווישן הויז און הויז, ווו עס בלייבט אַ שטיקל פרייער שטח — איז פאַרזייט רייז. ווו נאָר עס איז פאַראַן אַ פריי שטיקל באָדן, וואַקסט באַוול, — צווישן דעכער, צווישן

שטעלער, צווישן קעמערלעך. די הייזלעך זענען אָנגעוואָרפן איינס אויפן אַנדערן, צונויפגעקוועטשט ווי צעשראָקענע שעפּסן. אָבער ווי צונויפגעדרענגט דאָס אַלץ זאָל נישט זיין, בלייבט נאָך אַ קליינער שטח פּאַר יעדן, אויף דער שוועל צו האַלטן אַ צענדליק ערדענע טעפּ, ווו דער יאַפּאַנער האָדעוועט ירקות. און אומעטום, ווו דאָס אויג טוט אַ קוק, אויף דעכער, אויף פּאַרקאַנעס, אויף באַלקאָנען, הענגט ווייסער רעטעך צום טרוקענען. דאַכט זיך, אז אינערגעץ אויף דער וועלט ווערט שטח נישט אויסגענוצט, אזוי ווי אין יאַפּאַן.

לויפן די צוגן דורך איין ריזיקער שטאָט, שניידן אַדורך גאַסן, וועגן, פּראָווינץ־גרענעצן און מען באַמערקט אפילו נישט, ווען איין שטאָט ענדיקט זיך און ווען אַ צווייטע הייבט זיך אָן. אָפּטמאָל געבן־אויף שטעט זייערע נעמען צו די, וואָס האָבן זיי איינגעשלונגען. די אַלטע מאָלערישע שטאָט היאָגאָ איז אויפגעפרעסן געוואָרן דורך דער שטאָט קאָבע. דער ריזיקער אינדוסטריע־צענטער — אָסאַקאָ שלינגט כסדר איין שכנותדיקע שטעטלעך און דערנענטערט זיך פון איין זייט צו קאָבע און פון דער צווייטער — צו דער אַלטער יאַפּאַנישער הויפּט־שטאָט, קיאָטאָ.

און אומעטום, צו יעדעס ווינקעלע פון דער גרויסער שטאָט, צו יעדעס ווינקעלע פון דעם גרויסן לאַנד פירט אַ קאָמפּליצירטע קאָמוניקאַציע פון באַנען, טראַמווייען און אויטאָבוסן און אונטערגרונט־באַן. יאַפּאַן איז ממש פּאַרוועבט מיט אַ נעץ פון באַן־ליניעס. עלעקטרישע עקספּרעסן לויפן אויף פיל הונדערטער קילאָמעטער.

קיין טאָקיאָ קומען־אָן און גייען־אַוועק נישט ווינציקער ווי דריי טויזנט צוגן אין מעת־לעת. פון קאָבער סאַנאָמיער־סטאַציע גייען־אָפּ טעגלעך טויזנט צוויי הונדערט צוגן — צווישנקאָנטינענטאַלע, לוקסוס־עקספּרעסן, ספּעציעלע צוגן, טוריסטן־צוגן, שילער־צוגן און הינטערשטאָטישע באַנען.

קאָמוניקאַציע איז אין יאַפּאַן אַ גרויסע אינדוסטריע. און ווי אַזעלכע באַמיט מען זיך די באַקוועמלעכקייטן פּאַר

די פּאַסאַזשירן זאָלן דערפּירט ווערן ביז מאַקסימום, דעם פּאַסאַזשיר זאָל זיך גלוסטן פאָרן. און אינערגעץ אויף דער וועלט פאָרט מען נישט אַזוי פיל ווי אין יאַפּאַן. „דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז אויף רעדער" — זאָגט הודזשי האַנאַי.

פעסטיוואַלן זענען רעליגיעזע צערעמאָניעס און יעדער פעסטיוואַל קומט פאָר אין אַן אַנדער שטאָט. מוז מען פאָרן. און פעסטיוואַלן זענען פאַראַן אין די הונדערטער, אַז ס'איז גאָרנישט מעגלעך מיטצומאַכן אַלע. די אַמביציע פון יעדן יאַפּאַנער איז צו זען וואָס מער פעסטיוואַלן.

אַ גרויסער טייל פון דער בילדונג פון יאַפּאַנישע קינדער פאַרנעמט דאָס אַרומפאָרן איבערן לאַנד צו באַזוכן די אינטערעסאַנטע און היסטאָרישע ערטער: טעמפּלען און נאַציאָנאַלע שריינס, געטער און בערג. געאָגראַפיע ווערט געלערנט אויפן לאַנד גופא, אַרומפאָרנדיק, צווישן וועלדער און טייכן, דאָרט, ווו דאָס קינד קומט אין באַריררונג דירעקט מיט דער נאַטור. געשיכטע שטודירט דער יאַפּאַנישער סטודענט אויפן אָרט. ביי די נאַטירלעכע קוואַלן. ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד ווערט איינגעוואָרצלט אין יאַפּאַנישן קינד דורך אַרומפירן אים איבערן לאַנד. אַזוי איז אין דער פאָלקס־שול, אין דער מיטל־שול און הויכשול. מיליאָנען שילער און סטודענטן פאָרן אַרום איבערן לאַנד באַהאָנגענע מיט רוקזעק, ביכער, וואַסער־פלעשער און שירעמס. אַלע פאָרן אין גרופּן צו 200־300, זיי פילן־אויס די אכסניהס אין די קליינע שטעטלעך, די אָפּרו־צימערן פון די וואָקזאַלן אין די גרויסע שטעט.

די וואָקזאַלן אין די שטעט זענען געבויט לויט די סאַמע לעצטע טעכנישע דערגרייכונגען. ראַדיאָ־הילכערס, נעאָן־אויפשריפטן און פעראָן־באַאַמטע פירן דעם פּאַסאַזשיר פון גאַס צום וואַגאָן. אויף די פעראָנען זענען אינסטאַלירט רייען וואַש־שיסלען מיט לויפנדיק וואַסער, וואָרום דאַכט זיך, אַז קיין פאָלק אויף דער וועלט וואַשט זיך נישט אַזוי פיל, ווי דאָס יאַפּאַנישע. אינערגעץ וועסטו נישט באַגעגענען אַזאַ ציכטיקייט ווי אין יאַפּאַן, וואָרום דאָ קען מען נישט דעם מנהג פון ארייננגיין אין אַ שטוב מיט די שיך; דאָ

קען מען נישט דעם מנהג פון שפּייען אויף דער ערד, פון געבן זיך שלום־עליכם. אַ קולטורעלער יאַפּאַנער נוצט נישט צוויי מאָל אַ נאָז־טיכל. ער באַנוצט בכלל נישט קיין לייוונטענע נאָזטיכלעך; ער טראָגט מיט זיך פאַרשטעקט אין דער קימאָנאָ אַ פּאַק פּאַפּיר־נאָזטיכלעך, וועלכע ער נוצט נישט מער ווי צו איין מאָל.

און די וואָקזאַלן באַזאָרגן מיט עסן יעדן צוג, וואָרום עס זענען פאַראַן עקסקורסיעס פון שולן, וואָס פאָרן אַרום איבערן לאַנד וואָכן־לאַנג, און די שטחים פון יאַפּאַן זענען זייער גרויסע. אַ קעסטעלע עסן איז דער נאָרמאַלער מאָל־צייט פון אַ יאַפּאַנער; אינעם קעסטעלע געפינט איר: אין איין אָפּטיילונג אַ פּאָרציע רייז, און אין קלענערע אָפּטיי־לונגען: אַ שטיקעלע מאַרינירטן רעטעך, אַ שטיקעלע בוראַק, עטלעכע בלעטעלעך און אַ שלימאַקל, ווי אַ גריוו, ווי דער „טשוואָק" פון דעם מאָלצייט. צו דעם קומען נאָך צוויי שטעקעלעך, דאָס „באַשטעק", און — מיט אַ גוטן אַפּעטיט... און מען פאָרט ווייטער מיט דער לייכטקייט, ווי מען וואָלט געפאָרן אין אַ טראַמוויי. דער יאַפּאַנער איז זייער געדולדיק און פאַרמאָגט גאַרנישט פון אונזער נערווע־זיטעט. ער זיצט אין צוג צען־צוועלף שעה און עס פאַלט אים נישט איין צו לאַנגווייליקן זיך. פאַרקערט, ער ווײַלט זיך; ער קוויקט זיך מיט די נאַטור־שיינקייטן, וואָס לויפן פאַרביי פאַרן פענצטער, מיט די מענטשן, וואָס ער זעט, און ווער שמועסט נאָך, אַז ער קען כאַפּן אַ שמועס — דע־מאָלט איז די רייזע אַ גרויס פאַרגעניגן.

און כאַראַקטעריסטיש: ווי ציכטיק דער יאַפּאַנער זאָל נישט זיין, ווי זיין וווינונג זאָל נישט פּעכלען — זעט אויס דער באַן־וואַגאָן ווי אַ מיסטקאַסטן. אַלץ, וואָס איז נישט נויטיק דעם פּאַסאַזשיר — וואַרפט ער אויפן דיל. דאָס ליידיקע קעסטעלע פון עסן, מאַראַנצן־שאָלעכץ, פּאַפּיר אא"וו. אָפּטמאָל טרעט מען אין מיסט ביז איבער די קני. אויף יעדער גרעסערער סטאַציע ווערן די וואַגאָנעס גערייניקט אָבער אין פינף מינוט שפּעטער זיצט מען שוין ווידער אין אַ מיסטקאַסטן. דאָס נעמט זיך פון דער איבערצייגונג פון

יאַפּאַנער, אַז דאָרט, ווו מען קען אַריינקומען מיט די סאַנדאַלן אויף די פיס, איז דאָס אָרט נישט ווערט געשווינט צו ווערן. אויסער דעם איז דאָ אַ פאַרבאָט אַרויסצוואַרפן דורכן וואַגאָן־פענצטער זאַכן — וואָרום צוליב דער געדיכטקייט פון מענטשן אין יאַפּאַן טרעפט אָפט פאַלן, אַז אַן אַרויסגעוואָרפענער חפץ דורכן פענצטער צעמזיקט אַ פאַרבייגייער, אַ באַן־אַרבעטער, אָדער אַ קינד, וואָס שפילט זיך ביי דער ליניע.

ביז היינט האָבן זיך נאָך אַ סך יאַפּאַנער נישט צוגעוווינט צו זיצן אין וואַגאָן מיט די סאַנדאַלן און ווי נאָר ער פאַרנעמט אַ פלאַץ, טוט ער זיי אויס און נעמט די פיס אונטער זיך.

די באַן־כראָניק גיט איבער וועגן הונדערטער פאַלן, אַז בעת מ׳האָט אין יאַפּאַן איינגעפירט באַנען, פלעגן יאַפּאַנער איבערלאָזן די סאַנדאַלן אויפן פעראָן, און ווען זיי זענען אָנגעקומען אויף זייערע ערטער און נישט געפונען אויף די סטאַציעס די סאַנדאַלן, האָבן זיי זיך שטאַרק געוווּנדערט און גע‌ליאַרעמט. אַזעלכע פאַלן טרעפן זיך נאָך היינט אין פאַרוואָרפענע פראָווינצן. ווער וועט נאָך זאָגן, אַז א י י ן כעלעם איז פאַראַן אויף דער וועלט?

★

שוין עטלעכע סטאַציעס פאַר טאָקיאָ דערפילט מען: עס דערנענטערט זיך דער כרך, די מעטראָפּאָליע פון דער יאַפּאַנישער מלוכה. די צוגן זענען פול מיט פּאַסאַזשירן: שול־אויספלוגן מיט רוקזעק און פּאַראַסאָלן, פויערן מיט קוישן, עולי־רגל מיט גרויע ציגן־בערד און הויכע שטעקנס, באַאַמטע אין ברילן, פרויען מיט קינדער צוגעבונדן אויף די פּלייצעס, ווי שעפּסן, און זעלנער מיט האַק און פּאַק. אין די פענצטער ליגן מענטשן קעפּ אויף קעפּ צו זען פון דערווייטנס זייער הויפּטשטאָט, זייער טאָקיאָ, וועגן וועלכער מען דערציילט וווּנדער איבער וווּנדער.

און טאָקיאָ קומט אַנטקעגן מיט וואָלקנקראַצערס, ריי־

זיקע הייזער, און מיט אַ וואַלד פֿאַבריק־קוימענס. מיט די אַספֿאַלטירטע שאָסייען, וואָס לויפֿן לענגאויס דער באַן־ליניע, פֿליסט אַן אימפּעטיקער שטראָם פֿון אויטאָס, טראַנס־פּאָרט־וועגענער, מאָטאָקאָרן און פֿוסגייער. אַלץ פֿליסט אַהין, אַהין, ווו ווייסע בנינים שפּאַרן־אונטער דעם בלויען ליכטיקן הימל, ווו עס זיצט אויפֿן טראָן דער מענטשנגאָט — דער גנעדיקער מיקאַדאָ און ווו די קייט פֿון ווולקאַן־בערג רייסט זיך אָפּ און פֿאַלט אַריין אין די בלויע וואַסערן פֿון פּאַציפֿישן אָקעאַן.

נאָך ניו־יאָרק און לאָנדאָן, איז טאָקיאָ די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט. שוין היינט פֿאַרמאָגט די שטאָט העכער זעקס מיליאָן איינוווינער און די טענדענץ צו צע־וואַקסן זיך איז נאָך כסדר אין פֿולער שפּאַנונג. נאָך דער גרויסער ערדציטערניש פֿון 1923, ווען די שטאָט איז כמעט חרוב געוואָרן — איז טאָקיאָ אויפֿגעשטאַנען ווי אַ מאָדער־נער אייזנבעטאָנענער ריז מיט בנינים, וואָס פֿאַרמעסטן זיך מיט די מעטראָפּאָליעס פֿון דער וועלט — ניו־יאָרק און לאָנדאָן.

עס זעט אפשר אויס משונהדיק, אָבער נאָך יעדער גרויסער ערדציטערניש, ווען עס ווערן חרוב מענטשלעכע ישובים און הונדערטער יאָרן מי און שווייס — ווערט יאַ־פּאַן רייכער, מעכטיקער. אָבער די ערדציטערניש פֿון 1923 איז פֿאַר טאָקיאָ געווען אַן אמתע רעוואָלוציע. די טויזנט צוויי הונדערט ערד־שטויסן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין משך פֿון עטלעכע טעג, האָבן אויף אייביק אָפּגעמעקט דעם יאַפּאַנישן אַרכיטעקטור־סטיל פֿון טאָקיאָ און געגעבן דער שטאָט צפֿון־אַמעריקאַנער אויפֿשוווּנג. אָבער דאָך איז טאָקיאָ געבליבן טיפּיש יאַפּאַניש.

ווייל פּונקט ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן נעמט יאַפּאַן פֿון אייראָפּע בלויז דאָס סאַמע וועזנטלעכסטע, דאָס חומר־דיקע, אַזוי האָט אויך טאָקיאָ גענומען פֿון אייראָפּע און אַמעריקע דאָס אורבאַניסטיש־מאָדערנע און מיט אַ גע־וואַלטיקן אייפֿער זוכט זי צו פֿאַרטרייבן פֿון דאַנען יעדן שפּור פֿון אייראָפּעישער הנהגה און גייסטיקער השפּעה.

דאָ, אין טאָקיאָ, וועסטו זעלטן ווען באַגעגענען אַן אייראָ־פּעישן אויפשריפט, קיין איין לאַטייניש אות (אַן אויסנאַם זענען די קאָנסולאַט־געביידעס). אומעטום הערשט אומ־צעטיילבאַר דער יאַפּאַנישער אידעאָגראַף. די גאַסן־לאַמ־טערנעס זענען אין יאַפּאַנישן סטיל. די פּאָליציאַנטן רעגו־לירן די גאַסן־באַוועגונג מיט יאַפּאַנישע לאַמפּיאָנען, די זעלבע, וועלכע ווערן באַנוצט אויף פעסטיוואַלן און רעלי־גיעזע צערעמאָניעס.

די ווייט גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז אָנגעטאָן יאַפּאַניש־נאַציאָנאַל: די פרויען אין גרעל־פאַרביקע קימאָנעס און מענער — אין באַשיידענע טונקעלע קימאָנעס, און אַלע אין הילצערנע סאַנדאַלן. און וואָס איז צום מערסטן יאַפּאַניש: די גאַסן האָבן נישט קיין נעמען און די הייזער — קיין נומערן. מ׳אָריענטירט זיך לויט ראַיאָנען, האָטעלן, טעמפּלען, וואָרנהייזער און ענלעכע סימנים. און דאָך איז די פּאָסט, דער טראַנספּאָרט און אַנ־דערע איינריכטונגען אַזוי אָוועקגעשטעלט, אַז מען פילט גאָרנישט, אַז אָט די זעקס־מיליאָניקע שטאָט אָריענטירט זיך „אויף בלינד" און אָריענטירט זיך דווקא גוט.

אין אַ מינוט פון ספּעציעלער שטימונג האָט הודזשי האַנאַי מיר איינמאָל געזאָגט:

— ווען מיר וועלן באַהערשן אינדאָכינע, טאַי און דעם מאַלײשן האַלב־אינזל און דורכגראָבן אַ קאַנאַל, וואָס זאָל פאַראייניקן דעם כינעזישן ים מיטן אינדישן אָקעאַן, וועט ערשט דעמאָלט די וועלט דערפילן דעם לעבנס־כוח פון יאַפּאַן און די אַרבעטזאַמקייט פון אונזער פאָלק.

יאַפּאַן האָט דעמאָלט געדראָאָט די וועלט מיט נייע אויפטרייסלונגען; יאַפּאַן האַנדלט מיט דער גאַנצער ניכ־טערקייט פון אַ מאָדערנעם ציל־באַוווסטזיניקן שטאָט, אָבער גלייכצייטיק איז דאָס פאָלק געבליבן מיט זיינע אַלטע מנהגים און שטייגער ווי פאַר הונדערטער יאָרן צוריק.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב אויף די גאַסן פון טאָקיאָ באַגעגנט אַ יונגע פרוי, וואָס האָט

געקליבן „טויזנט אויגן״ פֿאַר איר מאַן אָדער ברודער אויפֿן כינעזישן פּראָנט.

דער יאַפּאַנער גלויבט, אַז ווען מען וויל שיצן דאָס לעבן פֿון אַ זעלנער אויפֿן פראָנט, דאַרף מען צונייען צו זיין גאַרטל אַ שטיקל לייוונט, דורך וועלכן טויזנט פרויען האָבן אַדורכגעצויגן טויזנט „אויגן״ מיט רויטן פאָדעם און יעדעס אויג אָפּגעביסן מיט די ציין. חלילה נישט אָפּשניידן דעם פאָדעם מיט קיין מעסער אָדער שערל, ווייל די מכ־שירים זענען פֿון מעטאַל פּונקט ווי די קויל, פֿון וועלכן דאָס שטיקל לייוונט דאַרף שיצן...

דער שטייגער שטאַמט אפשר פֿון די צייטן פון די סאַמורייען, ווען דאָס געווער איז געווען פייל־און־בויגן און אַ גוט־אונטערגענייטער פאַנצער האָט געשיצט קעגן דער פייל.

צענדליקער טויזנטער יאַפּאַנישע זעלנער טראָגן מיט זיך אַזעלכע שטיקלעך לייוונט מיט „טויזנט אויגן״ און דאָס גיט זיי די „פולע זיכערקייט״, אַז זיי וועט קיין בייז נישט געשען. די דערפֿאַרונגען אויפֿן כינעזישן פראָנט און אויף אַנדערע פראָנטן האָבן אפילו געוויזן דעם ווערט פון אָט דער קמיע, אָבער דאָס האָט אויף אַ האָר נישט געמי־נערט די שטאַרקייט פֿון דעם אבערגלויבן.

איז די יונגע פרוי אַרומגעגאַנגען אויף די טאָקיאָער גאַסן, אָפּגעשטעלט פרעמדע פרויען און געבעטלט אַן „אויג״, אויסגעשטעקט צו יעדער דאָס רייפל, אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעצויגן דאָס שטיקל לייוונט מיט אַ רויטן פאָדעם. קיין שום פרוי אין דעם גרויסן ווירוואַר פון דער זעקס־מיליאָניקער שטאָט האָט נישט אָפּגעזאָגט. יעדע האָט אַראָפּ־געלייגט איר טלומאָקל אויפֿן טראָטואַר, אַדורכגעצויגן אַן „אויג״ אין לייוונט, אָפּגעביסן דעם דרים און ביידע פרויען האָבן זיך לאַנג און טיף פֿאַרנייגט פֿאַר אייניאַנדער. — —

*

טאָקיאָ איז אַ גרויסער האַנדל־און אינדוסטריע־צענטער. דאָ ווערט אָרגאַניזירט און אויסגעפירט דער דומפּינג־אַנ־

גריף פון דער יאַפּאַנישער פּראָדוקציע אויף אַלע קאָנטינענטן פון דער וועלט. טאָקיאָ דיריגירט מיט דער פּאַרפּליי־צונג אויף די וועלט־מערק פון יאַפּאַנישן זייד און קאָטאָן. טאָקיאָ זעטיקט אָן אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט מיט יאַפּאַנישע פּאָרצעליי־אויסאַרבעטונגען און גאַלאַנטעריע. מיט יאַפּאַנישע שפּילצייג, וואָס עס ליפערט טאָקיאָ און נאַגאיאָ, שפּילן זיך די קינדער פון בורמאַ און פון קאָנגאָ, פון פייער־לאַנד און גרענלאַנד. ווהין עס דערגייט נאָר אַ שיף — אַהין ליפערט טאָקיאָ יאַפּאַנישן בראָקאַט, לאַק, וואַזעס, האַפּטן און די אַלע אויסאַרבעטונגען, וואָס דערפרייען די הערצער פון קונה צוליב זייער ביליקן פּרייז. דער יאַפּאַנישער האַנדל איז ניכטער, ראַפינירט און דעראָבעריש.

אָבער אַט די קאָמערציעלע ניכטערקייט שטערט נישט, אַז אין געוויסע אַפּטייקן פון טאָקיאָ זאָל מען פאַרקויפן רפואות לויט אייראָפּעישע רעצעפּטן אין דער פאָרם פון קמיעות: אַספּירין אין געשטאַלט פון אַ מאַלפּע־קעפּל, ווייל אַ מאַלפּע־קאָפּ — גלויבט דאָס פאָלק — איז אַ סגולה קעגן היץ און קאָפּ־ווייטיק. מען פאַרקויפט מיטלען קעגן הוסט אין דער פאָרם פון נעגל פון אַ שפּערל, ווייל די בעסטע סגולה קעגן הוסט זענען שפּערל־נעגל. די אייראָפּעישע מיטלען, אַז האָר זאָלן וואַקסן, האָבן דאָס אויסזען פון אַ געבראָטענעם פלעדערמויז. אויב ס'איז נאָר דאָ אַ פּרייער יען,*) וועט יעדע פרוי קויפן אַ מיטל, וואָס זעט אויס ווי אַ געפּרעגלטער שפּאַרבער, דאָס דאָזיקע מיטל מאַכט גלאַטיק די הויט. ווען אַ יאַפּאַנער ליידט אויף רעוומאַטיזם און ער וויל אַ גוטע רפואה, וועט ער קויפן נאָר אַזאַ, וואָס האָט דאָס געשטאַלט פון אַ גאַנצן שפּערל, און קעגן קאָפּ־ווייטיק וועט ער אויך קויפן אַש פון אַ סאָווע — — — —

דער גלויבן אין פּילגעטערייי און אין זייערע גלגולים העלפט שטאַרק אויפצוהאַלטן די אַבערגלויבנס אפילו ביי ראַציאָנאַליסטן.

טאָקיאָ איז אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער און וויסנ־

*) יען, — נאָמען פון דער יאַפּאַנישער מטבע.

שאַפֿטלעכער צענטער. זעקס אוניווערסיטעטן בילדן־אויס אַן אַרמיי פֿון אַכציק טויזנט סטודענטן. נישטאָ קיין אייראָ־פּעישער געדאַנק, וואָס זאָל נישט אַדורכנורטעווען די טאָקיאָ־ער אוניוואָרסיטעטן און זאָל דאָרט נישט געפֿינען קיין קעגנער און פֿריינד, וואָס זענען פֿעיק צו שלאָגן זיך פֿאַר דעם געדאַנק ביז בלוט. טאָקיאָער אוניוואָרסיטעטן בילדן־אויס ספּעציאַליסטן אויף אַלע געביטן פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק, אָבער טאָקיאָער אוניוואָרסיטעטן זענען אויך די נעסטן פֿון דער שוואַרצסטער רעאַקציע. פּונקט ווי דער מאַרקסיסטישער געדאַנק געפֿינט דאָרט טויזנטער ענטו־זיאַסטן, וואָס זענען גרייט צו ממיתן זיך פֿאַרן גרויסן „קאַראָ־רו מאַרקוסו", ווי די יאַפּאַנער זאָגן אַרויס דעם נאָמען פֿון קאַרל מאַרקס. נישטאָ קיין אוניוואָרסיטעט אין יאַפּאַן, וואָס זאָל נישט האָבן פּאָליציי־סטאַציעס, ווייל אויף די אוניוואָרסיטעטן קומען פֿאָר כסדרדיקע פֿאַרביסענע קאַמפֿן צווישן די פֿיל פּאָליטישע גרופּן. אַ יאַפּאַנישער סטו־דענט, וואָס האָט נישט געכאַפּט קיין קלעפּ און נישט געגעבן קיין קלעפּ צוליב פּאָליטישע איבערצייגונגען איז אַ פּשוטער שלומיאל.

טאָקיאָ פֿאַרמאָגט צענדליקער רייכע ביבליאָטעקן און לייען־זאַלן מיט מיליאָנען לייענער. די ביכער־אינדוסטריע אין יאַפּאַן איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, אָבער וועגן ביכער־מאַרק אין טאָקיאָ דאַרף מען דאָ דערמאָנען:

אַ גאַנץ שטאָט־פֿערטל אין טאָקיאָ באַשטייט פֿון ביכער־באַזאַרן און ביכער־געשעפֿטן. און יעדעס געשעפֿט פֿאַר־מאָגט צענדליקער טויזנטער ביכער. צוליב שפּאָרזאַמקייט האָט יאַפּאַן זיך גאָרנישט געשעמט אויפֿצוקויפֿן אין אייראָפּע אומגעהייערע טראַנספּאָרטן אַלטע ביכער — וויסנשאַפֿט־לעכע און בעלעטריסטישע — אויף אַלע מעגלעכע שפּראַכן. מיינער אַ באַקאַנטער האָט אין אַ טאָקיאָער ביכער־געשעפֿט צופֿעליק אָנגעטראָפֿן אויף אַ לשון־קודש־בוך פֿון דער חסידישער ליטעראַטור, ארויסגעגעבן אין ק"ק פּיעט־ריקאָוו... און טאָקיאָ לייענט מיט אַן אומגעהייערן פֿלייס. די לייענער אינטערעסירט אַלץ, וואָס די וועלט שרייבט,

און אַלץ, וואָס די וועלט פאַרעפנטלעכט. אַזאַ דורשט נאָך וויסן איז נישט צו באַמערקן אין קיין שום אַנדער לאַנד. יאַפּאַן האָט נישט קיין אַנאַלפאַבעטן, הגם קענען שרייבן די יאַפּאַנישע אידעאָגראַפן איז זייער, זייער שווער. עס איז אָבער די אמביציע פון יעדן יאַפּאַנער צו קענען אויפמאָלן וואָס מער אידעאָגראַפן.

ווען מען פאָרט אין באַן באַקומט מען אָפּטמאָל דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַ לייען־זאַל אויף רעדער. נישטאָ קיין בוך אין אייראָפּע, מען זאָל עס נישט קענען געפינען אין טאָקיאָ. ווען דאָס שאָוויניסטישע אייראָפּע האָט ביסלעכווייז און קאָנסעקווענט ליקווידירט ביי זיך עספּעראַנטאָ און היינט באַטראַכט מען אַן עספּעראַנטיסט, ווי אַ משוגענעם בטלן — בליט די טאָקיאָער עספּעראַנטיסטישע געזעלשאַפט!

צוזאַמען מיט מיר איז דורך רוסלאַנד געפאָרן אַ געוועזענער שוץ־בונדיסט פון ווין, וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן געפונען אין דענעמאַרק און ס'האָט אים אָפּגעגליקט אַרויסצובאַקומען זיך פון דאָרט נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד. אין ווין איז ער מיט יאָרן צוריק געווען אַן עספּעראַנטיסט. איז אים איינגעפאַלן פון וולאַדיוואָסטאָק צו טעלעגראַפירן קיין טאָקיאָ צו דער דאָרטיקער עספּעראַנטיסטן־געזעלשאַפט. צוויי טעג שפּעטער האָט ער באַקומען אַן ענטפער: „מיר דערוואַרטן דיך אויפן הויפּט־וואָקזאַל אין טאָקיאָ". אויף דער שיף צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, האָט דער געוועזענער שוץ־בונדיסט באַקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע פון דער טאָקיאָער עספּעראַנטיסטן־געזעלשאַפט: „טעלעגראַפיר די צאָל פון דיין פאַמיליע, כדי צו רעזערווירן אַ געהעריקן האָטעל־צימער". ביים אַראָפּגיין פון דער שיף אין טסורוגא האָבן געוואַרט דריי באַברילטע יאַפּאַנער מיט עספּעראַנטאָ־שטערנדלעך אין די לאַצן פון די מאַנטלען און מיט שמייכלענדיקע העפלעכע פּנימער. זיי האָבן אָפּגעוואַרט און אויפגענומען זייער גאַסט, כדי אים צו פאַרלייכטערן די רייזע ביז טאָקיאָ, ווו ס'האָט אים דערוואַרט דער אָפיציעלער קבלת־

פנים. טאָקיאָ האָט פיל וויסנשאַפטלעכע צענטערס, קלובן, סעמינאַרן. טאָקיאָ לעכצט נאָך וויסן, ווייל זיי, די יאַפּאַנער, ווייסן אויסגעצייכנט ווי ווייט מען קען דערגיין מיט וויסן, ווי ווייט די וויסנשאַפט לאָזט זיך איינשפּאַנען אין דינסט פון דער פּאָליטיק, פון האַנדל און אינדוסטריע.

אָבער גלייכצייטיק מיט דער באַלערנטקייט, מיט וויסן און קולטור־דערגרייכונגען טרעפט מען זיך אין טאָקיאָ מיט אַזאַ קולטור־אָפּגעשטאַנענקייט און פּרימיטיווקייט, וואָס מען באַגעגנט ביי די סאַמע פּרימיטיווסטע פעלקער. אין די רעגיאָנאַלע אַפּטייקן פון טאָקיאָ פאַרקויפט מען פּרעפּאַראַטן פון פאַרשידענע מינים חיות, וואָס דאָס פאָלק גלויבט אין זיי איינגעעקשנט, אז זיי זענען בעסער פון אַלע אייראָפּעישע וואסערלעך, פילן און מיקסטורן, און די קונים פון אָט די רפואות זענען נישט דווקא אָפּגעשטאַנענע פויערן, נאָר איר טרעפט דאָ אויך באַנק־דירעקטאָרן, הויכע באַאַמטע, סטודענטן אא״וו. דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז טיף איבערצייגט אַז: קיין שום אַספּירין אָדער כינין וועט אזוי נישט פּאַרטרייבן הויכע היץ, ווי ד ר אַ ג אָ ן־ פ ל י ג ל, געמישט מיט ג אָ ל ד ־ פ י ש ; גיפטיקע שלאַנגען און די געהירן פון אַ מאַלפּע זענען די איינציקע רפואות קעגן משוגעת; קיין שום וואָרעם־פּלעשער, קיין שום אורין־טרייבנדיקע מיטלען וועלן אזוי נישט העלפן דיינע קראַנקע נירן, ווי אַ פּשוטער היימישער שטשור ; טובערקולאָז היילט מען צום בעסטן מיט זייד־ווערים, אָדער מיט אַש פון אַ שוואַרצער שלאַנג; צו די בעסטע רפואות געהערן מיקסטורן פון שפּינען, פּרעש, הונדערטפיסיקע און מילבן.

דאָס יאַפּאַנישע פאָלק גלייבט באמונה שלימה, אז ווען מען לייגט אַרויף אויפן דאַך אַ מויער־קאָפּ, וועט דאָס קינד נישט וויינען ; ווען מען לייגט אונטער צוקאָפּנס דעם 2־טן יאַנואַר אַ געשריבענעם „גוטן חלום״, וועט מען אַ גאַנץ יאָר האָבן גוטע חלומות ; אין דער סילוועסטער־נאַכט, האָב איך געזען, זענען ביי די טעמפּלען געזעסן רייען דיכטער און געשריבן קוויטלעך. יעדער, וואָס וויל קענען שרייבן

אַ שיינע קאַליגראַפיע, באַשטעלט אַזאַ קוויטל ביי אַ דיכטער און לייגט עס אַוועק צופוסנס פון די געטער. דעם 25־טן סעפטעמבער קומען צו פאָרן פון גאַנצן לאַנד מיידלעך אין דעם דאָרף קאַנע, ווייל עס איז במשך פון הונדערטער יאָרן „פעסטגעשטעלט געוואָרן", אַז אַ מיידל, וואָס וואַשט די האָר אין דאָרטיקן טייך ביים טעמפּל, איז אַ גאַנץ יאָר רייצנדיק ווי אַ קאַרשן־בוים און ליידט נישט פון קאָפּ־ווייטיק.

דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז ארומגעוועבט מיט אומ־ציילקע זאַבאַבאָנעס, אָפּשפּרעכענישן, איינרעדענישן, וואָס האָבן נישט די קלענסטע טענדענץ שוואַכער צו ווערן, נאָר פאַרקערט, זיי ווערן געפלעגט און באַזונגען, ווי די שענסטע טוגנדן פון פאָלק.

אָט צוליב די קאָנטראַסטן איז אַלץ דאָ בלויז עקזאָטיק, פון גרונט אויס אנדערש ווי אין אייראָפּע. דער יאַפּאַנער האָט פיינט צו קאָמפּליצירן זיין לעבן. ער נעמט גערן אָן נייע זאַכן, אָבער ער טוט אַלץ, אַז זיי, די זאַכן, זאָלן אים נישט שטערן אין זיינע געוווינהייטן און אין זיין שטייגער. אָט דער שטריך ליגט אויף אַלע מאָדערנע יאַפּאַנישע שטעט, ווי אָסאַקאַ, יאָקאָהאַמאַ און נאַגאָיאַ. אָבער נאָך מער מערקט זיך עס אין טאָקיאָ. די קאָנטראַסטן זענען דראַסטישע. אייראָפּעישע ציוויליזאַציע מיט דעם אַלטערטימלעכן אַזיע גייען פונדעסטוועגן אין איין שפּאַן און ווערלכע עס איז קאָנפליקטן.

ווען איך האָב געפרעגט הודזשי האַנאַי: וואָס איז דער מער מיט די אומציילקע אַבערגלויבנס אין דיין לאַנד? האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס זענען נישט קיין אַבערגלויבנס; דאָס זענען די ביין־רינגען, פון וועלכע עס איז צוזאַמענגעשטעלט דער רוקנביין פון דער רעליגיע אין יאַפּאַן. טאָמער נעמסטו אַוועק די ביין־רינגען בלייבט גאָרנישט פון דער רעליגיע; פאַרלירט דאָס לעבן יעדן זין.

— אייער רעליגיע איז דאָך אייגנטלעך אַ מין געצנ־דינעריי — זאָג איך אים, — טאָ פּאַרוואָסזשע ציט אַזוי אייער רעליגיע אַפילו די אינטעליגענץ?

— רעליגיע איז די אילוזיע פון תכלית און יעדער מענטש קלאַמערט זיך געגרן דאָרט, ווו עס זענען דאָ גרויסע אילוזיעס. רעליגיעס דאַרף מען נישט וועגן און מעסטן; זיי זענען אַלע אָדער „אַלץ" אָדער „גאָרנישט". דווקא, דאָס וואָס מענטשן באַטראַכטן ווי ווירקלעכקייט איז דאָך נישט מער ווי אילוזיע און אייטלקייט. זוכט דער מענטש אַן אָנלען. דער רעליגיעזער גלויבן גיט אים דאָס געפיל פון פעסטקייט און סטאַביליטעט. דעריבער דאַרף מען גלויבן מיט אַלע דעטאַלן, אָדער בכלל נישט גלויבן.

וועגן יאַפּאַן איז עס אמת: די רעליגיע איז דאָרט נישט קיין עטיש־טעאָלאָגישער סיסטעם און עס זענען אַפילו פאַרבליבן וויניק סימנים פון דער בודיסטישער פילאָ־זאָפיע; עס איז געצנדינערישקייט געמישט מיט קולט פאַר דער נאַטור. אייגנטלעך הערשן אין יאַפּאַן צוויי רעליגיעס: בודיזם און שינטאָיזם, אָבער בדרך כלל גלייבן אַלע איןביידע רעליגיעס צוזאַמען, ווייל ביידע פאַרמאָגן ענלעכע קולטן, וואָס ווערן פאַרקערפּערט אין אַ זייער קאָמפּליציר־טער הערארכיע פון גרויסער געטער, קלענערע געטער און געטעלעך און געטשקעס און גילגולים (אינקאַרנאַציעס) פון געטער. די געטער זענען אין געשטאַלט פון מענטשן און חיות און אין געשטאַלט פון מיטאָלאָגישע חיות און שטיינער. די סאַמאָראָדנע כלי־קודש זענען איזאַנאָגי און איזאַנאַמי — שעפער־געטער, אַמאַטעראַז — די זין־געטין און יואַרי — דער דערנערונגס־גאָט. דאָס איז דער מיניסטאָרן־ראַט פון עם יאַפּאַנישן אָלימפּ. אָבער איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַן עווענטועלער דיקטאַטור אויפן הימל פון יאַפּאַן; דאָרט זיצט אַ פאַרשטייער פון דער יאַפּאַנישער מלוכה; דאָס איז דער מיקאַדאָ. ער, דער מיקאַדאָ, ווערט אויך פאַררעכנט צו די געטער פון יאַפּאַן. און די יאַפּאַנישע רעגירונג ווייסט שוין ווי אַזוי צו מאַכן, אַז דער קולט

פאַרן מיקאַדאָ זאָל זיין גרעסער, ווי פאר וועלכן עס איז אַנדער גאָט.*)

די באַציאונג פון יאַפּאַנישן פאָלק צו די געטער איז אַן אויסגעשפּראָכן מאַטעריאַליסטישע: איך גיב דיר קטורת און דו גיב מיר ברכות; איך גיב דיר רייז, מאַראַנצן און ברויט, און דו היט מיין רייז־פעלד, מיין גאָרטן און מיין שפּייכלער. ווען אַ יאַפּאַנער קומט צום טעמפּל מתפלל זיין, איז ער זיך נוהג, ווי אין א קראָם, ער טוט אַ קלונג מיט אַ גלאָק, ארויסצורופן גאָט, צו ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט, אַז פלוני בן פלוני איז געקומען. נאָכדעם ווארפט ער אריין אין טעמפּל־קאַסטן אַ מטבע (קיינמאָל נישט קיין באַנקנאָט, כדי גאָט זאָל הערן דעם קלאַנג פון געלט!...) און איז מתפלל. ווייל נאָכן אריינוואַרפן די מטבע איז ער איבערצייגט, אז גאָט הערט־אויס זיין תפילה מיט אינטערעס... נאָך דער תפילה טוט ער ווידער אַ קלונג, אז ער איז פאַרטיק, אז גאָט קאָן זיך שוין ווייטער פארנעמען מיט אַנדערע ביזנעס.

איך האָב בייגעוווינט די ניי־יאָר־פייערלעכקייטן ביי די טעמפּלען פון דער שיינער שטאָט קאָבע. דער טעמפּל פון מאַיאַ פּודזשין — בודאַס מוטער — איז שוין געווען איבערפולט ביז צו דער סטעליע מיט טייערע מתנות פון עסן: וויין, קוישן פרוכטן, זעקלעך רייז, קוישן בלומען, פיש, רוי ברויט און אַנדערע ספּעציאַליטעטן, וואָס אַ סך לעבעדיקע יאַפּאַנער האָבן נישט צו דער זעט. אַ שטראָם פון גלויביקע האָט געפלאָסן צום טעמפּל, אויסגעפוצט אין די גרעלסטע זיידענע קימאָנאָס, אין יום־טובדיקע סאַנדאַלן. אַלע, וואָס זענען צוגעקומען צום טעמפּל — קינדער, זקנים, סטודענטן, ווייבער, מיידלעך, סוחרים און באַלמעלאָכעס — האָבן אריינגעוואָרפן אין טעמפּל מטבעות, און געוואָרפן אַזוי, אַז דער קלאַנג זאָל זיין וואָס הילכיקער.

---

*) הגם מיט דער אָקופּאַציע פון יאַפּאַן, אין רעזולטאַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן די אַמעריקאַנער פאַרערדישט דעם מיקאַדאָ, גלויבט נאָך איצט דאָס יאַפּאַנישע פאָלק אין דער געטלעכקייט פון זייער קיסר.

ווייל עס ווארפן אַ סך מענטשן און די געטער קאָנען פארזעען, אָדער נישט דערהערן דעמס אָדער יענעמס מטבע. טייל ווארפן פולע זשמעניעס מיט קליינגעלט, ווייל אויף אזא אופן איז דער רושם אַ זיכערער. ביי דער זייט פון טעמפל זענען געזעסן דיכטער און געשריבן קוויטלעך צו די געטער, זיי זאָלן געבן אַ שיינע קאַליגראַפיע צו די, וואָס זענען זיך וועגן דעם משתדל. ביי אַ צווייטן פאַרשאָטנטן טעמפל שטייען נזירים און עולי־רגל און זענען מתפלל באַזונדער, וואָרום ווער קען זיך עס דערלויבן אויף אַ תפילה צו די געווײַנלעכע אָנגעפרעסענע און געלטגיריקע געטער... בעסער איז דעם, וואָס האָט אַן אייגענעם שריין (אַן אָרט, וואָס פאַרקערפּערט אַ רעליקוויע און באַזיצט אַ געטל), עס איז שפּאָרזאַמער...

דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון די רעליגיעזע צערעמאָניעס. דער געטער־ און נאַטור־קולט קומט צום אויסדרוק איבערהויפּט אין הונדערטער פעסטיוואַלן מיט גראַנדיעזע און דעקאָראַטיווע גאסן־צוגן. פעסטיוואַלן זענען פאַראַן אַלגעמיינע פאַרן גאַנצן לאַנד און רעגיאָנאַלע, וואָס האָבן אַ שייכות צו באַזונדערע טעמפּלען. יעדע פּראָפעסיע, יעדע בראַנזשע האָט אייגענע פעסטיוואַלן: פעסטיוואַלן פון מויערער, פייערלעשער, פּאָרט־אַרבעטער. דער אַדל פון לאַנד האָט אויך אייגענע פעסטיוואַלן און דער מיקאַדאָ — דער מענטשנגאָט — מאַכט שבת פאר זיך מיט זיינע באַזונדערע פעסטיוואַלן. בעת אָט די פייערונגען קומט צום אויסדרוק דער ספּעציפישער קליינקונסט־געשמאַק פון יאַפּאַנישן פאָלק. דאָס גאַלאַנטעריע־פאָלק ברענגט דאָ אַרויס אַ סך חוש פאר דעקאָראַציע און מאַלערישקייט און אויך אַ רירנדיקע באַציאונג צו די שיינקייטן פון דער נאַטור ווי צו דער נאַטור בכלל.

אָבער אין דער גאַנצער מאַטעריאַליסטישער באַציאונג פונעם פאָלק צו די געטער, איז פאַראַן איין אויסנאַם — דער מיקאַדאָ. צו אים, ווי צו אַ גאָט, איז די באַציאונג אַן אַ־מאַטעריאַליסטישע, דאָ איז דער קולט אַ גייסטיקער. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל אין פאָלקס־זכרון ליגט די

איבערצייגונג, אז יעדער יאַפּאַנער האָרעוועט אַ גאַנץ לעבן פאַרן ווויל פון מיקאַדאָ? אָט דעם קולט האָבן ווי געהעריק אויסגענוצט די מאכטהאָבער פון יאַפּאַן ביים איינפירן די דיקטאטור אין לאַנד לויט די „בעסטע מוסטערן פון קול־טורעלן אייראָפּע"...

אין די אייראָפּעישע לענדער מיט דיקטאַטאָרן־משוגעת איז א העלפט פונעם פאָלקס ארבעט און שווייס אוועק אויף פּראָפּאַגאַנדע לטובת די דיקטאַטאָרן און פּירער. מ'אָרדנט־איין באַרטאָלאָמיי־נעכט און פאַלשע פּראָצעסן; מען שעכט־אויס די בעסטע מענטשן, ווי פארעטער און באַנדיטן; מען דערטרינקט אין בלוט יעדער אנדערש־דענקנדיקן מענטשן, בלויז כדי צו דערהייבן אים — דעם פאָלקס־פּירער, דעם איינציק אָרנטלעכן און געניאַלן מענטש אין לאנד. די דיקטאַטאָרן שיקן איבער דער וועלט אַגענטן און שפּיאָנען און גראַפאָמאַנען, וואָס זאָלן מאָרדן, צע־שטערן, סאַבאָטירן און באַזינגען; כדי צו האַלטן אין כסדר־דיקן פיבער די וועלט אין פארערונג פאר דעם פּירער, פאר דעם „גרעסטן מענטש", פאר דעם „געניאַלסטן מענטש", פאַר דעם „רעטער פון דער וועלט", פאַר דעם „פּירער" און „דוטשע". דער ראַדיאָ, די ליטעראַטור און די פרעסע אין די לענדער מיט דיקטאַטאָרן ווערן נישט מיד גאַנצע טעג און נעכט צו בילן אויף קורצע און אויף לאַנגע כוואַליעס, אַז „ער", דער מדריך, האָט געזאָגט; אַז „ער", דער גאון, האָט גערעדט און אַז „ער" איז סאַמע געניאַליטעט און אַז אָן „אים", דעם דיקטאַטאָר, וואָלט דאָס פאָלק געוועזן איין באַנדע קאַליקעס, אידיאָטן.

אָט די פּראָפּאַגאַנדע קען נישט יאַפּאַן. אָט דער אויסגעלאַסענער שדים־טאַנץ ארום איין מענטש אין לאַנד, איז פאר יאַפּאַן פרעמד. דער מיקאדא איז נישט קיין אויפגעקומענער, ווי דער סאָוויעטישער דיקטאַטאָר אָדער היטלער. דער מיקאַדאָ איז אַן אַלטע, צוויי טויזנט־יאָריקע אינסטיטוציע און ער איז איינגעוואָרצלט אין די פאָלקס־קולטן.

וועט אין יאַפּאַן קיינער נישט רעדן מיט אייך וועגן

דעם מיקאַדאָ. קיינער וועט נישט דערמאָנען זיין נאָמען, נישט רעדן וועגן זיין פּאָליטיק און אַז איר וועט צופּעליק דערמאָנען זיין נאָמען — וועט אייער יאַפּאַנישער מיטשמועסער ווערן ערנסט און מיט יראת־הכבוד אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ. וואָרום ביים יאַפּאַנער איז דער מיקאַדאָ אַזוי גרויס, אַזוי געטלעך, אַז דאָס פּאָלק אונטערשטיצט אים אין די תפילות; וואָרום דער מיקאַדאָ איז אַזוי אַבסאָלוט און גוט, אַז לויבן אים אָדער רעדן וועגן אים, וואָלט געהייסן צווייפלען אין אָט די אייגנשאַפטן זיינע. עפנטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פּאַרן הויפּט פון יאַפּאַן, די אויסגעלאַסענע פּראָפּאַגאַנדע, ווי זי איז אין די דיקטאַטאָרישע לענדער — וואָלט געווען דער גרעסטער חילול־השם.

אין סאַמע האַרץ פונעם מאָדערנעם טאָקיאָ, אין שכנות פון פּרעכטיקע באַנק־געביידעס און האָטעל „אימפּעריאַל”, צווישן גרינס פון אַ צויבערלעכן פּאַרק, ליגט דעם מיקאַדאָס פּאַלאַץ. וועגן דעם פּאַרק מיט זיינע אויסטערלישע געוויקסן און פּאַרשאָטנטע קילע קוואַלן זינגען דיכטער און ס'ווערן געשריבן פּאָעמעס. וועגן דעם איינוווינער פון פּאַלאַץ שווייגן די דיכטער. נאָך זיין טויט וועט מען אויפבויען אַ טעמפּל אויף זיין נאָמען און גלויביקע וועלן דאָרט מתפלל זיין...

פון דעם וווּנדערלעכן פּאַרק הייבט זיך ארויס דער ווייסער פּאַלאַץ פון מיקאַדאָ. עס דאַכט זיך, אַז דער פּאַלאַץ, ענלעך צו אַ ריזיקן ווייסן שוואַן, שווימט איבער דער אָזערע פון גרינס. דער פּאַרק איז ארומגערינגלט מיט פּאָסן און צום פּאַלאַץ פירן הייב־בריקן. יעדעס ווינקעלע ווערט דאָ דיסקרעט געהיט. דו פילסט, אַז ממש פון צווישן יעדער קוסט קוקט אויף דיר אן אויג, וואָס באַוואַכט געגנוי דיינע באַוועגונגען, וואָס שנאַפּט דיין אָטעם און קוקט דיר אויף די הענט. יאַפּאַנישע אַגענטן מאַכן דאָס זייער דיסקרעט און ראַפינירט, כדי נישט צו שטערן די רעליגיעזע שטימונג, וואָס הערשט אויפן פּלאַץ פאַר די טויערן פונעם פּאַלאַץ. הונדערטער־טויזנטער מענטשן, עולי־רגל און מיליאָנען שול־קינדער פון אַלע עקן לאַנד, פון די ווייטסטע

פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון יאַפּאַן, ציען אַהער, כדי אָפּצוגעבן כבוד זייער מיקאַדאָ.

ווער עס קומט אַרויף אויף אָט דעם פּלאַץ, וואַרפט־אַראָפּ פון זיך די אויבערשטע מלבושים און אַ האַלב־נאַקעטער בוקט ער זיך ווי פאַר אַ הייליקייט. אין יאַפּאַן גיט מען אָפּ כבוד נישט דורך אָפּדעקן דעם קאָפּ, נאָר דורך אויסטאָן די אויבערשטע מלבושים. טוען זיך אויס הונדערטער קינדער האַלב־נאַקעט און בייגן די קעפּ צוזאַמען מיט זייערע לערער פאַרן פּאַלאַץ פון מיקאַדאָ.

און אָט האָט איר אַן עולה־רגל. אַ זקן מיט אַ לאַנגער אָבער זייער שיטערער זילבערנער באָרד, (דריי האָר זענען אויך אַ באָרד), מיט אַ פלאַכן שטרוי־ענעם הוט אויפן קאָפּ און אַ פּאַסטוך־שטעקן אין דער האַנט. ער קומט מן־הסתם פון דעם ווייטן טראָפּישן קיושי־אינזל און האָט דורכגעמאַכט פיל הונדערטער מײַלן. ער וואַרפט אַראָפּ די פאַרשטויבטע שמאַטעס פון זיך און בוקט זיך פאַרן פּאַלאַץ אַזוי נידעריק, אַז זיין געלער, אויסגעדאַרטער פאַרמעט־גוף מישט זיך אויס מיט דעם געלקייט פון דעם זאַמד, וואָס אויפן פּלאַץ.

דאָס געהערט גאָט — דעם מיקאַדאָ.

אַנדערש· איז דער מענטש — דער מיקאַדאָ.

זייט ער זיצט אויפן טראָן, האָט דער מיקאַדאָ זיין פאַרמעגן פאַרפילפאַכט, ווי ער וואָלט געזעסן אויפן טראָן לכל הפחות הונדערט יאָר. אָט דעם מענטשן־גאָט האָט אָפּגעגליקט צו קומען אויפן טראָן אין אַ צייט, ווען יאַפּאַן האָט צעשפּרייט אירע אימפּעריאַליסטישע פליגל און היינט איז ער איינער פון די רייכסטע מענטשן אין זיין לאַנד, ער שלאָגט אמתע ביזנעס־רעקאָרדן פון זיין געטלעכן „דזשאַב". אַ גרויסן חלק האָט ער אין דער גרעסטער יאַפּאַנישער שיף־געזעלשאַפט „ניפּאָן יוסען קאַישאַ", וואָס פאַרמאָגט קאָרגע דריי טויזנט שיפן פון פאַרשידענער גרויס מיט אַ פילמיליאָניקן טאָנאַזש. ווו אַ קאָנצערן אין יאַפּאַן — דאָרט האָט דער מיקאַדאָ אַקציעס; ווו אַ מלוכה־

אונטערנעמונג אין יאַפּאַן — דאָרט וואַקסט דאָס „געטלעכע פאַרמעגן" פונעם אימפּעראַטאָר.

גאַנץ יאַפּאַן איז דאָס אייגנטום פון אַ גרופּע קאַפּי־טאַליסטן־משפחות אין דעם ראַנג פון דער מיטסוי־משפחה — אַ שותף צום געשעפט איז זיין קייזערלעכע הויכקייט — דער מיקאַדאָ.

דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז פּאַטריאָטיש, אַרבעטזאַם, געדולדיק, עטיש און קאָנסערוואַטיוו. דאָס זענען די אידעאַלסטע אייגנשאַפטן עקספּלאָאַטירט צו ווערן.

*

ווען מען וואָגלט איבער דער וועלט, איבער די אויס־זיכטלאָזע פאַרטן פון די אָקעאַנען און ימים, דורך שטעט און לענדער פון צענדליקער קולטורן און שפּראַכן — ערשט דעמאָלט זעט מען די געוואַלטיקע וויטאַליטעט פון דעם יאַפּאַנישן פאָלק, ווי ווייט עס דערגייט די אומפאַרגלייכלעכע פּראָדוקטיוויטעט פון יאַפּאַן. צו יעדן ווינקעלע פון אונזער ערד דערגייען אירע שיפן, און אין יעדן מינדסטן גאַלאַנ־טעריע־קרעמל פון די האַוואַיער אינזלען, צי אויף מאַלאַיע, ציילאָן אָדער גאָר אין ריזיקן אינדיע — אומעטום איז איבערלאָדן מיט יאַפּאַנישע סחורות, מיט יאַפּאַנישן זייד און פאָרצעליי, מיט יאַפּאַנישע קלייניקייטן, וואָס ציען־אַוועק אויף די ווייט־מזרחדיקע אינזלען געלט און גאָלד. פון יאַפּאַן שווימען אַרויס קאַראַוואַנען שיפן מיט פּאַפּירע־נער גאַלאַנטעריע, דעקאָראַטיווע שמאַטעס און ביליקן פּוץ און די שיפן קומען צוריק אין די היימפּאָרטן מיט אייזן, בענזין, אלומיניום און גומי.

בעת איך האָב איינמאָל שפּאַצירט מיט הודזשי האַנאַי אויפן ים־ברעג פון יאָקאָהאַמאַ און דער יאַפּאַנישער הימל האָט געדעמערט מיט די ראָזעווע פאַרבן פון עפּל־בליטן און פערלמוטער — זענען אין פּאָרט אריינגעשוומען פיל, פיל שיפן, שיפן, וואָס קומען אהיים פון ווייטע נסיעות, זעען אויס ווי מידע וואַנדערער, וואָס האָבן דערגרייכט אַ ברעג. דער גרילץ פון זייערע סירענעס זאָגט־אָן פון

דער ווייטנס, אין היימען, אַז מענטשן זענען צוריקגעקומען צו זייערע ווייבער און קינדער. אָפּשווימענדיקע שיפֿן לאָזן־איבער אויפֿן ברעג בענקשאַפֿט און אומעט; צוריקקומענדיקע — פֿאַרשאַפֿן געפּרעסטע, שטימונגספֿולע פֿרייד.

הודזשי האַנאַי איז געווען אין אַ שטימונג, צו וועלכער בלויז גיישאַ־קינסטלערינס קאָנען דערפֿירן: ערנסט און אין קאָנטעמפּלאַציע. מיט די הענט אין די ברייטע אַרבל פֿון דער קימאָנאָ און מיט אָנגעצויגענע באַקן, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אַקטיאָר אין דער יאַפּאַנישער נאָה־דראַמע. דעמאָלט רעדט נישט אַ יאַפּאַנער. אָבער איצט, מיט די אָנקומענדיקע שיפֿן, האָט זיך הודזשי האַנאַי איבערגעוויגט און ערנסט געזאָגט:

— איר אַלע, אייראָפּעער, וועלן קיינמאָל נישט פֿאַרשטיין אונזער לאַנד. נישט ווייל איר זענט נישט פֿעיק, נאָר ווייל מיר זענען אַזוי אַנדערש, אַז איר פֿאַרמאָגט גאָרנישט די קאַטעגאָריעס פֿאַר אונז. צי איז נישט מיין פֿאָלק ווערט באַוווּנדערט צו ווערן? דו ווייסט אפֿילו נישט, ווי אָרעם מיר זענען. דאָס איינציקע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן איז — אַרבעט. און ווען איך קוק אויף אונזערע שיפֿן, פֿריידט מיר דאָס האַרץ, ווייל איך ווייס, אַז יעדע פֿון זיי האָט אוועקגעפֿירט אונזער בלויזע אַרבעט, איינגעפּאַקט אין פּאַרביקע שעכטעלעך, אין שירעמלעך, אין פּאָרצעלייענע טעפּעלעך און אין שטיקעלעך זייד און זיי, די שיפֿן, ברענגען פֿאַר אונזער אַרבעט — צעמענט און ציגל און אייזן, אויפֿצובויען אונזער לעבן, אונזער לאַנד. דאָס האָט ביז איצט נישט באַוויזן קיין שום אַנדער פֿאָלק, וואָס איז געקומען אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער מאָדערנער געשיכטע אַזוי שפּעט ווי מיר. —

הודזשי האַנאַי האָט מיר אַ סך זאַכן נישט דערזאָגט; אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען זיין פֿאָלק און געהאַט אַן אויג פֿאַר זאַכן. ער האָט געזען יאַפּאַן אין איר נאַטירלעכן ליכט. אָפּטמאָל האָט ער געליטן צוליב דעם, וואָס וועגן פֿיל דערשיינונגען האָט ער מיט מיר נישט געוואָלט רעדן. אין אַזעלכע פֿאַלן האָט ער פֿונדעסטוועגן אָנגעדייט דורך

רמזים, אָדער פּשוט מיך אָוועקגעפּירט צום סאַמע קוואַל פון פאַקטן.

פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ איבערקראַפט און ארבעטס־פעיקייט צום יאַפּאַנישן פאָלק? פאַרוואָס איז דווקא מיט זיי שווער צו קאָנקורירן אין ביליקער פּראָדוקציע? עס זענען פאַראַן מלוכות, וואָס הערשן איבער הונדערטער מיליאָנען מענטשן און אָט די מלוכות האָבן אפילו נישט דערפירט, די הונדערטער מיליאָנען גופא זאָלן האָבן גענוג אָנצוטאָן אָדער עסן; שוין אָפּגערעדט פון דעם, אז זיי, די מענטשן, זענען נישט אזוי פּראָדוקטיוו (אפילו אין אַ ברוכטייל נישט), ווי די יאַפּאַנער. אויף דעם האָט מיר הודזשי האַנאַי געענטפערט:

— יאַפּאַן איז די מלוכה פון קינדער.

איך האָב געזען:

אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד, אין דער קאָמוני־קאַציע, אין דער אינדוסטריע, אין מלוכה־אַפּאַראַט און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — אומעטום זענען אריינגעצויגן געוואָרן מיליאָנען קינדער.

אין די באַוול־און זייד־שפּינערייען פון נאַגאָיאַ, פון טאָקיאָ און פון קאָבע און פון קיאָטאָ ארבעטן ארמייען קינדער אין שול־עלטער. אין אַ קאָבער זייף־פאַבריק האָב איך געזען הונדערטער קינדער אויסגעזעצט אויף דער ערד און באַשעפטיקט ביים איינפּאַקן די פאַרטיקע פּראָדוקטן. אין די צייכן־האַלעס פון די קיאָטאָער פאַרצעליי־פאַבריקן וועט איר זען כמעט בלויז קינדער. דערוואַקסענע האָבן די אויפזיכט איבער די קליינע געשיקטע צייכענער, וואָס זענען אויסגעזעצט אויף דער ערד און באַוועגן שנעל, שנעל מיט די פּענדזלקעס, צייכענען לויט פאַרטיקע מוסטערן, מאָלן בלומען און פיגורן, מיט אזא געשיקטקייט, ווי זיי וואָלטן אַרויס פון זייערע מאַמעס בייכער פאַרטיקע קינסטלער.

— אַנאַ־נע, סאַן, ביי אייך בליט די עקספּלואַטאַציע פון קינדער. דאָס דעמאָקראַטישע אייראָפּע איז שוין לאַנג ארויסגעטרעטן קעגן באַשעפטיקן קינדער אין דער אינ־דוסטריע און מיליאָנען קינדער זענען שוין באַפרייט געוואָרן

פון די פאַבריקן. דאָס בעסערע אייראָפּע האָט צוריקגעגעבן די קינדהייט צו די קינדער און זייער קינדהייט רעכטלעך באַשיצט...

הודזשי האַנאַי האָט לייכט צוגעמאַכט די אויגן. איבער זיין פּנים האָט אַ בליץ געטאָן אַ שמייכל־ספּאַזם. זיינע יאַפּאַנישע שיטערע באַקן זענען געוואָרן שטייף און ערנסט. די הענט האָט ער פאַרשטעקט טיפער אין די אַרבל פון דער קימאָנאָ, און די ווערטער געקליבן געלאַסן, ווי ער וואָלט זיי אַרויפגעצויגן אויף אַ פאָדעם:

— דאָס וואָרט איז צוזאַמען מיט פייער געשענקט געוואָרן פון די געטער צום מענטשן, ווי גרויסע מתנות. און ביידע, דאָס וואָרט און דאָס פייער, זענען גלייך שיין און גלייך געפערלעך. אַ מענטש, וואָס וואַרפט מיט פייער אָן אַ ציל, האַלטן מיר פאַר אַ פאַרברעכער. פאַרוואָס־זשע פאַראורטיילן מיר נישט די מענטשן, וואָס וואַרפן ציללאָז מיט ווערטער? צי מיינסטו, אַז די שׂרפה, וואָס אַנטשטייט פון וואָרט, איז ווינציקער געפערלעך, ווי אַ שׂרפה פון פייער? אייראָפּע מיסברויכט מיט ווערטער. גאָרנישט האָט איר אַזוי ליב, ווי די שיינווערטעריי. אַפילו אין אייער דיכטונג איז פאַראַן מער וואָרט, ווי זין. אייער ווערטער־אוצר איז פול מיט אַבסטראַקציעס, וואָס איר זענט געוווינט אָנצורופן „אידייען". אָ יאָ, אידייען האָט אייראָפּע אָנפּראָדוצירט אַ סך. ווען אייראָפּע זאָל געבן אירע איינוווינער אַזוי פיל ברויט, וויפל זי גיט אידייען, וואָלט איר געשיכטע נישט געווען אַ קייט פון רעוואָלוציעס, רציחות און מלחמות.

— אָבער אָפּגעזען פון אַלץ גייט אייראָפּע פאָרויס — רייס איך אים איבער.

— יאָ, יאָ, אייראָפּע גייט פאָרויס צום אונטערגאַנג — ציט ער ווייטער אין זעלבן טאָן — פונקט ווי אַ קראַנקער, וואָס וויל נישט מסכּים זיין מיטן געזעץ פון טויט, טרייסט זיך, אַז אים ווערט בעסער, אַזוי טרייסט זיך אייראָפּע מיט כּל המינים אידייען, איינצורעדן זיך, אַז זי לעבט און גייט פאָרויס. אייראָפּע קעמפט כּלומרשט קעגן באַשעפטיקן קינדער אין די פאַבריקן, אָבער גלייכצייטיק זענען די

אייראָפּעישע מענער דערפּאַר, אַז דערוואַקסענע קינדער זאָלן גיין אויף די שלאַכטפעלדער און באַמיסטיקן די ערד מיט זייער בלוט. אייראָפּע לאָזט נישט די קינדער ארבעטן אין די פאַבריקן, אָבער גלייכצייטיק דערלויבט זי, די קינדער זאָלן אויסשטאַרבן אין זייערע הונגעריקע היימען. אייראָפּע דערלויבט אריינשיטן אין ים ווייץ און קאַווע, בעת צענדליקער מיליאָנען ארבעטסלאָזע ליידן צוזאַמען מיט זייערע קינדער פון הונגער. נאָך אַלע רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן אין אייראָפּע, איז דער מענטש דאָרט פאַרשקלאַפּט ערגער ווי אין אַזיע און מיט דעם פאַר־שלאַפּטן פאָטער איז אויך פארשלאַפּט דאָס קינד. דאָס לעבן פון יאַפּאַנער איז תמיד געווען האַרט און שווער; אָבער קיינער האָט אים נישט גענאַרט מיט אידייען. קיינער, אויסער די געטער, האָט אים נישט צוגעזאָגט אַ לייכט לעבן. אייראָפּע טוט אַלדאָס בייז, אָבער זי פארדעקט אירע פאַרברעכנס מיט אידעאָלאָגיעס. ווען אויסער דאָס באַ־שעפטיקן קינדער, וואָלסטו גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן קעגן יאַפּאַן, וואָלט איך רואיק געקענט פאַרענדיקן די טעג פון מיין לעבן... פריינט מיינער — לייגט ער ארויף אַ האַנט אויף מיין אַקסל — ווייסער פריינט מיינער, די אייראָפּעער האָבן דערפונדן עראָפּלאַנען און באָמבעס, מיט וועלכע זיי מאַכן חרוב זייערע שיינע לענדער און טויטן שוצלאָזע קינדער און פרויען און שוואַכע. באָמבעס פליען איבער אָפענע שטעט און טויטן קינדער, וועמענס קינדהייט איר האָט געזוצלעך געשיצט, וועלכע איר האָט באַפרייט פון די פאַבריקן! ווייסער פריינד מיינער, באַנוץ ווערטער פונקט אַזוי צילבאַוווסט, ווי דו באַנוצט פייער, דעמאָלט וועט דיין געדאַנק זיין לויטער און דיין געוויסן אָפן. וואָס שייך אונזערע קינדער, ווערן זיי זייער פרי רייף. געדענק, אַז מיר זענען אַן אַזיאַטישע ראַסע. צו צוועלף־דרייצן יאָר געבוירט מען קינדער. צו דרייסיק איז מען אַלט. צו פופציק לעבט מען מיט יענער וועלט. אין אַזיע רייפט אַלץ שנעל און אַלץ וועלקט שנעל. אונזערע בעסטע כוחות זענען די קינדער. טאָ וועמען זאָל מען אָנפאַרטרויען אונזער

לאַנד און ארבעט אויב נישט זיי? מעסט אונזערע חסרונות און מעלות מיט אונזער אייגענער מאָס, וועסט אונז במילא זען אין ריכטיקן ליכט. וועסט דעמאָלט זען, אַז נישט די עלטערע עקספּלואַטירן די קינדער, נאָר אַז זיי, די קינדער, האָבן איבערגענומען אונזער אינערלעך לעבן און מיר, אלטע, זענען נישט מער, ווי צוואה־שרייבער און לערער, וואָס טראָגן איבער זייער דערפאַרונג צו די קינדער.

און דאָס איז אמת: דאָס לעבן אין יאַפּאַן ווערט באַדינט דורך די קינדער. אלע געביטן זענען דורך זיי פארטרעטן. אין דער באַן־אינדוסטריע, למשל, זענען פאראַן אזוי פיל יוגנטלעכע מענער, אז אָפּטמאָל דאַכט זיך מ׳איז אין אַ לאַנד פון בלויז קינדער, ווו יוגנטלעכע זענען די, וועלכע פירן דעם רודער פון דער מלוכה: ביי די קאסעס, אין די אינפאָרמאַציע־ביוראָען און ווי קאָנדוקטאָרן און קאָנטראָלערן — אומעטום יוגנטלעכע; עלטערע — קוים אַ קליינער פּראָצענט.

אין די טראַמווייען און אויטאָבוסן פון טאָקיאָ, יאָקאָ־האַמאַ, אָסאַקאַ און קאָבע זענען אָנגעשטעלט ווי קאָנ־דוקטאָרן כמעט בלויז מיידלעך אין שול־עלטער. און אומע־טום שלאָגט מיט אָרגאַניזאַציע און פלייס. אין די מלוכה־אַמטן זענען מאָביליזירט הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע. עס איז א סיסטעם אין יאַפּאַן צו דערציען באַאַמטע פון דער סאַמע יוגנט און דאָס אין די אמטן גופא, ווייל די די יוגנט מיט געענדיקטער העכערער בילדונג האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר נישט גענוג דיסציפּלינירט און בויגזאַם, פאַר נישט קיין דאַנקבאַרן מאַטעריאַל צום קנעטן. די אוניווערסיטעטן גיבן אַרויס צופיל אינדיווידועלע טיפּן, וואָס פּלאַצן און קראכן, ווען מען וויל זיי האָבן מער עלאַסטיש. אויסער דעם איז עס אַ פראַגע פון קאַלקולאַציע. אויסבילדן אַ מענטש אקאדעמיש קאָסט צו טייער און עס קאלקולירט זיך נישט צו צאָלן מענטשן הויכע לוינען צוליב זייערע אַקאַדעמישע קוואליפיקאַציעס, בעת מען קען דאָס זעלבע דערגרייכן דורך מעכאַנישער איבונג פון ווייניקער געבילדעטע מענטשן.

דערפֿאַר בליט אַזוי אין יאַפּאַן דאָס פּאַכשול־וועזן.

די קעיאָ־אוניווערסיטעט אין טאָקיאָ האָט אויפֿן מעדי־צינישן פֿאַקולטעט געעפֿנט אַן אָפּטיילונג פֿאַר קראַנקן־שוועסטער. די קאַנדידאַטינס, אין עלטער פֿון 15 ביז 30 יאָר, דאַרפֿן האָבן געענדיקט בלויז אַ פֿאָלקס־שול אָדער באַזיצן בילדונג אין די ראַמען פֿון אַ פֿאָלקס־שול. די רעגירונג ווייסט, אַז אָט די קנאַפּ־געבילדעטע פּרויען וועלן קענען זייער פֿאַך גוט און דערביי קאָסט זייער בילדונג זייער, זייער ווייניק.

די יאַפּאַנער רעגירונג ווייסט, ווי אַזוי איינצושפּאָרן אין דער פּראָדוקציע די קינדערשע ענערגיע. פֿאַבריקן, וואַרשטאַטן, וואַרן־הייזער און די קאָמוניקאַציע זענען געוואָרן פּראַקטישע פֿאַך־שולן פֿאַר מיליאָנען קינדער, וואָס וועלן ביי דער מינימאַלסטער אַלגעמיינער בילדונג אויס־וואַקסן ווי ספּעציאַליסטן.

דאַכט זיך, אַז צו אָט דער אַרבעטס־פּאָליטיק איז נישט פֿעיק קיין שום אַנדער פֿאָלק. די יאַפּאַנער זענען ווונ־דערבאַרע אימיטאַטאָרן אויף אַלע געביטן און די פֿעיקייטן נאָכצומאַכן אַלץ, וואָס דאָס אויג זעט — פֿאַרלייכטערט זיי דאָס פֿאַראייגענען דערגרייכונגען. פֿון דאַנען נעמט זיך אויך, וואָס ספּעציעל אויפֿן געביט פֿון גאַלאַנטעריע זענען זיי ממש קאָנקורענצלאָז: צען־צוועלף־יעריקע קינדער זענען די שעפֿער פֿון די יאַפּאַנישע פֿאַראָסאָלעכלעך, לאָמטערנד־לעך, קעסטעלעך, שעכטעלעך און טויזנטער אַנדערע קליי־ניקייטן, וואָס פֿאַרפֿלייצן די וועלט־מערק.

און אָט דאָס וויטאַלע־פֿאָלק, וואָס האָט זיין קונסט און שריפֿט גענומען פֿון כינע, די הלבשה איבערגענומען פֿון קאָרעאַ, די רעליגיע — פֿון אינדיע, די סטראַטעגיע פֿון אייראָפּע און די ציוויליזאַציע פֿון אַמעריקע — אָט דאָס פֿאָלק ווערט מיט רעכט אָנגערופֿן „די דייטשן פֿון ווייטן מזרח".

אויסער דאָס באַשעפֿטיקן קינדער אין דער ווירטשאַפֿט און אינדוסטריע — שפּילט אין דער יאַפּאַנישער עקאָנאָמיע אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל דער זייער נידעריקער לעבנס־

סטאַנדאַרט. אויך אויפן געביט פון באַשפּייזונג האָט יאַפּאַן געפונען אַ סינטעז צווישן אייראָפּעישן „וויסנשאַפטלעכן" מעטאָד און דעם יאַפּאַנישן שטייגער. דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד הייסט „וויטאַמינען" און דער שטייגער — צימצום.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז די טעאָריע וועגן וויטאַמינען איז געוואָרן דער עיקר פּאָפּולער אין די מלוכות מיט דיקטאַטורן. דאָרט, ווו מ'האָט דאָס געלט פאַרשווענדעט אויף אויפגעבלאָזענער פּראָפּאַגאַנדע, שפּיאָנען, אַגענטורן און ברודער־מאָרד — האָט נישט געקלעקט קיין עסן פאַרן פאָלק. לעבן דער פּאָליציי האָט מען אויך געשאַפן אַנאַליטישע אינסטיטוטן. די אינסטיטוטן האָבן געדאַרפט איבערצייגן די אויסגעהונגערטע מאַסן, אַז פּוטער איז שעדלעך, דערפאַר פאַרמאָגט מאַרגאַרין די אידעלע וויטאַמינען „אַ" און „דע". אייער און פלייש זענען קאָנסערוואַטיווע פּראָראורטיילן; קרויט און בוריקעס טראָגן דערפאַר מיט זיך די לעבנסגיבנדיקע וויטאַמינען „א" און „צע". און בכלל איז איבערפאַסטן אַ ביסל זייער געזונטשן פון פּראָפילאַקטישן שטאַנדפּונקט... איך האָב אין סאָוויעט־רוסלאַנד געזען, ווי מענטשן האָבן געקויפט וויטאַמינען אין פלעשלעך, — וויטאַמינען שטאָט נאַרהאַפטע פּראָדוקטן. ווייל נאַרהאַפטע פּראָדוקטן זענען נישט בנמצא. אויך די יאַפּאַנישע רעגירונג האָט באַוויזן ווי אַזוי מען קען איינרעדן אַ פאָלק, אַז אין הונגער זענען פאַראַן וויטאַמינען... און טאַקע וועגן די פעלקער אין די דיקטאַטאָרישע לענדער זאָגט אַ יידיש שפּריך־וואָרט: „ווי אַזוי מתים עסן — אַזאַ פּנים האָבן זיי"...

די שפּייזקאַרטע אין דעם ערשטן בעסטן רעסטאָראַן פון אַ וועלכן עס איז וואַרן־הויז אין טאָקיאָ איז זייער א רייכע. זי איז פּונקט אַזוי פאַרשיידנאַרטיק ווי אַנדערע אָפּטיילונגען אין וואַרן־הויז. אָבער די באַזע פון יעדער פון די פיל געריכטן זענען: רייז, קוקורידזע־מעל און ירקות. ווען מען קוקט דורכן גלאָז אויף די מוסטער־געריכטן קאָן מען צומאָל באַמערקן פלייש; אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס נישט מער ווי אַ קאָטלעט פון

קוקורודזע־מעל דער יאַפּאַנער טרינקט גרינעם ביטערן טיי און במקום פלייש עסט ער כל־המינים שרצים, שלימאַקעס און אַנדערע פּויזנדיקע בעלי־חי.

צוזאַמען מיט מיינעם אַ פריינד, אַ העברעישן שריפט־שטעלער, זענען מיר אַריין אין רעסטאָראַן פון „דיימאַרו"־וואַרנהויז אין קאָבע. מיר האָבן באַשטעלט די אַמערסטן אַפּעטיטישע (לויטן אויסזעען) געריכטן און אונטער אַ צודעק פון רייז און בוראַקעס האָבן מיר אַנטדעקט צוויי קליינינקע חיהלעך, שטאַרק ענלעך צו אָפּגעשוונדענע מייזעלעך. אויך אָט אַזעלכע דעליקאַטעסן, פון וועלכע מיין פריינד האָט שפּעטער נישט געגעסן אַ וואָך צייט, קאָנען זיך דערלויבן בלויז פאַרמעגלעכע.

איך האָב איינמאָל געזען אין אַ קאָבער קינאָ אַ פילם, וואָס האָט אין משך פון אַ שעה צייט אגיטירט פאַר די וויטאַמינען, וואָס עס פאַרמאָגט קוקורודזע־מעל. לויט דעם פילם איז קלאָר געוואָרן, אַז קוקורודזע איז די סאַמע אוניווערסאַלע און נאַרהאפטסטע שפּייז. די פּראָפּאַגאַנדע איז אַוועק אזוי ווייט, אַז איך האָב אָנגעהויבן גלויבן, אַז יידן האָבן אין דער מדבר געגעסן נישט מן נאָר קוקורודזע. מ׳האָט פאַרן צושויער געוויזן הייזער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן אין יאַפּאַן און אומעטום האָט מען צוגעגרייט מאַכלים פון קוקורודזע־מעל. נישט מער, דער אָרעמאַן האָט פון קוקורודזע געבאַקן ברויט, דער פאַרמעגלעכער — קיכלעך, דער רייכער — ספּעציעלע געריכטן און אַזוי כסדר.

און דער אמת איז, אַז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק לעבט זייער בצמצום אין זיין באַשפּייזונג, צוויי מאָל אין טאָג צו ביסלעך רייז, אַ שטיקעלע מאַרינירטן רעטאַך, אַ שטיקעלע בוראַק אָדער אַן אַנדער וואָרצל און אַ טעפּעלע גרינעם ביטערן טיי — אָט דאָס איז די טעגלעכע שפּייז פון דורכשניטלעכן יאַפּאַנער. יאָ, בעת פעסטיוואַלן, יום־טובים, שמחות אָדער ווען עמעצער פון די נאָענטע קלייבט זיך איבער אויפן עולם האמת — דעמאָלט עסט מען אויך פּרוכטן און קיכלעך. אָבער די קיכלעך זענען געמאַכט פון דעם זעלבן קוקורודזע־מעל.

אין יאָקאָהאַמאַ האָט מיר הודזשי האַנאַי צוגערעדט, איך זאָל וווינען אין אַ יאַפּאַנישער אכסניה. וווינען עטלעכע מעת־לעת אין אַ יאַפּאַנישן האָטעל איז אומגעהויער באַלערנ־דיק, ווייל מען געפינט זיך דעמאָלט אין סאַמע האַרץ פון יאַפּאַנישן שטייגער. אַהער קומען סטודענטן־אויספלוגן, סוחרים פון די ווייטע יאַפּאַנישע מקומות, עולי־רגל. דאָס לעבן פון די געסט, זייערע געוווינהייטן און מנהגים שפּילן זיך אָפּ פאַר אַלעמען אין די אויגן. די טיפּישע יאַפּאַנישע האָטעלן זענען אַזוי געבויט, אַז דאָס וואַש־און באָד־צימער איז אַ בשותפותדיקס פאַר מענער און פרויען. ווען איר קומט, למשל, אריין אינדערפרי זיך ארומוואַשן, קאָנט איר טרעפן אַזאַ סצענע: אין איין ווינקל, אין אַ פעסל, באָדט זיך אַ פרוי און באַלד דערנעבן וואַשן זיך מענער. ווען די פרוי קריכט אַרויס פון פעסל (דאָס יאַפּאַנישע פאָלק קען נישט קיין וואַנעס, נאָר פעסער), גייט אַהין אַריין אַן אַנ־דער גאַסט. ווי דער שטייגער איז, טוישט מען נישט דאָס וואַסער נאָך יעדן גאַסט... אין די צעעפנטע צימערן קאָן מען אָבסערווירן די מנהגים ביים עסן, ביים אויפנעמען געסט, וואָס איז אין יאַפּאַן אַ ספּעציעלער קולט. דער עיקר, אָט־דאָ אין האָטעל האָב איך אויף דער אייגענער הויט (אייגנטלעך, אין אייגענעם מאָגן) דערפילט די „וויטאַמינען".

ווען איר קומט אַריין אין האָטעל „באַפּאַלן" אייך אַ האַלב טוץ מיידלעך; מען טוט אייך אויס די שיך, דאָס רעקל און מען ציט אויף אייך ארויף אַ יאַפּאַנישע קימאָנאָ. ווען איך האָב זיך דערזען אין שפּיגל אין אָט דעם הולך, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נאָך אַ מינוט — און איך וועל באַקומען קרומע אויגן און אָנהייבן רעדן יאַפּאַניש... זענען מיר געזעסן אין צימער צוויי יאַפּאַנער: הודזשי האַנאַי און — איך. געזעסן, פאַרשטייט זיך, אויף דער ערד מיט די פיס הינטער זיך.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אז איך בין „געזעסן מיט די פיס אונטער זיך". איך האָב עס געפּרוווט טון, נאָר די פיס האָבן נישט געפאָלגט. הודזשי האַנאַי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ באַהאַלטענעם סאַרקאַסטישן בליק. מסתמא האָט

ער זיך געטראַכט ווי ווינציק עלאַסטיש עס זענען דיביינער פון אַ ווייסן מענטש, אַז ער קען אַפילו נישט זיצן מיט די פיס אונטער זיך. גיי דערצייל אים, אַז נישט ביי מיין זיידן און נישט ביי מיין טאַטן איז מען געזעסן אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך.

ס'איז געווען אַ קילער יאַקאַהאַמער אָוונט. די מיידלעך האָבן זיך שטאַרק געפּאַרעט אַרום אונז און געגרייט צום אָוונטברויט. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ טישעלע, אַ פייער־טאָפּ, אַן אַש־טאָפּ און צווי טשייניקלעך גרינעם יאַפּאַנישן טיי. אויפן טישעלע האָט מען אונז דערלאַנגט אויף צווי איידעלע קיאָטאָער טעצלעך צווי ליים־פּירות באַשיט מיט זאַלץ און מיט צוקער און צווי שטיקלעך מאַרינירטן רע־טעך, וואָס האָבן זיך שטאַרק געפּילט מיט דעם ריח פון רויען לעדער. איך האָב געוואַרט אויפן אָוונט־ברויט... נאָך אַ צען מינוט וואַרטן, זאָגט צו מיר הודזשי האַנאַי:

— איר זענט אַ גאַסט. און ביי אונז זענען געסט די מלכים פון טיש.

איך האָב פאַרשטאַנען דעם אומגליק און געפּרוווט איינבייסן די זיס־זויער־געזאַלצענע פּרי און פאַרביסן מיטן מאַרינירטן בוראַק און געטרונקען דעם ביטערן טעמלאָזן טיי. נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך דעם טעם פון די דריי געריכטן, ווערט מיר שטאַרק איבלדיק אונטערן לעפעלע. אָבער וווּנדערלעך: פאַר הודזשי האַנאַי איז ד אָ ס „אָוונט־ברויט" געווען גענוג און געשמאַקפול. ווען מען האָט געמאַכט פאַר אונז די געלעגערס מיט די קליינע יאַ־פּאַנישע קישעלעך, וואָס אַ גאַנצע נאַכט האַלטן זיי אין איין אַרויסשפּרינגען פון אונטערן קאָפּ, ווי צולהכעיסדיקע קליי־נע חיהלעך, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט אויפן קול:

— איך וואָלט אַראָפּגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן עפּעס עסן.

הודזשי האַנאַי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איי־ראָפּעער האָבן זייער נערוועזע מאָגנס. נערוועזע און קאַפּריזנע. און צוויי זאַכן האָבן זיי נאָך נישט פאַר־שטאַנען, אַז „ראַקו וואַ קו נאַ טאַנע, קו וואַ ראַקו נאַ טאַ־

נע״. עס הייסט: „פּאַרגעניגן איז דער מקור פון ליידן און ליידן איז דער מקור פון פּאַרגעניגן״. ווער עס איז איינגע־האַלטן אין דער אכילה, דער קאָן אויפנעמען דאָס פּאַרגע־ניגן פון חכמה... אייראָפּע עסט זיך אַליין אויף — אין פרעסן און אין מלחמות. אייראָפּעישע מענטשן גראָבן פאַר זיך קברים אָדער מיט האַרמאַטן אָדער מיט די אייגענע ציין. איבערלאָדן דעם מאָגן מאַכט שווער דעם געדאַנק און פינצטער די חלומות. דער איידעלער זאַפט פון דער ליים־פּרוכט באַפרייט אונזער פאַנטאַזיע און דערנענטערט אונז צו די געטלעכקייטן, אין ווענענס העגט מיר גיבן זיך כסדר איבער. אונזער פאָלק איז איינגעהאַלטן אין עסן, זייער איינגעהאַלטן, דערפאַר וואַקסט עס מאָראַליש און אַנטוויקלט זיך...

איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און אַראָפּ אין גאַס זוכן אַ רעסטאָראַן. אָבער די יאַפּאַנישע רעגירונג, האָט אין אָט דער צייט נישט דערלויבט די רעסטאָראַנען צו זיין אָפן נאָך צען אַזייגער אינאָוונט...

אינדערפרי האָבן די זעקס מיידלעך ווידער געברענגט דאָס טישעלע און אויפן טישעלע עפּעס אַזאַ מין צפּיחיתל, וואָס האָט געשמעקט מיט דזשעגעכץ. ווען איך האָב גע־פרעגט אַ מיידל, צי איך קען באַקומען עפּעס ממשותדיקס, עס זאָל זיין מיט וואָס מקיים צו זיין די מצווה פון עסן, האָט זי מיר געענטפערט, אַז די מעניו אין האָטעל איז לויט די געהעריקע פאָרשריפטן.

אין שימאָנאָסעקי, ווו מיין שיף האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב אַ גרויסער לאָדונג, בין איך צוויי טעג געווען ביי אַ יאַפּאַנישער פאַמיליע, מיט וועלכער איך האָב צוזאַמען געגעסן, אָדער בעסער געזאָגט: לויט אונזערע באַגריפן מיטגעהונגערט. דאָס מיטאָג איז באַשטאַנען פון אַ קליין שיסעלע לאָקשן, לאַנגע ווי דער יידישער גלות, און אַ בי־סעלע רייז. ווען איך האָב דעם באַלעבאָס דערציילט, וואָס מען עסט אין אייראָפּע אויף מיטאָג, האָט ער דאָס וווּנדער איבערגעזעצט פאַר זיין פאַמיליע און אין זייערע פאַר־

זשמורעטע אויגן האָב איך געזען אומגלויבן. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט צו מיר:

— אונזער רעגירונג גיט אַרויס אַזעלכע ביכעלעך, ווי אַזוי זיך צו דערנערן. דער עיקר זענען וויטאַמינען; מען דאַרף עסן אַ סך וויטאַמינען.

— וואָס הייסט עס וויטאַמינען? — פרעג איך.

דער יאַפּאַנער האָט אַ דריי־געטאָן מיטן קאָפּ:

— גענוי ווייס איך נישט. מען זאָגט, אַז דאָס זענען אַזעלכע קליינע ווערעמלעך.

נו, און אַז וויטאַמינען זענען „ווערעמלעך", זענען זיי פאַרן יאַפּאַנער ווי אַנגעמאָסטן. וואָרום גאָרנישט האָט אַזוי ליב אַ יאַפּאַנער, ווי אַ פעט זאַפטיק ווערעמל. אַ בינטל גוטע ערד־ווערעם, ווי געהעריק צוגעגרייט, איז אין יאַפּאַן נישט פון קלענערן יחוס, ווי אַ זאַפטיקער רומסטעק אין אייראָפּע.

די „באַשיידענע" דערנערונג רופט זיך אָפּ זייער שטאַרק אויפן געזונט פון פאָלק. די שטערבלעכקייט אין יאַפּאַן איז אַ זייער גרויסע און בלויז אַדאַנק דער אומגעהויערער פּרוכפּערקייט פון די יאַפּאַנער (דורכשניטלעך געבוירן על־טערן צו זעקס־אַכט קינדער), וואַקסט כסדר די צאָל זייערע.

די יאַפּאַנישע זעלנער, למשל, (זין פון פויערים און אַרבע־טער), זענען פון אַ זייער נידעריקן וווקס און אויסגעדאַרט. אַ סך פון זיי עסן צו דער זעט דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן — ביי מיליטער. דער דורכשניטלעכער יאַפּאַנער איז פון אַ זייער שוואַכער קאָנסטרוקציע. עס איז נישט ריכטיק, אַז די יאַפּאַנער געהערן צו אַ קליין־געוויקסיקער ראַסע. די גייסטלעכע אין די טעמפּלען, די טעמפּל־טענצער, רינג־קעמפער און ספּאָרטלער — גרופּן, וואָס דערנערן זיך אין יאַפּאַן זייער גוט, — זענען אַלע ברייט־פּלייציקע, פון מיטעלן וווקס און פעטע. די קליינוויקסיקייט פון די יאַפּאַ־נישע פויערן און אַרבעטער איז אַ פועל־יוצא פון נישט־גענוגנדיקער דערנערונג.

לויט די אייראָפּעישע באַגריפן און אייראָפּעישן סטאַנ־דאַרט איז לעבנסמיטל אין יאַפּאַן זייער ביליק. בפרט די

פּראָדוקטן, מיט וועלכע עס דערנערט זיך דער דורכשניט־לעכער יאַפּאַנער. אָבער דער אַרבעטסלוין איז אַזאַ נידעריקער, אַז דער אידעאַל פון אַ יאַפּאַנישן פּאָרט־אַרבעטער איז צו פאַרדינען צוואַנציק אַמעריקאַנער סענט אַ טאָג. אָט דער גאַנצער „וויטאַמינען"־סיסטעם אין יאַפּאַן האָט אַ קאָלאָסאַלע מעלה: דאָס פאָלק גופא פאַרברויכט ווייניק. פון דער צווייטער זייט באַקומט מען פון אים אַרויס אַזאַ אַרבעטס־ענערגיע, וואָס מאַכט מעגלעך, יאַפּאַן זאָל ווירט־שאַפטלעך קאָנען קאָנקורירן מיט דער גאַנצער וועלט.

די גאַנצע ענערגיע פון יאַפּאַנישן פאָלק ווערט פאַר־שלונגען אויף בויען רייכע שטעט, אויף אַנטוויקלען אַ קאָנ־קורענץ־מעגלעכע עקספּאָרט־אינדוסטריע.

דער יאַפּאַנער, אין זיין פאַנאַטישן פּאַטריאָטיזם, לאָזט זיך צוימען; לאָזט אָפּשפּאָרן פון זיין מויל אָן דעם מינדסטן סימן פון ווידערשטאַנד.

הודזשי האַנאַי האָט איינמאָל געזאָגט צו מיר:

— אין אייראָפּע ווערט דער פּאַטריאָטיזם אויפגעהאַלטן קינסטלעך: דורך שאָוויניסטישער העצע, דורך רייצן די אינסטינקטן. ווייל זייער נאַטירלעכן פּאַטריאָטיזם האָבן די אייראָפּייער פאַרלוירן אין רעוואָלוציעס. זיי צעשטערן זייערע אייגענע פאָלקס־פאַרמעגן און פאַרבייטן זיי אויף ציוויליזאַציע. און ציוויליזאַציע האָט גאָרנישט צו טון מיט גייסטיקע פאַרמעגן.

דער יאַפּאַנישער פּאַטריאָטיזם וואָרצלט אין דער גע־שיכטע און אין די אומפאַרענדערלעכע לעבנספאַרמען.

ביי דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון יאַפּאַן און ביי דער גאַנצער אַמעריקאַניזאַציע, זענען דאָרט די סאָציאַלע פאַרמען געבליבן פעאָדאַלע. אין פאָלקס־זכרון איז געבליבן דאָס געדעכעניש פון 17־טן יאָרהונ־דערט, ווען אין יאַפּאַן האָט געהערשט אַזאַ פּאָליציייִשער רעזשים, אַז קיין שום האַרטער רעזשים שטערט אים נישט מער. עס איז פאַרשווונדן די סאַמורייען־קאַסטע אין איר אויסערלעכער פאָרם, אָבער די מאַכט פון לאַנד ליגט נאָך אַלץ אין די הענט פונעם אַדל, אין די הענט פון די

אייניקלעך פון די סאַמורייען. אין משך פון פיל הונדער־טער יאָרן איז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק דערצויגן געוואָרן אין אַ מין פּראָטעקציאָנעלער פאַרשקלאַפונג אַזוי, אַז היינט איז יעדער יאַפּאַנער נאָכגיביק. מיט דער צייט האָט ער פאַרגעסן די סיבות פון זיין נידעריקער סאָציאַלער מדרגה און האָט ליב באַקומען אָט די פאָרם. זיך פולקאָם צוגע־פאַסט צו איר פּסיכיש. דער יאַפּאַנער רעוואָלטירט נישט קעגן דער פאַרשקלאַפונג, ווייל ער איז זיכער, אַז זיין גורל איז באַשטימט דורך די געטער. און ער איז פאַרליבט אין זיין לאַנד. ער איז גרייט צו שטאַרבן פאַר יעדן שפּאַן ערד פון זיינע אומרואיקע אינדזלען און פאַר אַלץ, פאַר וואָס זיין רעגירונג הייסט שטאַרבן.

אָבער טאָמער רעוואָלטירט אַ יאַפּאַנער, קעמפט ער ווי אַ סאַמוריי, מיטן גרעסטן פאַנאַטיזם און ברענגט זיך אַליין פאַר אַ קרבן.

קיין שום פאָלק האָט אַזוי פיל נישט געליטן פון ערד־ציטערנישן ווי דאָס יאַפּאַנישע. קיין שום טייל פון אונזער וועלט האָט נישט דורכגעמאַכט אַזויפיל נאַטור־קאַטאַסטראָ־פעס ווי יאַפּאַן. דורך אָט די קאַטאַסטראָפעס איז באַשטימט געוואָרן די יאַפּאַנישע אַרכיטעקטור, הויז־איינריכטונגען, טעמפּלען און לעבנס־שטייגער; אָבער צוליב דעם האָט דער יאַפּאַנער נישט פיינט געקריגן די ווולקאַנען; פאַר־קערט: וואָס מער ערד־ציטערנישן, אַלץ מער פאַרגעטערונג פאַר די ווולקאַנען, אַלץ מער קולט פאַר דער נאַטור. די נאַטור איז מעכטיק און באַשטימט דעם גורל פון דעם מענטש — רעוואָלטירט מען נישט קעגן גורל. און די מלר־כהש־געזעלשאַפטלעכע פאָרמען אין יאַפּאַן זענען פונקט אַזאַ געטלעכער קולט, ווי דער ווולקאַן, ווי דער טעמפּל, אָדער שינטאָ־שריין.

פאַרבייפאָרנדיק דעם שניי־באַדעקטן מאַיעסטעטישן ווול־קאַן פודזשי־יאַמאַ, נישט ווייט פון יאָקאָהאַמאַ, זענען אַלע פּאַסאַזשירן אויפגעציטערט געוואָרן פון זיין הייליקער שיינקייט; יאַפּאַנער האָבן מיר אָנגעוויזן אויפן רויכנדיקן ריז, וואָס האָט זיך געראַיטלט מיט זיין שניי־צודעק אין דער

לופט פון ענאָשימאַ־אינזל. אָט די ווונדערבאַרע שיינקייט האָט שוין נישט איינמאָל אָפּגעמעקט פון דער ערד צענד־ליקער שטעט און הונדערטער דערפער. אָבער צענדליקער דורות גייִשאַס באַצויבערן דאָס פאָלק מיט די לידער פון אַלטן מאַניאָשו וועגן פודזשי־יאַמאַ:

— — — די וואָלקנס גופא קענען קוים דערקלעטערן
זיין הויך,
אין העכסטן פלי דערגרייכן נישט די פייגל זיין רויך,
זיין פייער ווערט געלאָשן פון אייביקן שניי
און זיין שניי ווערט געשמאָלצן פון אייביקן פלאַם;
איך געפין נישט קיין ווערטער וועגן אים, און קיין נאָמען
צו רופן אים — — —
אָ, גרויסער פודזשי; אָ פודזשי־נאָ־יאַמאַ!
איך קען שטיין און קוקן אויף דיר
אייביק, אייביק.

איז אויב דאָס יאַפּאַנישע פאָלק קאָן אַזוי פאַרגעטערן א צעשטערערישן ווולקאַן, טאָ פאַרוואָס זאָל עס נישט זיין צוגעבונדן צו דער מלוכה, צו דער רעגירונג, וואָס זאָגט־צו דעם פאָלק רום און רייכטום אין דער צוקונפט?

די יאַפּאַנישע רעליגיע פאַרמאָגט אַזוי פיל קולטן און אַזוי פיל מיסטיציזמען, וואָס איז שווער צו באַגרייפן פאַר אַן אייראָפּייער, וואָס איז דערצויגן אין אַ מאָנאָטעאיסטישן גלויבן. צווישן די דאָזיקע פאַרשידענע און קאָמפּליצירטע קולטן איז אויך די מלוכה אַ קולט (פון די העכסטע קולטן) און די פאַמיליע איז אַ קולט, און אַפילו אַ שווערער רעזשים איז אַ קולט. ווייל גאָרנישט קומט סתם אַזוי — אַלץ ווערט באַשטימט פון די געטער און דער מענטש איז נישט מער ווי שטויב, איבער וועלכן עס טרעטן די געטער.

הודזשי האַנאַי האָט מיר עס געזאָגט בילדעריש:

— נישט דער ים באַשטימט אַליין זיין שטורעם און נישט דאָס זאַמד אין דער מדבר באַשטימט זיין געלעגער. דער ים און דער זאַמד ווערן באַשטימט דורך די כוחות פון שטורעם.. דער שטורעם הייבט אויף כוואַליעס אין ים

און דער שטורעם פאַרמירט די זאַמד־בערג אין דעם מדבר.
איז דער מענטש נישט מער ווי שטויב, וואָס זיין מעמד באַשטימען די געטער, דער מיקאַדאָ, די רעגירונג, די מלוכה.
דער פשוטער יאַפּאַנער איז דעריבער פּאָליטיש אינדי־פערענט. דעם געביט לאָזט ער איבער פאַר דער רעגירונג. און וואָס די רעגירונג טוט — איז גוט. אַבי פאַר דעם פאָלק, פאַרן לאַנד. וואָס דער יאַפּאַנישער פאָלקס־מענטש טראַכט אין זיינע מחשבות איז שווער צו וויסן, ווייל קיין שום יאַפּאַ־נער וועט נישט רעדן עפנטלעך, אָדער פאַר אַן אויסלענדער, וועגן זיין לאַנד און דער פּאָליטיק פון זיין רעגירונג. ער פאַרנעמט זיך בלויז מיט זיינע ביזנעס, פּאָליטישע אָפּקלאַנ־גען קומען צום אויסדרוק בלויז אויף די אוניווערסיטעטן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט זענען די אוניווערסיטעטן אין יאַפּאַן די איינציקע ערטער פון פּאָליטישע און אידעישע קאַמפן. אַ טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט איז קאָמוני־זירנדיק; אַנדערע זענען פאַרן אויפלעבן דאָס סאַמוראַיִשע יאַפּאַן; און נאָך אַנדערע זענען פאַר אייראָפּעישער דעמאָ־קראַטיע אין יאַפּאַן. נישט פאַראַן קיין אידיי, וואָס זאָל נישט באַקומען איר אויסדרוק צווישן די סטודענטן.

דער צווייטער פאַקטאָר איז דער פאַמיליע־סיסטעם אין יאַפּאַן. לויט דעם סאָציאַלן געבוי איז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איין גרויסע פאַמיליע, בראש פון וועלכן עס שטייט דער העכסטער פאָטער — דער מיקאַדאָ. אָט דער סיסטעם איז נישט קיין טעאָרעטישער, נאָר ער באַווירקט אפילו די מינדסטע באַוועגונג פון יעדן יאַפּאַנער. אין קלענערן מאַסשטאַב איז דער הויפּט פון יעדער פאַמיליע דער פאָטער אָדער — אין זיין אָפּוועזנהייט — דער עלטסטער זון. דער הויפּט פון דער פאַמיליע באַשטימט דאָס לעבן פון די, וועלכע זענען אים אונטערגעוואָרפן — סיי בלוט־פאַרוואַנדטע און סיי אַדאָפּטירטע. ווען אַדאָפּטירטע ווערן פוליערייק האָבן זיי די זעלבע רעכט, ווי די אייגענע קינ־דער פון דער פאַמיליע. דער הויפּט באַשטימט די ביל־דונג פון יעדן פאַמיליע־מיטגליד, זיין ווינאָרט, זיין רעכט צו באַזיצן אייגנטום, פּריוואַט־אייגנטום צו קויפן אָדער

פאַרקויפן, חתונה צו האָבן, צו שליסן אָפּמאַכן, צו ענדערן דאָס וווינאָרט. דאָס גאַנצע לעבן פונעם יחיד ווערט קאָנט־ראָלירט דורכן פאָטער. ער האַלט אויך דעם פאַמיליע־זיגל, אָן וועלכן קיין שום דאָקומענט פון אַ פאַמיליע־מיטגליד איז נישט גילטיק. ווען אַ מאַנספּערשוין ווערט אַלט דרייסיק יאָר, האָט ער רעכט צו פאַרלייגן אַן אייגענע פאַמיליע, אָבער מיט דעם באַפרייט ער זיך נאָך נישט פון דער אַפּוט־רופּסות פון דער פאַמיליע, צו וועלכער ער האָט געהערט.

פאַרלייגן אַ פאַמיליע הייסט נישט נאָר חתונה האָבן און האָבן קינדער. אין יאַפּאַן האָט מען חתונה זייער יונג. און ווען מען געבוירט אַפילו צען קינדער הייסט עס נאָך אַלץ נישט האָבן אַ פאַמיליע אין סאָציאַלן זין. דאָס איז בלויז אַ פאַמיליע־קעמערל.

ווען די פאַמיליע צעוואַקסט זיך און עס אַנטשטייען פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס קענען נישט באַשטימט ווערן דורך איין פּערזאָן — ווערט געשאַפן אַ פאַמיליע־ראָט, אַ מין פאַרלאַמענט. אָבער מיט דעם ווערן אויף אַ האָר נישט געמינערט די רעכט פונעם הויפּט.

דאָס גאַנצע לעבן פון יאַפּאַנישן פאָלק ווערט אייגנטלעך באַשטימט דורך דער פאַמיליע. דער יחיד קען נישט מאַכן קיין שום דורכבברוכן אין די געוווינהייטן און איינ־געשטעלטע מנהגים. זי, די פאַמיליע, איז פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר די חובות פון יעדן איינציקן מיטגליד. ווען איינער באַנקראָטירט, מוז די פאַמיליע אַלס אינסטיטוציע צאָלן די חובות. ווען איינער איז אַרבעטסלאָז, האָט ער רעכט צו נעמען דאָס ווייב און קינדער און אַוועקגיין צום הויפּט און דער הויפּט מוז זיך טיילן מיט זיין ביסל רייז. ווען איינער ווערט פּאָליטיש גערודפט, איז דעמאָלט אַך און וויי צו דער גאַנצער פאַמיליע.

אָט דער סיסטעם גיט דער מלוכה־מאַכט די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן דאָס פאָלק. דורך די קאָנסערוואַטיווע פאַ־טערס ווערט באַשטימט מיט כוח דער גורל פון די זין. אויב איך האָב פריער דערמאָנט, אַז יאַפּאַן ווערט רעגירט דורך עטלעכע פאַמיליעס — איז דאָס אין בוכשטעבלעכן זין אַזוי

אין דער ווירקלעכקייט, ווייל אין יאַפּאַן איז כמעט אומ־מעגלעך, צופעליקע מענטשן זאָלן קומען צו דער מאַכט, אַזוי ווי דאָס געשעט אין אייראָפּעישע מלוכות.

דער פּשוטער פאָלקס־מענטש אין יאַפּאַן אָריענטירט זיך אַפילו נישט אין פּאָליטישע ענינים. איינמאָל, פאַרבייגייענדיק מיט הודזשי האַנאַי פּאַר אַ בשמים־קרעמל אינעם פּרעכטיקן שטעטעלע קאַמאַקוראַ, אין שכנות פון יאָקאָהאַמאַ, האָב איך אויפן סופיט פון קרעמל באַמערקט דריי רייען קליינינקע פאָנעלעך: יאַפּאַנישע, היטלעריסטישע און איטאַליענישע. איך פרעג דעם סוחר, אַן אַלטן יאַפּאַנער:

— אַנאָנע, סאַן, וואָס איז דאָס?

ווייזט ער אָן אויף די פאָנעלעך מיטן רויטן באַלעם און שמייכלט:

— ניפּאָן פּרעגו (אין יאַפּאַנישן ענגליש הייסט עס: יאַ־פּאַנישע פאָן).

— און דאָס? — ווייז איך אים אויפן האַקנקרייץ.

שמייכל דער אַלטער יאַפּאַנער און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— פּרעגו.

— וואָס פאַר אַ פאָן?

— אַי דאָנטו נאָוו. — ענטפערט ער פּשוט, ס׳הייסט: איך ווייס נישט.

— און די פאָן צו וועמען געהער? — ווייז איך אויף די איטאַליענישע פאַרבן.

— אַי דאָנטו דאָוו — קומט דער זעלבער ענטפער אינעם ספּעציפישן יאַפּאַנישן ענגליש.

ער קלייבט זיך נישט פונאַנדער, דער קרעמער, ווייל דער האַקן־קרייץ זאָגט אים גאָרנישט וועגן דייטשלאַנד אָדער פאַשיזם. פאַרקערט: דער האַקנקרייץ, ווי אַן אַלטער אינדי־שער אָפּצייכן, איז געקומען קיין יאַפּאַן נאָך אין יענע צייטן, ווען ס׳האָט דערגרייכט אַהער די בודיסטישע רעליגיע און דעם דאָזיקן צייכן געפינט מען אין יאַפּאַן אויף אַלע שינטאָ־שריינס, אויף הייזער און טירן פון פּריוואַטע הייזער. איך אַליין האָב געוווינט אין קאָבע אין אַן אַלטן אינדישן

האָטעל, וואָס האָט אַפילו אויף די בעטן און אויף די טירן פון די צימערן געהאַט דעם האַקנקרייץ.

בלויז די אינטעליגענץ קלייבט זיך גרינטלעך פונאַנדער אין די אייראָפּעישע פּאָליטישע שטרעמונגען; אָבער זייער באַציאונג צו די אייראָפּעישע מלוכות און פּראָבלעמען איז פּונקט אַזאַ, ווי ס׳איז געווען אונזער באַציאונג צו כינע אָדער פּערו, למשל, מיט פופציק יאָר צוריק. פאַר דעם יאַ־פּאַנער, וואָס דענקט מלוכיש, עקזיסטירן בלויז צוויי פאַק־טאָרן אויף דער וועלט: זיין אייגענע מלוכה און די איבע־ריקע וועלט, וואָס שטערט, לויט זיין מיינונג, יאַפּאַן צו דערגרייכן אירע פּאָליטישע צילן. דאָס איז דער אלף־בית, וואָס יעדער האַלב־אינטעליגענט אין יאַפּאַן קען אויף אויסנווייניק. אין דעם פּרט איז יאַפּאַן באמת געאייניקט ווי אַ פעלז.

דער יאַפּאַנער קאָן געפערלעך פיינט האָבן; ער קאָן פאַראכטן ווי אַ שלאַנג, הגם אין די געוויינטלעכע צווישנ־מענטשלעכע באַציאונגען איז ער עטיש, גערנווילליק און ביז משוגעת גאַסטפריינטלעך.

הודזשי האַנאַי, וואָס קען זיין פאָלק אויסגעצייכנט, האָט מיר איינמאָל ביי אַ געלעגנהייט דערקלערט:

— ווען אַ יאַפּאַנער קעמפט מיט אַ שונא פון דער זעל־בער ראַסע, וואָס ער, קעמפט ער ווי אַ גוטער זעלנער. ווען ער גייט קעגן אַ פרעמדע ראַסע (געמיינט די ווייסע ראַסע), ווערט ער ווילד פון שנאה און נקמה־דורשט. יעדער יאַפּאַ־נער טוט גערן אָן דעם זעלנערישן מונדיר, ווען ער ווייסט, אַז דער שונא איז פון יענעם לאַגער, וואָס פאַראַכט דעם יאַפּאַנער אויך ווי אַ פרעמד־ראַסיקן.

דער דאָזיקער שטייגער שטאַמט נאָך פון יענער צייט ווען יאַפּאַן האָט צו זיך נישט אַריינגעלאָזט קיין מענטשן פון דער ווייסער ראַסע.

*

צווישן די צענדליקער קולטן אין יאַפּאַן זענען פאַראַן צוויי זייער אינטערעסאַנטע. דאָס איז דער קולט פאַר דעם

קעמפער, פאַר דעם זעלנער און פעכטער און פאַר זעלבסטמאָרד. אַ פאָפולער יאַפּאַניש שפּריכוואָרט זאָגט: „קאַרשן־בליטן — איבער אַלע בלומען; קעמפער — איבער אַלע מענער".

ברוטאַלער קאַמף איז דער רויטער פאָדעם פון דער יאַפּאַנישער געשיכטע. אין יאַפּאַן איז דעריבער די שווערד נישט אַ נויטווענדיק געווער, נאָר אַ זאַך פון קולט. די שווערד ווערט באַטראַכט ווי אַ סינאָנים פון איידלקייט און ערע. אויף די יאַפּאַנישע אוניווערסיטעטן און שולן איז דער פעכט־ספּאָרט אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד. און אָט דער קולט פון רויער קראַפט איז אַזוי איינגעבאַקן אין האַרץ פונעם פאָלק, אַז קיין שום יאַפּאַנער קאָן נישט טראַכטן וועגן אַ צווישנפעלקערלעך לעבן אָן אַ קאַמף.

הודזשי האַנאַי האָט מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם געוואַלטיקן ריטערלעכן שטאָלץ פון יאַפּאַנישן פאָלק. אָבער במשך פון מיין ווײַלן אין יאַפּאַן האָב איך גיכער באַמערקט אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל ביי יעדן יאַפּאַנער. דער יאַפּאַנער, ווי אַלע אַזיאַטישע מענטשן, איז מקנא דעם אייראָפּעער זיין ווייסקייט. ער, דער יאַפּאַנער, האָט דעראָבערט אַלע מאַטעריעלע אויפטואונגען פון אייראָפּע, אין פיל געביטן אפילו איבערגעשטיגן אייראָפּע, אָבער די ווייסקייט פון דער אייראָפּעישער הויט קען ער נישט דעראָבערן מיט זיינע אומגעווייַנלעכע, דער־שטוינענדיקע פעיקייטן צו פאַראייגענען זיך ווערטן.

אַז דער קולט פאַר פיזישן כוח איז נישט קיין אויס־דרוק פון שטאָלץ, נאָר פון אַ געפיל פון מאַכטלאָזיקייט איז צו זעען פון דעם צווייטן מעכטיקן קולט אין יאַפּאַן — זעלבסטמאָרד. ווען אַ יאַפּאַנער קומט־אויס שטאַרק צו ליידן — באַגייט ער זעלבסטמאָרד מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי מען בייט די וועש...

די פאַרהערלעכונג פון פיזישער מאַכט איז אין יאַפּאַן אומגעהויער, און אָט דער קולט ווערט איבערגעטראָגן אויף דעם יאַפּאַנישן מיליטער פונקט ווי אויפן איינציקן זעלנער.

מען קאָן זייער אָפט באַמערקן אויף די גאַסן אין יאַפּאַן ווי גרעסערע גרופּעס מענטשן באַגלייטן יונגעלייט אַנגעטאָן אין ספּעציעלע מלבושים, וואָס הייסן האַקאַמאַ און האַאָרי. דאָס באַגלייט מען רעקרוטן, וואָס גייען אַוועק אין מיליטער. די פֿריינט פֿון די רעקרוטן אָרדנען איין דעמאָלט בעלער, די עלטערן גרייטן־צו ספּעציעלע מאַכלים אויף דעם יום־טוב און זיי באַטראַכטן עס פֿאַר אַ גרויסע פּריווילעגיע — דאָס צונעמען דעם זון אין מיליטער. פּאַרקערט, ווען צוליב פֿיזישע דעפֿעקטן ווערט אַ יונגערמאַן נישט אָנגענומען אין מיליטער, באַטראַכטן עס די עלטערן ווי אַ מין באַ־ליידיקונג, פּונקט ווי מען וואָלט פּלוצים פֿון דעם זון געמאַכט אַ טאָכטער.

איך האָב איינמאָל געזען: מיט די קאָבער גאַסן איז געפֿאָרן אַ לאַסט־אויטאָ מיט צוויי אויפֿגעפּלאַנצטע יאַפּאַ־נישע פֿענער און צוויי זעלנער מיט באַגנעטן אויף די ביקסן. דער אויטאָ איז געווען פֿול מיט ווייסע קעסטעלעך און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער פֿאָרט פֿאַמעלעך בלויז צוליב דער שווערער משא. אָבער אַלע פֿאַרבייגייער לענג־אויס די גאַסן, מיט וועלכע דער אויטאָ איז געפֿאָרן, האָבן זיך טיף איינגעבויגן צו דער ערד און אָפּגעגעבן כבוד. דער אויטאָ האָט געפֿירט קעסטלעך מיט אַש פֿון די זעלנער, וועלכע זענען געפֿאַלן אין כינע ווייט פֿון דער היים. צענדליקער טויזנטער יאַפּאַנער האָבן אַזוי אָרום געבוקט זיך פֿאַר דעם, וואָס איז זייער גרויסער קולט.

אַ צווייט מאָל האָב איך געזען אין קאָבער האַפֿן אַ סאַניטאַר־שיף, וואָס האָט געבראַכט פֿאַרוווּנדעטע פֿון כינע. ווידער זענען צענדליקער טויזנטער מענטשן געשטאַנען פֿאַר די טויערן פֿון דאָק און געבוקט זיך צו דער ערד, בעת מחנות שולקינדער האָבן מאַרשירט מיט פֿענער אָפּגעבן כבוד דער שיף. אַז אויפֿן דעק איז אַרויס אַ מיליטערמאַן מיט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ און מיט אַן אונטערגעבונדענער האַנט, האָבן זיך הונדערטער פֿענדלעך צעפֿאָכעט אין דער לופֿט און די אויסגעשרייען „באַנזאַי! באַנזאַי!" האָבן פֿאַר־הילכט דעם ברעג.

אויפן וועג צווישן דער געוועזענער הויפטשטאָט קיאָטאָ און דער היינטיקער הויפטשטאָט טאָקיאָ, איז אין זעלבן צוג, ווו איך בין געפאָרן, איינגעשטיגן אַן אָפטיילונג זעלנער. די ציווילע פּאַסאַזשירן האָבן תיכף פריי־געמאַכט פאַר זיי די זיץ־ערטער מיט אַזאַ יראת־הכבוד, ווי ביי אונז יידן טרעטן־אָפּ דאָס אָרט עם־הארצים פאַר תלמידי־חכמים. און געדענקען דאַרף מען, אַז אין יאַפּאַן טרעט מען נישט אָפּ דאָס אָרט אין וואַגאָן אַפילו פאַר פרויען, וועלכע זענען באַהאָנגען מיט קינדער און פּעקלעך.

און צי איז דען אַ וווּנדער, וואָס דער זעלנער, דער קעמפער איז אַזוי פאַרגעטערט אין יאַפּאַן? אין וועלכן טעאַטער איך זאָל נישט האָבן געווען — צי אין דעם ווונדערבאַרן סטיל־אַרטיקן קאַבוקי־זאַ־טעאַטער אין טאָקיאָ, צי אין נאַקאַזאַ־טעאַטער אין אָסאַקאַ, אָדער אין דער אָפּערע אין טאַקאַראַזוקאַ — אומעטום איז אָדער מען האַקט זיך ביז בלוט מיט שווערדן, אָדער מען טרענט זיך ארויס די געדערים ביי כאַראַקירי און סעפּוקו־זעלבסטמאָרד. וויפל קינאָ־בילדער איך האָב געזען (און געזען האָב איך אַ סך), אומעטום איז דער הויפּט־עלעמענט שלאָגן זיך מיט שווערדן, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד. די גאַנצע קלאַסישע און מאָדערנע דראַמאַטורגיע פון יאַפּאַן, די העראָישע שוישפּילן, די קאַבוקי־דראַמע און די נאָה־שפּילן — אַלץ איז באַזירט אויף מלחמה־און קאַמף־אינטריגעס און אויף זעלבסטמאָרד (כמעט קיינמאָל נישט אויף ליבע און זעלטן ווען אויף שטייגער־מאָטיוון!).

עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס מיר האָבן פאַרבונדן דעם יאַפּאַנישן זעלנער מיט דעם קולט פון זעלבסטמאָרד. דאָס איז דערפאַר, ווייל אייראָפּייער פאַרשטייען נישט פון וואַנעט עס נעמט זיך, וואָס יאַפּאַנישע זעלנער גייען אין מלחמה־אריין אָן שום פחד פאַרן טויט. עס האָט מיר דערציילט אַ קאָבער ייד: זיין יאַפּאַנישער שכן האָט באַקומען אַן אָפיציעלע ידיעה, אַז זיין זון איז געפאַלן אין כינע. דער פאָטער האָט רעאַגירט גאַנץ פשוט: „נו, אויף דעם

איז ער געגאַנגען אין מלחמה, ער זאָל אומקומען", האָט ער געזאָגט און ווייטער פאַרגעזעצט זיין אַרבעט.

דאָס לעבן איז נישט קיין גרויסע מציאה אין יאַפּאַן. אַלנפאַלס באַטראַכט נישט דער יאַפּאַנער דאָס לעבן פאַר אַזאַ אומגעהויערן פאַקטאָר, אַז מען זאָל אזש דאַרפן ציטערן דערפאַר און איינלייגן וועלטן. צו אָט דעם שטאַנדפונקט האָבן מיטגעווירקט די שווערע לעבנסבאַדינגונגען פון יאַפּאַנישן פאָלק: פּערמאַנענטע קאַטאַסטראָפעס, הונדערטער ערד־ציטערנישן און טייפונען, וואָס פאַרשלינגען צענדליקער טויזנטער מענטשן מיטאַמאָל; דאָס חתונה האָבן יונג און געבוירן אַ סך קינדער, און לסוף — דער שווערער קיום. און נאָך אַ פאַקטאָר האָט מיטגעווירקט דאָ: די רעליגיעס. די דאָמינירנדיקע רעליגיע איז בודיזם. און בודיזם זאָגט־צו נאָכן טויט אַזאַ גוטע זאַך ווי נירוואַנאַ. אָבער יאַפּאַנער זענען ווייט נישט קיין פאַנאַטיקער און גלייבן גלייכצייטיק אויך אין קריסטלעכן גן־עדן און אין קאָנפוציוסעס אומוואַנדלונגען. יעדער יאַפּאַנער איז אַבסאָלוט זיכער, אַז אין איינער פון די דריי „אינסטיטוציעס" וועט ער נאָכן טויט געוויס אָנקומען — איז צו וואָס אַזוי ציטערן איבערן לעבן? צי איז דאָס לעבן פון אַ שווערן אַרבעטסטאָג מיט אַ ביסל רייז ווערט מען זאָל זיך אַזוי כלאָפּאָטשען איבער דעם? יאַפּאַנער דענקען, אַז אויב ס'איז דאָ צוליב וואָס, דאַרף מען זייער לייכט זיך אָפּזאָגן פון לעבן, פּונקט ווי מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פון לעבן בעת ס'איז נישטאָ צו וואָס צו לעבן. אין ביידע פאַלן קומט מען אָן אין אַ בעסערער, פולקאָמענער וועלט.

יאַפּאַן איז דעריבער דאָס לאַנד פון זעלבסטמאָרדן. העכער 25.000 מענטשן באַגייען דאָ יערלעך זעלבסטמאָרד. דער עיקר רייך אין זעלבסטמאָרד זענען די הייסע חדשים — פון חודש מאַי ביז אויגוסט, וואָס ווערן טאַקע אָנגערופן „די חדשים פון זעלבסטמאָרד".

און עס איז צו שטוינען, צוליב וואָס מענטשן באַגייען זעלבסטמאָרד אין יאַפּאַן. עס איז, למשל, באַקאַנט, אַז געַנעראַל נאָגי — באַרימט פון דער יאַפּאַניש־רוסישער מלח־

מה — איז צוזאַמען מיט זיין ווייב באַגאַנגען זעלבסטמאָרד
תיכף נאָכדעם, ווי ס׳איז געשטאָרבן דער יאַפּאַנישער מאָ־
נאַרך־רעפאָרמאַטאָר מעידזשי. דער מאָטיוו זיינער איז גע־
ווען: דינען דעם מיקאַדאָ אויך אויף יענער־וועלט. צוליב
דעם האָט ער זיך אויפגעשניטן דעם בויך און זי — דעם
האַלדז. און גענעראַל נאָגי איז געווען אַ געבילדעטער און
קולטורעלער מאַן.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, בעת מיין ווײַלן אין
אינדיע, האָט זיך דער יאַפּאַנישער דירעקטאָר פון דער
באָמבייער ניפּאָן־יוסען־קאַישאַ־שיף־געזעלשאַפט אויפגעשניטן
דעם בויך, ווייל די פּאָליציי האָט אַרעסטירט זיינע צוויי
באַאַמטע ווי פאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש. בעת אַמעריקע
האָט אַרויסגעגעבן דאָס עקסקלוזיוו־געזעץ, וואָס האָט
באַגרענעצט די רעכט פון יאַפּאַנער, זענען יונגעלייט געקומען
אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין טאָקיאָ און אין די
אויגן פון אַלע זיך אויפגעשניטן די בייכער.

ווען דער באַלעבאָס באַהאַנדלט שלעכט די אָנגעשטעלטע,
וועט זיך תמיד געפינען איינער פון פּערסאָנאַל, וואָס וועט
באַגיין זעלבסטמאָרד, כדי מיט דעם אַרויסצובאַקומען בעסערע
אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר אַנדערע. ווען וועלכע עס
איז מלוכה טרעט אַרויס קעגן יאַפּאַן, וועלן זיך תיכף געפינען
יונגעלייט, וואָס וועלן זיך אויפטרענען די בייכער צוליב
פּראָטעסט. ווען צוויי יונגע מענטשן האָבן שטערונגען
חתונה צו האָבן — באַגייען זיי ביידע זעלבסטמאָרד מיט
דער זיכערקייט, אַז אויף יענער וועלט וועלן זיי אַוודאי
זיין צוזאַמען. איינע פון די פּאָפּולערע פאָרמען פון פּאָלי־
טישן פּראָטעסט אין יאַפּאַן גופא (דאָס הייסט — ווען עמי־
צער וויל רעוואָלטירן קעגן אַ רעגירונגס־פאַראָרדענונג)
איז — זעלבסטמאָרד.

די אַמערסטן באַקאַנטע פאָרמען פון זעלבסטמאָרד זע־
נען: אויפשניידן זיך דעם בויך („כאַראַקירי” אָדער „סע־
פּוקו”). אָבער דאָס איז בלויז די פּריווילעגיע פאַר מענער.
פרויען שניידן זיך איבער די העלדזער. פאַראַן אַ סך, וואָס
דענקען, אַז דער בעסטער אופן איז אַנטקעגנצולויפן אַן

אַנפּאָרנדיקן לאַקאָמאָטיוו. יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן שטע־רונגען אין פֿאַרבינדן זיך, וואַרפֿן זיך אַריין אין די קראַטערס פֿון ווולקאַנען. דער „העפּי־ענד" פֿון אַ מאָדערנעם יאַפּאַנישן ראָמאַן איז נישט ווי אין אַמעריקע, וווּ פּאָרלעך האָבן חתונה און הייבן־אָן אַ גליקלעך לעבן, נאָר — ווען די גע־ליבטע באַגייען אַ דאָפּלטן זעלבסטמאָרד. קיין אַנדער „הע־פּי־ענד" קאָן זיך גאָר אַ יאַפּאַנער נישט פֿאָרשטעלן. אַזאַ חתן־כּלה־זעלבסטמאָרד ווערט געלויבט ווי אַ גייסטיקע דערהייבונג, ווי דער שענסטער פֿינאַל פֿון אַ גרויסער ליבע.

דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק פֿאַרהערלעכט זעלבסטפֿאַרניכ־טונג. הודזשי האַנאַי האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מין סטאָיציזם, אַ מין ספּעציעלער פֿאָלקס־שטאָלץ. ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן, האָט ער אויך בדעה סוף־כּל־סוף איבער־צוטראָגן זיך אויף יענער־וועלט אָן קישקעס, ווייל דער אַקט פֿון אויפֿשניידן זיך דעם בויך פֿאַרמאָגט אַ סך העראָישע מאָמענטן און פֿאָלקס־פּאַטאָס.

— די בענקשאַפֿט פֿון אַ יאַפּאַנער איז, כאָטש איינמאָל אין זיין לעבן דערהייבן זיך צום ריטערלעכן פֿאָלקס־פּאַ־טאָס. כאַראַקירי — דאָס איז נישט זעלבסטמאָרד און נישט זעלבסטפֿאַרניכטונג. דאָס איז, פֿאַרקערט, ווידערגעבורט אין אַ דערהויבענער פֿאָרם...

צו אָט דעם געדאַנק האָט הודזשי האַנאַי פֿיל מאָל צוריקגעקערט און דווקא נישט אין מאָמענט פֿון דערשלאָגנ־קייט, נאָר אין מינוטן פֿון גלויבן. ווי עס זאָל נישט זיין: אַדאַנק דער דאָזיקער פֿילאָזאָפֿיע איז דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק גרייט זיך מקריב צו זיין אויף די שלאַכט־פֿעלדער. בעת אייראָפּעישע מלוכות דאַרפֿן לאַנגע יאָרן אַגיטירן זייערע פֿעלקער, זיי זאָלן מסכּים זיין צו גיין אין מלחמה, איז יאַפּאַן אין דעם „פּרט" אַבסאָלוט פֿאַרזאָרגט: דאָס פֿאָלק גייט שטאַרבן מיט אַ געפֿיל פֿון געפֿינען אַ תּיקון.

פֿאַר מיין אַוועקפֿאָרן פֿון יאַפּאַן האָט מען אין די יאַ־קאָהאַמער וואַסערן אויסגעפּרוווט אַ נייע מלחמה־דערפֿינדונג: דאָס איז אַ מיניאַטור סובמאַרין, וואָס ווערט באַדינט נישט מער ווי דורך דריי פּערזאָן. די אויפֿגאַבן פֿון אָט דער

„וועסטל־קעשענע־סובמארין" איז פונקט ווי פון גרויסע אונ־טערוואַסער־שיפלעך, אָבער זייערע מעגלעכקייטן זענען אַ סך גרעסער. אַ מיניאַטור־שיפל קען זיך אומבאַמערקט און שנעל דערנענטערן צו די קריגס־שיפן פון שונא און זיי טאָרפּעדירן פון דער נאָענט. דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דער דערפינדונג באַשטייט אין דעם. וואָס יעדעס שיפל קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הידראָפּלאַן. מען דאַרף בלויז צוטשעפּען די פליגל, וואָס געפינען זיך אינעם שיפל. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן וועלן אָט די מיניאַטור־סובמאַרינען שפּילן א גרויסע ראָל אינעם קומענדיקן פאַרמעסט מיט די ים־כוחות פון אנדערע מלוכות. אין די אייראָפּעישע קרייזן אין טאָקיאָ האָט מען געשמועסט, אַז מיט דער דאָזיקער דער־פינדונג וויל יאַפּאַן דערגרייכן אויפן ים דאָס, וואָס מען דערגרייכט אויף דער יבשה מיט פּאַראַשוטיסטן. אויב די דערפינדונג איז באמת געלונגען, וועט זי גיכער זיין אַ כלי־זיין פאַר לעבעדיקע טאָרפּעדאָס. און קאַנדידאַטן אויף אַזעלכע טאָרפּעדאָס פאַרמאָגט יאַפּאַן זייער אַ סך *).

עס איז אָן ספק, אַז דער ביטול פאַרן טויט פון דעם יאַפּאַנישן זעלנער איז אַ גרויסע געפאַר פאַר די, וועלכע קומען מיט אים אין צוזאַמענשטויס.

✶

פונקט ווי אין אַלע אַזיאַטישע לענדער, אַזוי איז אויך אין יאַפּאַן די פרוי אַבסאָלוט באַזייטיקט פון געזעלשאַפט־לעכן לעבן. אָבער אין יאַפּאַן- ווערט אויך די פרוי מעטאָדיש עקספּלאָאַטירט אַ סך שטאַרקער ווי דער מאַנספּערשוין. די אויפגאַבע פון דער יאַפּאַנישער פרוי אין אַן אומגעהייער שווערע. זי איז אַ פולשטענדיקער שקלאַף נישט נאָר ביי דער מלוכה, נייערט אויך ביי איר מאַן און אפילו ביים אייגענעם זון. אויסער דעם וואָס זי פירט־אויס אַלע פליכטן גענוי ווי דער מאַנספּערשוין, אין פאַבריק, אין

*) די דאָזיקע לעבעדיקע טאָרפּעדאָס פון זעלבסטמערדער האָבן שפּעטער געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער מלחמה מיט אַמעריקע.

ביוראָ, אין האַנדל און אין דער קאָמוניקאַציע, איז זי גלייכצייטיק אויך ווייב, מוטער און דערציערין פון דורות. אָבער צו די דורות, פאַר וועלכע זי איז זיך פולשטענדיק מקריב, האָט זי נישט קיין רעכט.

דער האַרטער גורל פון דער יאַפּאַנישער פרוי הייבט זיך אָן מיטן מאָמענט, ווען די הייבאַם שטעלט פעסט איר געשלעכט. אין אָט דער ערשטער מינוט ווערט זי דורך אַ קליינער אָפּעראַציע צוגעגרייט צו איר באַשטימטקייט: זי ווערט תיכף פרוי. אָט די קליינע אָפּעראַציע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אז אין דעם איינעם טאַט איז פארפיקסירט דאָס גאַנצע לעבן פון דעם ווייבלעכן מין אין יאַפּאַן. זי איז באַשטימט פאַר ארבעט און גענוס — פאַר דעם מאַנס־פערשוין.

אויף די גאַסן פון טאָקיאָ און אָסאַקאָ, פון קיאָטאָ און יאָקאָהאַמאַ וועט איר אויף שפּאַציר זעען דריי־פיר־יעריקע קינדער־מיידלעך, וואָס זענען פולשטענדיק ווייב. אמת, די מוטער פירט זיי נאָך ביי דער האַנט; אָבער די אויבערשטע ליפּ איז ראַפינירט געשמינקט, די באַקן געפאַרבט, די ברעמען אויסגעצופּט און די קימאָנאָס גרעל־פאַרביקע, ווי רייצנדיקע בלומען.

שוין אין דעם עלטער ווערן זיי געזעלשאַפטלעך סעפּאַרירט פון דער מאַנסבילישער געזעלשאַפט. דער פּראָג־ראַם אין שול איז אַ ספּעציעלער פאַר מיידלעך און ער איז וועזנטלעך אינגאַנצן אַנדערש פונעם מענער־טיפּ. אויך אין שול ווערט זי דערצויגן פאַר אַ ווייב. איר וועט אין יאַפּאַן נישט באַגעגענען אַ שילער זאָל „פאַרטשעפּען" אַ שילערין, ער זאָל רעדן מיט אַ מיידל אין זיין עלטער: דאָס איז נידעריקער פון זיין מענערישן כבוד. אין דער שטוביקער סביבה ווערט אין דער פרוי פערמאַנענט אַנט־וויקלט אַ מין מינדערווערטיקייטס־געפיל. איר גאַנצע דער־ציאונג האָט איין הויפּט־ציל: אַנטוויקלען אין איר צוריק־געהאַלטנקייט, צוימונג. שפּעטער, ווען זי ווערט געשלעכט־לעך רייף, באַקומט די געזעלשאַפט אַ שטילע, באַשיידענע

פרוי, געהאָרכזאַם ווי אַ שקלאַף און הכנעהדיק ווי אַ בעטלערין.

לאָמיר באַזוכן עטלעכע יאַפּאַנישע דירות, כדי צו זען זייערע באַלעבאָסטעס:

אָט איז אַ דירה אויף יאַמאַמאָטאָ־ני־טשאָמע אין קאָבע. דער באַלעבאָס איז אַ קוישן־פלעכטער, א פּשוטער יאַפּאַ־נישער שלומיאל. ער קען גרינטלעך זיין פאַך און קען ארבעטן אויפן יאַפּאַנישן שטייגער: ווי א פערד. זיצט ער ביי זיין ארבעט ווי אַ מאַנגאַלישער מלך. ער האָט צוויי אויפגאַבעס: צושטעלן דער וועלט קוישן און אַרויסגעבן זיין ווייב לאַקאָנישע באַפעלן. נישט מער. זי, דאָס ווייב זיינס, איז א טיפּישער יאַפּאַנישער ראָבאָט. אויף דער פּלייצע האַלט זי צוגעבונדן אַ קליין קינד און וואַשט וועש. אַז דאָס קינד וויינט, רייסט זי נישט איבער די ארבעט. מיט איין אויג קוקט זי אריבער צום קינד איבערן אַקסל און מיטן צווייטן איז זי אין דער באַליע. גלייכצייטיק פירט זי די ווירטשאַפט, גרייט־צו עסן פאַר איר שלומיאל און פאַר נאָך אַ פינף־זעקס קינדערלעך. אַז עס קומט אריין אַ קונה — איז זי די סוחרטע. ער, דער האַר, זיצט ווייטער אויף זיין געלענדער. ווען זי שמועסט זיך אַדורך מיטן קונה, טראָגט זי אונטער דעם מאַן אַ פאַר באַשיידענע בליקן און בעט ביי אים אַ הסכמה אויף אַלץ, וואָס זי רעדט און טוט.

ביי דעם אַלעמען איז אין דער דירה ציכטיק, ריין — און יעדעס ווינקעלע פּעכלט. אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פאַרשטעקט זי זיך מיט די קינדער אין אַ ווינקל און איר האָר קריכט אַראָפּ פון די שפּענער אויפצונעמען די ליבע געסט, די שכנים־מענער. יאָ, זי וועט זיך באַווייזן צו זאָגן די געסט גוטנאָוונט און דערלאַנגען טיי, אָבער מער נישט.

אינעם ווינקל, צווישן די שלאָפנדיקע קינדער אויף די קילע מאַטעס, וועט זי זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גרויס פיל־באַר־אויער און אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך פון איר האַר און באַפעלער — דעם קוישנפלעכטער...

און אָט איז אַ שטוב פון אַ מיטעלן סוחר: די דירה אונטערשיידט זיך פון שלומיאלס דירה בלויז מיט פרישערע מאַטעס (פרישער, אָבער נישט ריינער!) און מיט אַ טאַראַ־קאַטענעם פייער־טאָפּ צו וואַרעמען זיך אין די קילע אָוונטן. ער, דער סוחר, זיצט פאַר דער טיר און לייענט אַ צייטונג. דאָס געשעפט פירט זיין פרוי. גלייכצייטיק איז זי מוטער, הויז־באַלעבאָסטע, איינקויפערין. אַ גאַנצן טאָג איז זי פאַרשמייעט, פאַרהאָרעוועט. אין אָוונט, ווען מען שליסט די געשעפטן, גייט דער סוחר אָוועק אין באָד נאָך זיין ווייבס שווערער האָרעוואַניע. ער וועט קומען צום גרייטן עסן און שפעטער וועט ער אַוועקגיין אין זיין שטאַם־הייזל זיך אונטערהאַלטן מיט מיידלעך. זי, זיין ווייב, זיצט פאַר דער טיר ביז שפעט אין אָוונט און וואַרט צוזאַמען מיט נאָך פרויען אויפן צוריקקער פון זייערע האַרן...

דאָקטאָר האָריטאָ (ביי אים האָב איך זיך צום זעקסטן מאָל אין משך פון צוויי חדשים געשטעלט פּאָקן, ווייל אַז מען פאָרט איבער דער וועלט, פאָדערט מען ביי יעדער גרענעץ, ביי יעדער וויזע אַ פּאָקן־באַשטעטיקונג, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציקער באַווייז פון מאָראַ־לישקייט, פאַרמעגלעכקייט און אַנדערע נויטיקע אייגנ־שאַפטן) — אַלזאָ, דאָקטאָר האָריטאָ איז אַ קולטורעלער מענטש און זייער אַ באַלעזענער מענטש. ער קען אויסגעצ־ייכנט די מערב־אייראָפּעישע ליטעראַטור. דאָס ערשטע וואָס ער האָט מיר געפרעגט, איז געווען, צי ס'איז ריכטיק, אַז אין אייראָפּע איז פאַראַן אַזויפיל ליבשאַפט, ווי עס

דערציילט די דאָרטיקע שיינע ליטעראַטור. דאָרט ליבט מען זיך אפשר צום שטאַרקסטן ווי ערגעץ אַנדערש־ווו אויף דער וועלט און פונדעסטוועגן שעכט מען זיך אויס אין אייראָפּע אין די ברוטאַלע מלחמות און רעוואָלוציעס. ביי דער געלעגנהייט האָט ער רעקלאַמירט יאַפּאַן ווי אַ פּראָ־פּעסיאָנעלער טוריסטן־פירער. ער האָט מיר געגעבן אַ שפּאָר ביסל ענטוזיאַזם־פילן פאַרן יאַפּאַנישן שטייגער:

„כאָטש אין יאַפּאַן ליבט מען זיך נישט אַזוי דעמאָנס־טראַטיוו ווי אין אייראָפּע, אָבער דערפאַר איז אונזער ליבע אַ טיפערע, אַ פאַרוואָרצלטע". ביי די ווערטער האָט דאָקטאָר האַריטאַ פאַרגאָסן אַביסל יאַדינע. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און ס'איז אַריינגעלאָפן אַן הכנעהדיקע פרוי אויסצווישן דעם יאַדינע־פלעק פון דיל. ווען איך האָב זיך געזעגנט מיטן דאָקטאָר, איז זי געשטאַנען הינטער דער טיר און געוואַרט אויף פרישע באַפעלן. דאָס איז געווען דאָס ווייב פון דאָקטאָר האַריטאַ...

אָט אַזעלכע זענען זיי, די יאַפּאַנישע פרויען. זיי עקזיס־טירן בלויז ווי דינסטן און גענוס־ווייבער פאַרן מאַנספּער־זאָן. און געזעלשאַפטלעך געפינען זיי זיך אויף אַזאַ מדרגה, אַז אין יאַפּאַן איז עס אַבסאָלוט נאַטירלעך, ווען אַ מיידל באַשליסט זיך, אויף אַ געוויסער צייט אַוועקצוגיין אין אַן עפנטלעך הויז. מיט אָט דער טאַט ווערט גאָרנישט געמי־נערט איר ערע אָדער געזעלשאַפטלעכע שטעלונג. פאַר־קערט, דאָס איז אַ ווירדיקע סאָציאַלע פּאָזיציע, ווייל מיט דער טאַט פירט זי אייגנטלעך אויס אַ פונקציע, צו וועלכער זי איז באַשטימט דורך דער געזעלשאַפט און פאַמיליע. אַזעלכע מיידלעך קאָנען אַפילו ווייטער וווינען מיט זייערע עלטערן און קיינער פון די שכנים נעמט נישט פאַר אומגוט דעם פאַקט. ווען דאָס מיידל האָט שפּעטער חתונה, רייסט

זי נאַטירלעך איבער איר „אַרבעט״, און איר פאַרגאַנגענ־הייט שטערט מיט גאָרנישט, נישט איר מאַן און נישט איר גופא.

אין יאַפּאַן איז עס אַ נאַציאָנאַלע טראַדיציע, אַז דאָרט, ווו ס׳קומען מענער אויף אָפּרו, אָדער פאַרוויילונג — דאָרט מוזן זיין פרויען, וואָס זאָלן די מענער לוסטיק מאַכן אָדער אונטערהאַלטן. אין קלענסטן יאַפּאַנישן באַר איז דאָ לכל הפחות אַ טוץ מיידלעך, וואָס דאַרפן אַמוזירן די געסט. און אמוזירן זיך, פארשטייט זיך, קומט דער יאַפּאַנער אַליין. דאָס ווייב אָדער די כלה בלייבט אין שטוב. אַמוזירן מענער אין באַרן אָדער אין בתי־זונות איז אין יאַפּאַן אַ מער ווירדיקע פונקציע ווי אַרבעטן אין אַ פאַבריק, ווייל אינעם ערשטן פאַל איז די פרוי דאָס, וואָס זי איז באַשטימט, בעת דאָס צווייטע — די פאַבריק — איז אַ באַשעפטיקונג, וואָס פאָרט זיך נישט מיט ווייבלעכקייט.

אין יאַפּאַן איז ווייבלעכקייט אַ ווירטשאַפט־צווייג, וואָס פארנעמט אין נאַציאָנאַלן בודזשעט אַ גאַנץ אַנגעזעענע פאָזיציע. עס איז אַ גליק פאַר אַלע ווייבער אין דער וועלט, וואָס יאַפּאַן האָט ביז איצט נישט אויסגענוצט אָט דעם פראָדוקציע־צווייג פאַר עקספּאָרט... די וועלט וואָלט זיך דעמלט איבערצייגט, צו וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער עראָטישער עקספּאנסיע יאַפּאַן איז פעיק; נישט ווינציקער פעיק, ווי צו עקספּאַנסיע אויפן געביט פון קינדער־שפילצייג, קאָטאָן, זייד און פאָרצעליי.

נישטאָ אין יאַפּאַן אַ שטאָט, וואָס זאָל נישט האָבן קיין עראָטישע אונטערהאַלטונגס־הייזער. אין אַ שטעטעלע מאַד־זשי, אין דרום־יאַפּאַן, אַ שטעטעלע גרויס ווי אַ גענעץ, וואָס פאַרמאָגט נישט מער ווי איין גאַס, האָב איך אָנגע־ציילט אַ צענדליק באַרן, גיישאַ־דירות אָדער סתם בתי־

זנות. ווי ווייט דער עראָטישער צווייג איז איינגעשרייפּלט איןווירטשאַפט־סיסטעם איז צו זען פון דעם, וואָס מיט דער פאַראָרדענונג צו שליסן די לוסט־הייזער צען אַזייגער אינאָוונט, ברענגט זיך איין יאַפּאַן צענדליקער מיליאָן יען יערלעך.

פיל צענדליקער טויזנטער פרויען פון אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט זענען פאַרטרעטן אין אָט דעם צווייג. מיידלעך פון די בעסערע פאַמיליעס גייען אַוועק אין די גיישאַ־הייזער, אין דער אינסטיטוציע, וואָס שפּילט אין יאַפּאַן אַן אומגעהויער פּאָזיטיווע ראָל ביי די דאָרטיקע באַדינגונגען.

די גיישאַ־מיידלעך שטייען גייסטיק אַ סך העכער פון די מיידלעך פון די בתי־זנות אָדער באַרן. זייער אויפגאַבע איז אויך אַן אַנדערע. אָפטמאָל זענען די גיישאַס קינסטלעריש באַגאַבטע פרויען און מען קומט צו זיי מער אויף גייסטיקער קאָנטעמפּלאַציע, ווי אויף עראָטישע איבערלעבונגען. די גיישאַ זינגט פאַר סענטימענטאַלע ליבע־לידער מיט אַ מוסר־השכל, אָדער סתם מוסר־לידער, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו דערפירן דעם באַזוכער צו קאָנטעמפּלאַציע און נאָכדענקען. ווען אַ גיישאַ איז אינטעליגענטער, באַגאַבטער, ברענגט זי אַפּילו פאַר פאָעמעס פון דער קלאַסישער יאַפּאַנישער דיכטונג און פאָלקס־עפּאָסן. איר פאַרשטיקט, צאַרט געזאַנג, די דינע טענער, וואָס זי ברענגט אַרויס מיט פאַרמאַכטע ליפּן און דער דיסקרעטער טאָן פון סאַמיסען־אינסטרומענט — ווירקן אומגעהויער סענסועל אויפן צוהערער און מען קאָן אַזוי זיצן לאַנגע שעהן און אפילו פאַרגעסן, אז עס טוען וויי די קני פון זיצן מיט די פיס אונטער זיך אויפן יאַפּאַנישן שטייגער.

אָט די אַלע אינסטיטוציעס פון עראָטישן פּראָדוקציע־

צווייג ווערן דורך די יאַפּאַנער באַטראַכט ווי אינסטיטוציעס פון געזעלשאַפטלעכער און פאַמיליען־היגיענע. ביי דער עקזיסטענץ פון לעגאַלע און סאַנקציאָנירטע דורך דער געזעלשאַפט לוסט־הייזער מיט צענדליקער טויזנטער יונגע מיידלעך, ווערן די חתונה־געהאַטע פרויען געשטעלט אויסער די ראַמען פון מענערישער פאַראינטערעסירונג און זיי דינען בלויז ווי געבוירערינס פון דורות.

צוליב דער פרייהייט פונעם מאַנספערשוין, ווען ער קאָן אײנגאַנצן לעגאַל, מיטן וויסן פון זיין אייגענער פרוי און שכנים אָנהאַלטן געשלעכטלעכע באַציאונגען מיט פרויען פון „עפנטלעכן דינסט״ — זענען אין יאַפּאַן בטול געוואָרן פיל זאַכן, וואָס זענען אין איירָאָפּע דראַסטיש און פאַרמאָגן ספּעציעלע אַקצענטן.

נאַקעטקייט איז אין יאַפּאַן סאַנקציאָנירט און די מאָראַלישקייט פון אַ מענטש איז נישט אָפּהענגיק פון דעם, צי ער פאַרדעקט איין קערפּער־טייל אָדער ער דעקט־אָפּ אַן אַנדער טייל. למשל, די עפנטלעכע בעדער אין יאַפּאַן, וואָס דערמאָנען יידישע מקוואות, זענען בשותפותדיקע. בלויז די אַריינגענג זענען באַזונדערע. אין באַסיין באָדן זיך מענער און פרויען צוזאַמען. איבערן וואַסער איז פאַרהאַנגען אַ ליילעך ווי אַ מחיצה. דאָס איז אַלץ.

די וועלט פון די קינדער איז אַזוי איינציק פאַר דער יאַפּאַנישער פרוי און אָן זיי איז זי אַזוי נישטיק און איבעריק, אַז אַ פרוי, וואָס האָט זיך איבערצייגט, אַז זי קאָן נישט געבוירן קיין קינדער — באַגייט זעלבסטמאָרד.

און עס איז ווערט צו וויסן, אַז די יאַפּאַנישע פרוי געהערט צום צאַרטסטן טיפּ פרויען אויף דער וועלט. די שרעקלעכע באַדינגונגען, אין וועלכער עס קומט איר אויס צו לעבן, איר שווידערלעכע שקלאַפעריי, די רעכטלאָזיקייט

און אומעמכטיקייט, האָבן נישט נאָר נישט אַנטוויקלט אין איר קיין פאַרביטערונג און נערוועזיטעט, נאָר פאַרקערט, אויף אַן אומדערקלערבאַרן אופן האָט זי זיך אַנטוויקלט אין אַ ליבן האַרציקן מענטש. תמיד שמייכלט זי, תמיד איז זי לגבי מענטשן גערנוויליק און פול מיט סבלנות. זי שטייט פאַר אייך געבויגן און גרייט אויף די גרעסטע קרבנות. ווי אַ מאַמע, דערמאָנט זי זייער שטאַרק די יידישע מאַמע; זי פאַרמאָגט די זעלבע גרייטקייט זיך אָוועקצוגעבן אינגאַנצן פאַר די קינדער, זיך מקריב צו זיין פאַר זיי אָן שום רעשט. און ווי אַ מענטש — איז צו באַוווּנדערן איר נעטקייט און וואַרעמע האַרציקע פריינטלעכקייט. ווען דו טראָגסט איר אַנטקעגן אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט; ווען דו ווייזט איר אַרויס די מינדסטע מאָס פאַראינטערעסירונג, איז זי די גליקלעכסטע פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט.

אַזאַ איז דער אַלגעמיינער טיפּ יאַפּאַנישע פרויען.

די מער מאָדערנע פרוי אין יאַפּאַן, די וועלכע לייענט מאָפּאַסאַן און באַלזאַק און דיקענסן און די נייע אייראָ־פּעישע ליטעראַטור; די, וועלכע קעמט אירע האָר אויף אַ מאָדערנעם שטייגער און וויל נאָכמאַכן דעם אַמעריקאַ־נער פרויען־טיפּ — זי פּרוּווט קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון דער פרוי אין יאַפּאַן; אָבער דערווייל אַן אויסזיכטן אויף דערפאָלג. צו טיף זענען די וואָרצלען פונעם יאַפּאַנישן קאָנסערוואַטיזם, צופיל הערשט דער הויפּט פון דער פאַ־מיליע, אַז די פרוי זאָל האָבן וועלכע עס איז האָפענונג אויף אַ שנעלע באַפרייאונג. די טראַדיציעס זענען צו טיף איינגע־וואָרצלט. במילא איז די לאַגע פון דער יאַפּאַנישער פרוי אַזאַ, ווי זי איז געווען אין דער סאַמורייען־תקופה. דער בונט פון געוויסע פרויען קעגן די אַלטע איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן לגבי דער פרוי, האָט זיך דערווייל געענדיקט

בלויז מיט... פאַרקעמען זיך אייראָפּעיש און אין ביוראָ צו טראָגן אייראָפּעישע מלבושים. נישט ווייטער.

די באַפרייאונג פון דער פרוי אין יאַפּאַן איז צוקונפט־מוזיק, וואָס וועט אויפגיין ערשט דעמאָלט, ווען יאַפּאַן וועט זיך באַפרייען פון סאַמורייען־גייסט.

*

דער וועג, די געשיכטע פון דער אייראָפּעישער קולטור און ציוויליזאַציע, ליגט אין יאַפּאַן אין גאַנצע פלאַסטן אויבנאויף. אַלץ, וואָס אייראָפּע האָט דערגרייכט אין משך פון יאָרהונדערטער, פון די ענציקלאָפּעדיסטן ביז טעלע־וויזיע, האָט יאַפּאַן איבערגענומען ווי גרייטע זאַכן און די דערגרייכונגען איבערגעפלאַנצט אויפן אייגענעם באָדן. יאַפּאַן האָט נישט געהאַט קיין ניוטאָן, נישט קיין בעט־האָווען, קיין איינשטיין און קיין באַלזאַק, קיין עדיסאָן און קיין ערליך. דאָרט, אויף די אינדזלען פון ניפּאָן האָט קיין שום גאַלילײ זיך נישט געבראָכן אויף אַ שייטער־הויפן פאַר דערקלערן די באַוועגלעכקייט פון אונזער ערד; קיין שום פּאַסטער האָט נישט געקעמפט פאַר דער אנער־קענונג פון אַ מיקראָבן־וועלט און קיין שום מאַרקאָני האָט נישט באַהערשט די אַטמאָספער פון אונזער וועלט פאַר עטער־כוואַליעס. אַלע אייראָפּעישע דערגרייכונגען האָט יאַפּאַן אימפּאָרטירט אין פירמאָווע פאַרפּאַקונגען און זיי מיט טאַלאַנט איבערגענומען אויף אַ מעכאַנישן אופן. די ענערגיע, וואָס אייראָפּע האָט פאַרברויכט אויף פאַר־שונגען און אַנטדעקונגען, האָט יאַפּאַן פאַרווענדעט אויף אָרגאַניזירן די עקספּלואַטאַציע פון די דערגרייכונגען. אין דעם שטעקט סײ יאַפּאַנס שטאַרקייט און סײ איר שוואַכקייט. מיט איין איינציקן דעקרעט פון טאָקיאָ קאָן מען אָפּשאַפן

די גאַנצע אייראָפּעישע קולטור און ציוויליזאַציע אין יאַפּאַן. וואָרום אָט די גוטע זאַכן האָבן נישט קיין וואָרצלען אין דער יאַפּאַנישער נשמה. פון דאַנען נעמען זיך אויך די סיבות, פאַרוואָס יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק פירט מען אַדורך אין יאַפּאַן רעפאָרמען אָן וועלכע עס איז אויפטרייסלונגען.

די יאַפּאַנער האָבן זיך שנעל געכאַפּט, אַז וויסן איז מאַכט און גיט ריזיקע מעגלעכקייטן. האָבן זיי די פאָלקס־בילדונג ביי זיך אָרגאַניזירט אויף אַן אימפּאָנירנדיקן אופן. יאַפּאַן איז גענצלעך פּטור געוואָרן פון אַנאַלפאַבעטיזם, הגם אויסלערנען זיך לייענען און שרייבן די כינעזישע אידעאָגראַפן איז אומ־געהויער שווער. איבערן גאַנצן לאַנד איז אויסגעשפּרייט אַ געדיכטע נעץ פון שולן, קאָלעדזשס און אוניווערסיטעטן. די צאָל לערנאַנשטאַלטן אין יאַפּאַן דערגרייכט ביז פינף און זעכציק טויזנט און די צאָל שילער און סטודענטן — פ ו פ צ ן מ י ל י אָ ן ! טאָקיאָ, ווי דער בילדונגס־צענטער פון יאַפּאַן, פאַרמאָגט העכער פינף־און־פופציק העכערע בילדונגס־אַנ־שטאַלטן מיט זעקס אוניווערסיטעטן און אַכציק טויזנט סטו־דענטן!

דער דראַנג צו וויסן איז אין יאַפּאַן אַזוי שטאַרק, אַז עלטערן וועלן מקריב זיין דעם לעצטן פונט רייז, אַבי צו געבן די קינדער אַ סאָלידע בילדונג. די נאָכפראַגע אויף שולן איז אַזוי גרויס, אַז וויפל שולן מען זאָל נישט בויען — זענען זיי ווי אַ טראָפּן אין ים.

ווען אין אייראָפּע האָט די שול און די יוגנט־דערציונג איבערגעלעבט אַ קריזיס — איז די בילדונג אין יאַפּאַן גע־שטיגן וואָסאָמאָל העכער. פון יאָר צו יאָר זענען צוגעקומען נייע שולן און אוניווערסיטעטן. דער פּראָצענט יאַפּאַנער מיט העכערער בילדונג האָט דערגרייכט רעקאָרדן. אין באַנק־ווען און אין האַנדל זענען כמעט אַלע באַאַמטע געווען מיט

העכערע בילדונג. עס האָט זיך צומאָל אויסגעדאַכט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט יאַפּאַן אַדורכמאַכן די לעצטע רעוואָלוציע אין שולוועזן און עפּענען קאָעדוקאַציע־אַנשטאַלטן. אָבער די געשעענישן אין אייראָפּע האָבן נישט געקענט נישט האָבן אַ ווירקונג אויף יאַפּאַן. פון איין זייט ראַטנפאַרבאַנד און פון דער צווייטער — די פאַשיסטישע מלוכות. די אינטעליגענץ איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון עקסטרעמע אידייען. די אוניווערסיטעטן זענען געוואָרן קאָמוניסטישע קעמערלעך און אויך נעסטן פון דער ערגסטער רעאַקציע. די רעגירונג האָט אַריינגעזעצט פּאָליציי אין די אוניווערסיטעטן און ארויסגעשטעלט די לאָזונג: „אַלע מעגלעכקייטן פאַר דעם פּשוטן מענטש". די מלוכה האָט מורא באַקומען פאַר דער „אָנגעשטעקטער" אַקאַדעמישער אינטעליגענץ און די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין דער אדמיניסטראַציע באַזעצט הויפּטזעכלעך מיט מענטשן וואָס האָבן עלעמענטאַרע בילדונג.

און אויב אין אַלע פאַשיסטיש־דיקטאַטאָרישע מלוכות האָט מען דאָס וויסן פון פּשוטן בירגער רעדוצירט ביז דער גרענעץ פון עם־הארצות און אים, דעם בירגער, איינגערעדט, אַז דאָס איז די סאַמע לעצטע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונג — איז יאַפּאַן מער אָפנהאַרציק. די יאַפּאַנישע מלוכה זאָגט איר בירגער קליפּ און קלאָר: בילדונג דאַרף יעדער בירגער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס איז אים נייטיק אויסצופירן פּראָדוקטיוו זיין אַרבעט. נישט מער. „סתם" בילדונג, „סתם" וויסן צוליב דערקענטניש איז דעם גרויען מענטש נישט נאָר נישט נייטיק, נאָר עס איז אפילו שעדלעך פאַר אים. דער געבילדעטער מענטש ווערט צו קלוג; די מאָדערנע מלוכה דאַרף האָבן אַרמייען מוראַשקעס־מענטשן, וואָס זאָלן אויספירן גרייטע באַפעלן מיט דעם באַוווסטזיין, אַז דאָס איז זייער אינערלעכער באַגער און גלויבן. מיט בילדונג בינדט זיך

נאָך אַ פּראָבלעם: אויסבילדן אַן אַקאַדעמיקער קאָסט אַזוי־פיל, וויפל עס קאָסט, למשל, אַ טאַנק.

די קאַלאָסאַלע ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען האָט יאַפּאַן צו פאַרדאַנקען איר געבילדעטער אינטעליגענץ. אָבער ווי נאָר יאַפּאַן איז ארויף אויפן אַלגעמיינעם שליאַך פון איירָאָפּע און אַמעריקע — האַלט זי, אַז דעם ווייטערדיקן וועג וועט זי דורכמאַכן מיט דער הילף פון עלעמענטאַר־געבילדעטע מענטשן.

ביז מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז דער יאַפּאַנישער בילדונגס־סיסטעם געשטאַנען אויף אַ זייער הויכער מדרגה. די יאַפּאַנער האַלטן אַז זיי האָבן אַמעריקע איבערגעיאָגט. 17 יאָר זעט־פאָר דער יאַפּאַנישער בילדונגס־סיסטים פאַר אויסבילדן א בחור, 6 יאָר פאָלקס־שול, 5 יאָר מיטל־שול, 3 יאָר פאַר הויכשול און 3 יאָר פאר אוניווערסיטעט; פאַר מיידלעך בלויז 15 יאָר: 6 יאָר פאָלקס־שול, 5 יאָר הויכשול און 3 אָדער 4 יאָר קאָלעדזש. אין משך פון יאָר האָבן די שילער און סטודענטן בלויז פון 1—2 חדשים פעריען. די אינטענסיווקייט פון לערנען איז צוליב דעם, ווייל דאָס יאַפּאַנישע קינד האָט דורכצומאַכן אַ סך מער קעגנשטאַנדן ווי אין איירָאָפּע. אויסער יאַפּאַנישע קעגנשטאַנדן, לערנט זיך דער יאַפּאַנער אויך כינעזיש און ענגליש. די דייטשע און פראַנצויזישע שפּראַכן לערנט מען אויף די אוניווערסי־טעטן. דריי יאָר גיט אַוועק דער יאַפּאַנער אויף לערנען זיך שרייבן און לייענען יאַפּאַניש און די אַנדערע דריי יאָר אויף וויסנשאַפטן וועגן אייגענעם לאַנד: געאָגראַפיע, לי־טעראַטור און געשיכטע פון יאַפּאַן. די לעצטע דריי קעגנ־שטאַנדן לערנט מען הויפּטזעכלעך אויף עקסקורסיעס איבערן לאַנד. זייער אַ סך צייט גיט אַוועק די יאַפּאַנישע שול אויף לערנען צייכענען און מאָלן. דער דראַנג נאָך וויסן איז

ביי יעדן יאַפּאַנער אַזוי שטאַרק, אַז צוויי־דריי טעג פאַר די קאָנקורס־עקזאַמענס אין די אוניווערסיטעטן ווערן די אַריינגענג און הויפן פון די הויכשולן אָנגעפּראָפּט מיט סטודענטן־קאַנדידאַטן. דאָ שלאָפט מען און דאָ עסט מען, כדי צו באַוואָרענען זיך די ריי. אָבער די עקזאַמענס זענען אַזעלכע שטרענגע, אַז מען נעמט אָן בלויז די קאַנדידאַטן, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס אויף פולע הונדערט פּראָצענט.

איינע פון די הויפּט־געביטן פון אַלע קלאַסן שולן אין יאַפּאַן איז — ספּאָרט. בלויז אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע גיט־אָפּ די שול אַזויפיל צייט אויף ספּאָרט, וויפל מען גיט־אָפּ אין דער יאַפּאַנישער שול. פוטבאָל, רוגבי און שווימען זענען געוואָרן נאַציאָנאַלע יאַפּאַנישע ספּאָרטן. ווינטער־ספּאָרטן זענען אומגעהויער פּאָפּולער ביי אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. אין אַלע שולן זענען אָבליגאַטאָריש מיליטערישע איבונגען. די פיזישע קולטור איז אַ נאַציאָנאַלער קולט, וואָס ווערט געשטיצט און געשיצט דורך דער מלוכה.

אָבער פונקט ווי אויף אַלע געביטן גייען אויך אין שולוועזן האַנט־ביי־האַנט אייראָפּע און אַלטע יאַפּאַנישע טראַדיציעס. למשל, דער קולט פאַרן לערער און פּראָפעסאָר איז אין יאַפּאַן דערהויבן צום קולט פאַר אַן אָפּגאָט. די שילער און סטודענטן בויגן זיך צו דער ערד פאַר זייערע לערער, ווו נאָר זיי באַגעגענען זיי. דאָס וואָרט פון דעם לערער איז אַ באַפעל, וואָס קיין שום שילער וועט נישט וואַגן נישט אויספירן אים.

דעם הויכן אויפשוווּנג פון דער יאַפּאַנישער שול קאָן מען שוין היינט פאַררעכענען צו דער פאַרגאַנגענהייט, הגם דער דראַנג נאָך וויסן איז נאָך כסדר מערקטיק. יאַפּאַן גייט־

נאָך די פּוסטריט פון אייראָפּע במשך פון קנאַפּע הונדערט יאָר. און לויטן ביישפּיל פון דיקטאַטאָרישע לענדער, האָט יאַפּאַן דורכגעפירט אַ רעפאָרם, וואָס האָט פאַר אַ ציל נישט צו געבן די בירגער צופיל וויסן, נאָר אויסלערנען זיי פּראָפעסיעס, מאַכן פון זיי פּראַקטישע אַרבעטער.

ווי ווייט דאָס שולוועזן איז פאַרפלאַכט און פאַרמעכאַנישט געוואָרן אין יאַפּאַן איז צו זען פון דעם אַלגעמיינעם שול־פּראָגראַם. דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שול־וועזן אויף פאָלגנדיקער באַזע: אויסברייטערן די פאָלקסשול פון זעקס אויף אַכט יאָר; באַגרענעצן דעם צוטריט אויף די אוניווערסיטעטן; רעדוצירן די מיטלשולן ביז אַ מינימום און אויף זייער אָרט שאַפן האַנדלס־און אינדוסטריע־שולן און אַגריקולטור־אינסטיטוטן; גרינטלעכע רעפאָרמען אין אַלע שולן און דאָס גאַנצע בילדונג־סיסטעם מאַכן פּראַקטיש, פּראַקטיש, פּראַקטיש. אויסערדעם ווערן די פריעןן פון די לעצטע פיר יאָר אין דער פאָלקס־שול פאַרווענדעט אויף מיליטערישע איבונגען.

אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט האָב איך נישט געזען אַזויפיל בוכהאַנדלונגען און אַזאַ דראַנג צו לייענען ווי אין יאַפּאַן. דער דורכשניטלעכער יאַפּאַנער ווייסט נישט פון קוקן אין הימל אַריין. יאַפּאַן לייענט און לערנט. דאָס מעכטיקע זעקס־מיליאַניקע טאָקיאָ האָט אָפּגעגעבן אַ שטאָט־פערטל פאַר בוכהאַנדלונגען. איז עס אפשר דערפאַר ווייל טאָקיאָ איז דער בילדונגס־צענטער פון יאַפּאַן? ניין! דאָס אינדוסטריעלע דריי־און־אַ־האַלב־מיליאָניקע אָסאַקאָ דאָרט, וווּ פּיראַונצוואַנציק שעה אין מעת־לעת קלאַפּן און רוישן די מאַשינען — אויך דאָ, אין אָסאַקאָ איז אַ גאַנצע ריזיקע גאָס פול מיט בוכהאַנדלונגען פון ביכער אויף אַלע מעגלעכע שפּראַכן און געביטן. דאָס צוויי־

מיליאָניקע אַלטע קיאָטאָ, די אַמערסטן יאַפּאַנישע שטאָט, פאַרמאָגט מער אייראָפּעישע ביכער ווי פיל גרויסע אייראָ־פּעישע שטעט. און דעם יאַפּאַנער אינטערעסירן אַלע גע־ביטן פון דער וויסנשאַפט און ליטעראַטור. אַז מען פאָרט מיט אַ יאַפּאַנישן צוג קען מען ממש צונויפשטעלן אַ פאַר־שידנאַרטיקע ביבליאָטעק פון די ביכער, וואָס עס לייענען די פּאַסאַזשירן.

מיר האָבן דערמאָנט, אַז די יאַפּאַנער האָבן נישט גע־האַט קיין גאַלילײ און ניוטאָן, קיין עדיסאָן און קיין איינ־שטיין און עס איז אמת, אַז די יאַפּאַנער זענען אימיטאַטאָרן פון גרויסן סטיל. ווען מיר וועלן אָבער נעמען אין אַכט, אַז מיט אַ הונדערט יאָר צוריק (1868) איז נאָך יאַפּאַן געווען אַן אָפּגעשטאַנען אַגריקולטור־לאַנד און געשלאָפן דעם אַזיאַטישן שלאָף פון אַ סך פעלקער — וועלן מיר פשוט שטוינען, וויפל דאָס פאָלק האָט דערגרייכט במשך פון אָט די עטלעכע צענדליק יאָר, ווי ווייט זיי זענען אויף אַ סך געביטן איבערגעשטיגן אַלע אייראָפּעישע מלוכות, אפילו די, וואָס האָבן גרעסערע מעגלעכקייטן ווי יאַפּאַן.

במשך פון די פופציק יאָר, וואָס עס עקזיסטירט אין יאַפּאַן דער פּאַטענטן־אַמט, זענען אַרייַנגעפלאָסן 290.000 ביטעס אויף פּאַטענטן, פון וועלכע 91.000 דערפינדונגען זענען רעגיסטרירט געוואָרן. בלויז די פאַרייניקטע שטאַטן און דייטשלאַנד שטייגן איבער יאַפּאַן אין דער צאָל דער־פינדונג־ווענדונגען. ווען מען זאָגט אַן אינטעליגענטן יאַ־פּאַנער, אַז זיין פאָלק אימיטירט די אויפטועו פון אַנדערע, וועט ער אייך אויפווייזן, אַז יאַפּאַן שטייט שוין אויף די אייגענע פיס, אַז יאַפּאַן האָט שוין אייגענע געווער־דער־פינדונגען, אַז יאַמאַמאָטאָס דערגרייכונגען אין טעלעוויזיע זענען ממש דערשטוינענדיקע; אַז סוהאַראָס בליץ־קאָמע־

ראַ, האָט רעוואָלוציאָניזירט די פאָטאָגראַפישע קונסט און דערמעגלעכט צו מאַכן זעכציק טויזנט אויפנאַמעס אין אַ סעקונדע; דער יאַפּאַנער וועט אייך באַווייזן, אַז דווקא אין נאַגאָיאַ (אַ ריזיקע אינדוסטריע־שטאָט אין יאַפּאַן) האָט סוזוקי דערפונדן מאַשינען צו מאַכן פידלען און אַז זיינע פידלען פאַרמאָגן די טענער פון אַ סטראַדיוואַריוס; ער וועט אייך איבערצייגן, אַז אַקאַמוראַס מעטאָד פון טרוקענער דעסטי־לאַציע פון רויען נאַפט פאַרשאָטנט די ביז־איצטיקע דער־גרייכונגען אויף דעם געביט. די געווערפאַבריקן פון דער שוין דערמאָנטער נאַגאָיאַ גיבן ארויס אַזעלכע פרעציזע האַרמאַטן, אַז איר וועט זיי געפינען אויף פיל נישט־יאַפּאַ־נישע מיליטערישע שיפן; טאָיאָדאַס אויטאָמאַטישע וועב־שטולן באַשיינען פיל ענגלישע טעקסטיל־פאַבריקן; סוזו־קיס מיקראָסקאָפּ־אויסבעסערונגען האָבן געמאַכט אַ רעוואָ־לוציע אינעם אופן פון באַנוצן דעם מיקראָסקאָפּ; מיקאָמאָ־טאָס פערל־קולטורן זענען די איינציקע אויף דער וועלט אין זייער קוואַליטעט; דער נייסטער טיפּ יאַפּאַנישע אונטער־וואַסער־שיפלעך זענען דערשטוינענדיק אין זייער באַוועג־לעכקייט, לייכטקייט און קאַמף־פעיקייט — — — —

דער יאַפּאַנער וועט אייך אויסרעכענען הונדערטער נייע דערפינדונגען און אויסבעסערונגען; ער וועט אייך איבער־צייגן, אַז הגם זיי האָבן קיין קאָפּערניק און קיין קאַנט נישט געהאַט — שטייען זיי היינט נישט אָפּ, נישט פון אַמעריקע, נישט פון דייטשלאַנד און נישט פון ענגלאַנד.

אָבער די אַלע דערגרייכונגען פאַרדעקן נישט, פאַרשטייט זיך, די ווענדונג אויפן געביט פון בילדונגס־וועזן. ווען איך האָב ביי אַ געלעגנהייט אַנגעדייט הודזשי האַנאַי אויף דער פאַרמעכאַניזירונג און פאַרפלאַכונג פונעם וויסן אין יאַפּאַן — האָט מיר דער אַלטער אַנטיקן־זאַמלער נישט באַלד געענט־

פערט. ער האָט אַפילו נישט אויפגעהערט שמייכלען זיין אייביקן שמייכל. ער האָט בלויז דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און זיך פּאַרקוקט אויפן אייגענעם נאָפּל ווי בודאַ:

— ווען פודזשי־סאַן *) קומט־אויף מיט זיין גבורה צי־טערט די ערד נישט נאָר אין ענאַשימאַ. אין אַלע טיילן פון אונזער לאַנד פילט מען זיין פאַרניכטנדיקן פיבער. דער ימיקער שטראָם פון נאַציאָנאַליזם אויף דער וועלט האָט נישט געקאָנט אַנדערש ווירקן אויף אונזער לאַנד, ווי ער האָט געווירקט. אונזער מדינה איז מיטגעריסן גע־וואָרן מיטן אייראָפּעישן שטראָם פון דיקטאַטור. אויב מיר זענען איין מאָל אַרויף אויפן וועג פון אייראָפּע — מוז אונזער מלוכה זיין קאָנסעקווענט און נאָכגיין די פוסטריט פון אָט דעם דעגענערירטן וועלט־טייל. דאָס בעסערע יאַ־פּאַן, אונזערע באשיידענע און ערנסטע געלערנטע וואָלטן ליבערשט געוואָלט זען יאַפּאַן ווי דעם יורש פון דער אמתער אייראָפּעישער קולטור. פּונקט ווי דאָס אַלטע באַר־באַרישע אייראָפּע האָט געירשנט די רוימער און העלענער, אַזוי זענען מיר באַרופן צו ירשענען אייראָפּע. וואָרום אי־לוזאָריש זענען די האָפענונגען אייראָפּע זאָל געזונט ווערן. אייראָפּע איז פּריצייטיק אַלט געוואָרן און קיין שום מלחמה און קיין שום רעוואָלוציע וועט נישט צוריקברענגען איר די יוגנט. אייראָפּע האָט איר ראָל אָפּגעשפּילט.

הודזשי האַנאַי האָט אַ לאַנגן צי־געטאָן דעם אָטעם און ווייטער געזאָגט:

— אייראָפּע האָט דערגרייכט נישט געאַנטע מדרגות. די ביאָלאָגיע האָט דאָרט דעפינירט דעם באַגריף לעבן; די סאָציאָלאָגיע האָט אויפגעדעקט די סודות פון געזעל־

*) געמיינט דעם ווולקאַן פודזשי־יאַמאַ.

שאַפטלעכע אָפּוועקסלונגען. ווייטער ווי צו דעפיניציעס איז אייראָפּע נישט דערגאַנגען. ווייטער פון די וויסנשאַפטלעכע דעפיניציעס — גיסט זיך בלוט. ימים בלוט. ווייל פּונקט ווי די ביאָלאָגיע דערקלערט אונז בלויז דעם סוד פון לעבן און קען קינסטלעך קיין לעבן נישט שאַפן, אַזוי דערקלערט אונז די סאָציאָלאָגיע בלויז דעם סוד פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, אָבער קען אַליין קיין גערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג נישט שאַפן. די פונקציעס פון האַרץ, בלוט־צירקולאַציע, שטאָף־וועקסלונג און אַנדערע עלעמענטן זענען בלויז לעבנס־פונקציעס אָבער נישט דאָס לעבן גופא, אַזוי זענען אויך די אָדער אַנדערע אינסטיטוציעס נישט די געפאָדערטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. צווישן די מעכאַנישע טיילן זענען פאַראַן עלעמענטן, וואָס מיר האָבן זיי נאָך נישט באַגריפן. דערפאַר טאָר מען קיינמאָל נישט זאָגן, אַז די אָדער יענע מלחמה, אָדער די אָדער יענע רעוואָלוציע וועט ברענגען אַזאַ אָדער אַזאַ אָרדענונג. די ווירקלעכקייט האָט שוין נישט איינעם אַנטוישט. דער טרוים פון יעדן יאַפּאַנער איז געווען צו דערגרייכן די אייראָפּעישע מדרגה, כדי מיט דער אייראָפּעישער וויסנשאַפט און טעכניק צו שאַפן אין אונזער לאַנד באַדינגונגען פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר אַ לייכטער זיין. מיר האָבן מעכאַניש איבער־גענומען די בעסטע איינריכטונגען, די בעסטע טעאָריעס; מיר האָבן אנטוויקלט אונזער אייגענע אינדוסטריע און קאָמוניקאַציע, געשאַפן די שענסטע אינסטיטוציעס און אונזער פאָלק איז דאָך נישט גליקלעכער געוואָרן און עס האָט נישט געמינערט די צאָל הונגעריקע און ליידנ־דיקע. און בלוט גיסט זיך נאָך אַלץ און מלחמות זענען נאָך אלץ דער איינציקער רעגולאַטאָר פון געזעלשאַפטלעכע אָפּוועקסלונגען. די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט בלויז

אײן קאָלאָסאַלע דערגרײכונג: אַנשטאָט אײנצופירן בײ זיך אַ גערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, האָט זי אקומולירט די אכזריותן פון איר גאַנצער בלוטיקער געשיכטע און הײנט דערשײנט זי װי אַן אומברחמנותדיקער בלוטדורשטיקער גאָט. די ראַפינירטקײט פון געװיסע מלוכות אין פײניקן מענטשן װעט איר אומזיסט זוכן אין די פּאָליאַלן פון דער געשיכטע. מיר האָבן געהאָפט, אַז אײראָפּע, (װאָס איז דורך איר װיסנשאַפט און טעכניק דערגאַנגען צוריק צו איר אורשפּרונג — צו באַרבאַריזם), װעט אויסגײן און מיר װעלן ירשענען איר גײסטיקע קולטור. אָבער די מגפה פון רעאַקציע האָט לײדער דערגרײכט אונזער לאַנד און געפונען אַן אַנטשפּרעכנדיקן באָדן. געדענקט, פרײנד, אַז אונזער לאַנד איז נאָך אַלץ אַן אַנטשפּרעכנדיקער באָדן פאַר אַלטע, פּרימיטיװע פאָרמען. מיר זענען נאָך אַלץ אינעם צושטאַנד פון װערן און יעדער קער קאָן פון אונז מאַכן דאָס ערגסטע אָבער אויך דאָס בעסטע. מיר זענען בכלל נאָך נישט דערגאַנגען צו קײן באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג; װירטשאַפטלעך זענען מיר אַ קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, געזעלשאַפטלעך — אַ פּאַטריאַרכאַל פאָלק, לויט די מנהגים זענען מיר נאָך אין דער סאַמורײען־תקופה (פעאָדאַלן) און פּאָליטיש זענען מיר אַן אולטראַמאָדערנע מלוכה. אָט דאָס זענען אַלץ זעגלען, װאָס זענען מסוגל אויפצוכאַפּן אַלע פּאָליטישע װינטן. אונזער מלוכה האָט אויסגעקליבן דעם אולטראַ־מאָדערנעם װינט, אָבער הגם אונזער בילדונגס־װעזן איז צוגעפּאַסט צו דער מלוכהשער אָרדנונג, בלײַבן נאָך בײ אונז אַזעלכע אינסטיטוציעס, װאָס זענען שוין לאַנג אין אײראָפּע אויסגעגאַנגען.

און הודזשי האַנאַי האָט מיר געװיזן:

עספעראַנטאָ איז אין יאַפּאַן אַ בליענדיקע באַוועגונג מיט פיל טויזנטער ענטוזיאַסטן. אלע אייראָפּעישע מלוכות האָבן עספעראַנטאָ פארטריבן פון זיך: איינע דערפאַר, ווייל דאָס איז כלומרשט אַ נאַיווע, יינגלערישע אידיי, און אנדערע מלוכות דערפאר, ווייל דאָס איז א יידישע, אינ־טערנאַציאָנאַליסטישע אידיי. די יאַפּאַנישע אינטעליגענץ זעט אין עספעראַנטאָ א גרויסן קולטור־פאַקטאָר פאר פעלקער־דערנענטערונג. אין טאָקיאָ עקזיסטירט אַן אינס־טיטוציע, וואָס איר אויפגאַבע איז צו פאַראייגענען איירא־פּעישע אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע ווערטן. אַדאַנק דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז אין טאָקיאָ געשאַפן געוואָרן אַ גרויסער סימפאָנישער אָרקעסטער פאר אייראָפּעישער מוזיק (וואָס איז, אגב, לחלוטין פרעמד דעם יאַפּאַנישן אויער). די זעלבע אינסטיטוציע פאַרנעמט זיך מיט איבער־טראָגן אויף יאַפּאַניש די בעסטע קינסטלערישע ווערק פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. אַדאַנק דער אינסטיטוציע עקזיסטירט היינט אין יאַפּאַן אַן אייראָפּעיש טעאַטער מיט אַ מאָדערנעם רעפּערטואַר מיט קינסטלערישע עקספּערי־מענטן לויט די גוטע טראַדיציעס פון דער אייראָפּעישער סצענע. ס'איז א צווייטע פראַגע, צי די אלע עקספּערימענטן גיבן זיך איין, אָבער אַ פאַקט איז, אז ניפּאָן פארמאָגט אַן אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך געשטעלט גאָר הויכע גייסטיקע צילן.

אָבער מיט דער אייראָפּעישער קולטור שעפּט זיך נאָך ווייט נישט אויס די קולטור אין יאַפּאַן. יאַפּאַן פארמאָגט אַן אייגענע און אייגנארטיקע קולטור. און בנוגע אָט דער קולטור באַמערקט זיך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: אין אייראָפּע זענען פאַראַן טיפע גרענעצן, ריסן און סתירות צווישן רעליגיע, קונסט, שטייגער און וועלטלעכער קולטור.

אַט די גרענעצן זענען אין יאַפּאַן אַבסאָלוט פאַרווישט. די רעליגיע איז דאָ בלויז דעקאָראַציע און שפּיל, די קונסט איז בלויז פאַרווײַלונג און שטייגער, דער שטייגער איז טעאַטראַל און די וועלטלעכע קולטור פאַרמאָגט אַ סך רעליגיעז־עטישע ווערטן. ווייל גאָרנישט איז דאָ גרויס און קלאַסיש. די קונסט — איז קליינקונסט; די רעליגיע איז אָן ליידנשאַפט און אָן פאַרביסנקייט; די וועלטלעכע קולטור איז אַ מעסיקע און סאָלידע. אַלץ איז דאָ צוגעפּאַסט צום טראָפּישן און סובטראָפּישן קלימאַט. געלאַסנקייט און מעסיקייט. אין דער יאַפּאַנישער גייסטיקער וועלט רוט זיך אָפּ דאָס אויג און דאָס האַרץ. דער פּשוטער יאַפּאַנער איז אומגעהויער עטיש, נישט ווייל ער טראָגט אויף זיך אַ הויקער פון א רעליגיעזער דאָגמע; ער איז גאַסטפריינטלעך, נישט דערפאַר, ווייל דאָס איז א געזעלשאַפטלעכער קאָנווענאַנס, נאָר ווייל אַט די אייגנשאַפטן זענען אין שטייגער פון זיין געמיט, אין שטייגער פון זיין דערציאונג.

צי ווייסט איר, למשל, אז יאַפּאַנישע קינדער האָבן מורא פאר די פּנימער פון ווייסע מענטשן? ווען זיי זעען אַ ווייס־הויטיקן גייען זיי אוועק אין אַ זייט און טייטלען מיט די פינגער: עס גייט אַ „שרעק־פּנים". ווארום דער יאַפּאַנער טראָגט אייביק מיט זיך אַ שמייכל; אין אַלע פאַלן פון זיין לעבן גייט נישט אַראָפּ דער שמייכל פון זיין פּנים אפילו ווען עס שטאַרבט זיינער אַ נאָענטער, דער נאָענטסטער — הערט ער נישט אויף צו שמייכלען.

— מיר, יאַפּאַנער, האַלטן, אז קיין שום מענטש האָט נישט קיין רעכט צו באַלאַסטן ווען עס איז מיט זיין געמיט־צושטאַנד. דאָס איז איינע פון די הויפּט־זיילן פון אונזער עטיק — זאָגט מיר הודזשי האַנאַי. — ליידן איז די גייסטיקע מדרגה פון ווייטיק און זיי, די ליידן, זענען צו

אינטים־פּערזענלעך, מיר זאָלן זיי ארויסטראָגן אין גאַס, ווי סאַנדאַלן.

— אמת — ענטפער איך אים — אָבער דאָס אייביק שמייכלען און די אייביקע גאַסטפריינטלעכקייט, אומאָפּהענ־גיק פון געמיט־צושטאַנד, איז דאָך צביעות.

הודזשי האַנאַי האָט צוגעלענט די אויגן און טיפער אָפּגעטעמט:

— מאַך נישט דעם זעלבן טעות, וואָס אלע אייראָפּעער. דאָס צביעותדיקע אייראָפּע, וואָס שעכט אויס אירע אייגענע קינדער און רופט דאָס „העלדנמוט", אָט דאָס צביעותדיקע אייראָפּע האַלט, אַז מיר, אַזיאַטן, זענען פאַלש, אַז אונזער האַרץ פילט נישט דאָס, וואָס דאָס פנים ווייזט. אייראָפּע איז כלומרשט אויפריכטיקער. אונזער שענסטע טראַדיציע רופן זיי אַן צביעות. אָבער לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז דאָס שמייכלען איז נישט תמיד אויפריכטיק, צי מאַכט עס דען נישט אָנגענעמער דאָס לעבן פון אונזערע באַקאַנטע? זעט איר: ווען אַלע מענטשן זאָלן שליסן צווישן זיך אַן אָפּמאַך, אַז אומאָפּהענגיק פון זייער מאָראַל, געמיט און גייציקייט זאָל איינער דעם צווייטן אין משך פון זיין לעבן נישט באַשווינדלען, נישט פאַרשאַפן קיין צער, צי וואָלט דאָס נישט פאַרשפּאָרט מיליאָנען קרבנות און זינלאָזע מלחמות און רעוואָלוציעס? צי וואָלט עמעצער דעמאָלט געקימערט זיך, צי די אָרנטלעכקייט איז א פאַלשע אָדער אויפריכטיקע? אונזער שמייכל איז גיכער אַן אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין. זעלבסטבאַהערשונג איז אַ סך א שענערע מידה, ווי די באַהערשונג מיט פּאָליציי־אישע מיטלען: אַך, ווי לעכערלעך איר, אייראָפּעער, דענקט! ווען די פּאָליציי צווינגט דעם בירגער אויסצו־פירן פאַראָרדנונגען קעגן זיין געמיט — הייסט דאָס געזעצ־

מעסיקייט; כאַראַקטערפולע זעלבסטבאַהערשונג רופט איר: צביעות. נאָך אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס איר האָט געשאַפן, זענט איר סיסטעמלאָז, פונקט ווי נאָך אלע מעגלעכע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונגען אין אייראָפּע, נאָך אלע פּאָליטישע טראַקטאַטן, הערשט דאָרט אַ נישט געהערטע, אומגעלומפּערטע אַנאַרכיע, אַ רעזשים פון גענגסטער.

הודזשי האַנאַי האָט גערעדט זייער געלאַסן און רואיק. מיט די פיס הינטער זיך און פאַרקוקט אין אייגענעם נאָפּל, האָט ער אויסגעזעען ווי אַ לעבעדיק־געוואָרענער דאַיבוטסו — די פאַרקערפּערונג פון בודאַ. ער האָט זייער גוט געקענט זיין פאָלק, אָבער נישט ערגער האָט ער געקענט אייראָפּע; ער האָט דורכגעאַקערט איר ליטעראַטור, און זיין פילבאַרע אינטואיציע האָט אים געמאַכט פאַרשטיין זאַכן, וואָס א סך אייראָפּעער גופא פארשטייען נישט אָדער פילן נישט.

אַ צווייט מאָל, ווען מיר האָבן צוזאַמען אויסגעהערט דאָס צאַרטע געזאַנג פון אַ גיישאַ־קינסטלערין — האָט הודזשי האַנאַי אין טיפער קאָנטעמפּלאַציע אויפגעדעקט מיר די בלוטנדיקע ווונד פון אייראָפּעישן אָרגאַניזם — איר עטישע פארלוירנקייט. איך האָב געשטוינט, ווי אזוי א געוועזענער לעקטאָר פון כינעזיש אין קאָרעאַ, אַ זאַמלער פון אַנטיקן, האָט באַוויזן פון אַזאַ ווייטער דיסטאַנס דורכצודרינגען אייראָפּעישע פּראָבלעמען. אָבער וועגן דעם וועלן מיר דערציילן ווייטער.

יאַפּאַן איז אַ ווייט אַזיאַטיש לאַנד מיט אַ מעכטיקן קולטור־פּאָטענציאַל. האָבנדיק פאַר זיך דאָס טאָטאַלע בילד פון אייראָפּע — שאַפן זיי עפּעס אַזעלכעס, וואָס שמעלצט צונויף אין איין גאַנצעס צוויי גייסטיקע וועלטן. זיי מיידן

אָבער אויס אַ סך פעלערן, פאַר וועלכע אייראָפּע האָט זייער טייער באַצאָלט און צאָלט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

מיר האָבן דערמאָנט, אַז יאַפּאַן פאַרמאָגט נישט אין איר קולטור און קונסט קיין שום קלאַסישע, גרויסע זאַכן; אַז איר קונסט איז קליינקונסט, אַז איר רעליגיע איז — טעאַטראַלער עפעקט. אין יאַפּאַן איז די גייסטיקע קולטור און קונסט ביז גאָר דעמאָקראַטיש. וואַגנער, געטע, פראַנס אָדער סעזאַן, העגעל אָדער בערנאַרד שאָו וועלן תמיד בלייבן פאַרהוילן פאַר צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין אייראָפּע, בעת אין יאַפּאַן איז נישט פאַראַן קיין שום טעאַטער־שפּיל, קיין שום מוזיק־שאַפונג, ליטעראַריש ווערק אָדער בילד, וואָס זאָל נישט זיין צוגענגלעך פאַר יעדן עלעמענטאַר־געבילדעטן יאַפּאַנער.

די קונסט־אָרגאַניזאַציע און די קאָנסומציע פון קונסט אין יאַפּאַן איז אומגעהויער פּאָפּולער. יעדע גרעסטע שטאָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעל פערטל פאַר טעאַטער און קינאָ. פאַראַן טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס דויערן גאַנצע טעג. טויזנטער מענטשן פון אַלע שיכטן און פון אַלע עקן לאַנד קומען אויף אָט די פאָרשטעלונגען. און עס זענען פונקט אַזוי פּאָפּולער די אַלטע נאָה־ אָדער קאַבוקי־שפּילן, ווי די מאָדערנע אייראָפּעיזירטע דראַמע אָדער קאָמעדיע. דער יאַפּאַנער איז אַ בעלן אויף יעדער טעאַטער־פאָרשטעלונג. איך האָב באַזוכט די שטאָט טאַקאַראַזוקאַ, וואָס איז אינ־גאַנצן אַ טעאַטער־שטאָט. פאַראַן דאָ אַ גרויסע טעאַטער־שול מיט טעאַטערס פון אַלע דראַמאַטישע טיפּן, און ספּעציעל די גרויסע יאַפּאַנישע אָפּערע. אהער ציען פון פון אַלע עקן לאַנד עקסקורסיעס און עולי־רגל. דאָ פאַר־וואַנדלען זיך אָפט די פאָרשטעלונגען אין גרויסע פעסטי־וואַלן מיט דער באַטייליקונג פון מאַסן צושויער.

וואָס ווערן סטאַטיסטן און מיטשפּילער אינעם פעסטיוואַל. ווען אין טעאַטער פּעלן־אויס זיך־פּלעצער, זעצן זיך מענטשן פּשוט אויף דער ערד. אַזוי איז אין טעאַטער און אַזוי איז אין קינאָ. דאָ און דאָרט פירן זיי זיך אויף ווי קינדער און נאַיווע פאָלקס־מענטשן. בעת זיי זיצן אין טעאַטער, רעאַגירן זיי אויף דער פאָרשטעלונג ווי אויף א ווירק־לעכקייט און לעבן־מיט מיט די אקטיאָרן. מיט דעם זעלבן בייגער נעמט אויף דער יאַפּאַנער די אַלטע פינף־הונדערט־יעריקע נאָה־שפּילן און די אולטראַ־מאָדערנע דראַמע. דער גרויסער שעקספּיר איז פאַרן אייראָפּעישן פּשוטן צושויער שווער און מער נישט אקטועל. בלויז פיינשמע־קער זיצן־אויס אַ שעקספּירישע פאָרשטעלונג מיט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן שעקספּירן פערזענלעך אַ טובה געטאָן מיט דעם. דער יאַפּאַנער זיצט אויף א פאָרשטעלונג פון אַ פּיעסע פון 14־טן יאָרהונדערט, אַ שווערע פּיעסע מיט אַ צעפּלאָ־סענער, בלייכער אינטריגע. איז נישט נאָר ער זיצט־אויס די פאָרשטעלונג, נאָר ער ענטוזיאַזמירט זיך ווי אויף אַ פוטבאָל־מעטש. יעדע באַוועגונג מיט דער שווערד פונעם סאַמורייען־העלד רופט ארויס אַ כוואַליע פון התפּעלות ביים צושויער. די פאַנטאַזיע ארבעט, דער זאַל שפּילט־מיט, דער זאַל באַגייסטערט דעם אַקטיאָר; דער צושויער שעפּט זיין התפּעלות פון דער ליבּרעטאָ...

נאָר לאָמיר צופאָרן אין מאָדערנעם דראַמאַטישן טעאַ־טער; מיר ווערן מיט איין מאָל אריבערגעטראָגן אויף אַ מרחק פון פינף הונדערט יאָר. דאָרט, אין די אלטע נאָה־שפּילן נעמען נישט קיין אָנטייל פרויען. מענער אין סטיליזירטע מאַסקן שפּילן אויך פרויען־ראָלן; דאָ, אין מאָדערנעם דראַמאַטישן טעאַטער שפּילן אויך אַקטריסעס. דאָס זענען מאָדערנע, סאָליד־געבילדעטע קינסטלערינס,

וואָס באַוועגן זיך פריי אויף די ברעטער נישט ערגער פון אייראָפּעישע קינסטלערינס. דאָ איז דער רעפּערטואַר אינ־גאַנצן אַ מאָדערנער. נישט מער, אייראָפּעישע פּיעסן זענען צוגעפּאַסט צו דער מענטאַליטעט און אויפפאַסונג פון יאַפּאַנער. ווייל, למשל, דעם אייראָפּעישן הומאָר, וויץ אָדער חוזק, פאַרשטייט נישט דער יאַפּאַנער. אָט די מאָ־מענטן אין דער אייראָפּעישער דראַמע מוז־מען דורכאויס ענדערן, פּונקט ווי מען מוז ענדערן די נעמען פון די העלדן און אויך טיילווייז די אינטריגע. דאָס מאָדערנע יאַפּאַנישע טעאַטער גיט אַוועק אַ גרויסן טייל פון זיין רעפּערטואַר פאַר אולטראַ־אַקטועלע טעמעס און פּאָליטישע לאָזונגען. דער טאָג־רעפּאָרטאזש פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין יאַפּאַנישן טעאַטער. די מלוכה־אדמיניסטראַציע, וואָס האַלט איר האַנט אויך אויפן דופק פון טעאַטער, ווייסט ווי אַזוי צו מאַכן, אַז יעדע אַקטועלע פאָרשטעלונג זאָל האָבן אַ פּאַטריאָטישן אויסקלאַנג, דאָס פּובליקום זאָל מיט התלהבות שרייען „באַנזאַי! באַנזאַי!"

דאָס יאַפּאַנישע פאָלק איז צוגעבונדן צו טעאַטער, ווי צו אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אינסטיטוציע. און נישט אומ־זיסט: במשך פון פיל הונדערטער יאָר האָט דאָס פאָלק געשאַפן דאָס טעאַטער, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען פון די העכערע קלאַסן. ווארום דאָס יאַפּאַנישע טעאַטער איז נישט אויסגעטראָגן געוואָרן (ווי אין אייראָפּע) דורך קעניג־לעכע הויפן, נאָר דורכן פאָלק גופא.

דערפאַר איז טעאַטער אין יאַפּאַן אַ ביז גאָר דעמאָ־קראַטישע אינסטיטוציע.

און נישט בלויז די טעאַטער־קולטור איז אין יאַפּאַן אַ רייכע און דעמאָקראַטישע. אויך די מאָלעריי און סקולפּטור איז אומגעהויער פּאָפּולער און פאָלקסטימלעך.

יאַפּאַן פֿאַרמאָגט נישט קיין רעמבראַנדט אָדער טיציאַן, קיין מורילאָ אָדער סעזאַן, אָבער די קונסט פֿון דער העיאַן אָדער עדאָ־תּקופֿה איז פֿון אַ הויכער קלאַס און גלייכצייטיק צוגענגלעך פֿאַר יעדן יאַפּאַנישן האַלב־אינטעליגענט. די מאַלעריי איז דאָרט נישט קיין מוזעאַלע קונסט, אָדער די קונסט פֿאַר מעצענאַטן און גבֿירים, נאָר אַ קאָנסום־אַרטיקל פֿאַרן ברייטן עולם. שוין די קינדער אין די פֿאָלקסשולן באַקומען אַ סאָלידע קינסטלערישע אויסבילדונג. מאָלעריי און צייכענען איז אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד אין אַלע פֿאָלקסשולן. יעדער שילער פֿאַרמאָגט אַ פֿאַרבן־קעסטל, אַ פּאַלעטע און אַ רומל פּענזלעס, נישט ערגער פֿון יעדן פּראָפֿעסיאָנעלן קינסטלער. אָפֿטמאָל קען מען ערגעץ, אונטער דער שטאָט, זעען אַ מחנה קינדער ביים מאָלן די נאַטור. זעענען עס נישט די קינדער פֿון אַ צייכן־שול, נאָר פּשוטע פֿאָלקס־קינדער, וואָס וועלן שפּעטער אויספֿילן די פֿאַבריקן, די פֿאָרטן און גרובנס. אַ סך פֿון צווישן די גאַסןבעטלער ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די צושויער דורכדעם, וואָס זיי מאָלן ביים בעטלען נדבֿות. עס הייסט נישט, פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער יאַפּאַנער, וואָס האָט געלערנט אין אַ שול, קאָן צייכענען און האָט אַ חוש פֿאַר די מאָלערישע שיינקייטן פֿון זיין מאַמעלאַנד, פֿאַר דער קונסט פֿון זיין פֿאָלק.

די יאַפּאַנישע מאָלעריי, פּונקט ווי די גאַנצע יאַפּאַנישע קונסט, שטעלט זיך לחלוטין אַנדערע צילן, ווי די אייראָפּעישע קונסט. אַלדאָס קינסטלערישע אין יאַפּאַן האָט דעם איינאונאיינציקן צוועק: באַרואיקן דאָס מענטשלעכע געמיט, אָפּווענדן אים פֿון טאָגטעגלעכן יאָך און זאָרג און אים אַריבערפֿירן אין אַ וועלט פֿון רו און שלימות. דער יאַפּאַנישער קינסטלערישער פּייזאַזש איז געמאָלן מיט רואיקע פֿאַרבן.

עס איז קיינמאָל נישט צו ליכטיק און קיינמאָל נישט צופיל שאָטן. דער אייראָפעער רופט עס אָן „זאַכלעכקייט“, אָבער דער יאַפאַנער זוכט נישט קיין צווייפלהאַפטן אינטעלעקטואַליזם אָדער פראָבלעמאַטיק אין דער קונסט. די קונסט איז דער סובלימירטער שטייגער, סינטעטיזירטע שיינקייט פון לעבן, זונאויפגאַנג צווישן צעבליטע קאַרשן־בוימער; דער צעטשוויטשערטער שפערל אויף אַ צווייגל ווייסן מאַי; ווולקאַנען און זונפאַרגאַנג; אַ יונגפרוי מיט איר סאַמיסען; דאָס גיישאַ־מיידל צווישן בלומען. אָט דאָס זענען מאָטיוון פון דער יאַפאַנישער מאָלעריי. די קונסט מיידט אויס דראַסטישע בילדער, אַזעלכע, וואָס זענען מסוגל צו ווירקן נעגאַטיוו אויפן געמיט. אויב אַ יאַפאַנישער קינסטלער מאָלט אַ פאָרט־אַרבעטער אָדער אַ פויער — שטעלט ער זיי שטענדיק אַוועק צווישן אַזעלכע רעקוויזיטן, אַז עס זעט זיך נישט אַרויס דאָס רעאַליסטישע פון קולי, אָדער פויער. די האַרמאָניע פון פאַרבן און דער קאָלאָריט פון מאָטיוון שאַפן איין גאַנצע שלימותדיקע קאָמפאָזיציע. עס איז פאַראַן אַ גוואַלטיקער צוזאַמענהאַנג צווישן דער יאַפאַנישער מאָלעריי און דער מוזיק. ביידע ווירקן דורכאויס סענסועל, זיי דערוועקן אין אונז אַ בענקשאַפט אָן אַ נאָמען, אַ באַגער, וואָס איז גלייכצייטיק דערלייזונג.

אַנדערש איז די סקולפטור־קונסט אין יאַפאַן. דאָ טרעפן מיר זיך פנים־אל־פנים מיט דער דעמאָנישער וועלט. אין אָט דער קונסט זענען פאַרקערפערט דריי שטרעמונגען: אינדישע, כינעזישע און קאָרעאַנישע. און אַלע דריי שטרעמונגען זענען געקומען קיין יאַפאַן אין צוזאַמענהאַנג מיט רעליגיעזע קולטן. דעריבער דאָס דעמאָנישע, דעריבער די גילגולים פון בודאַ, פון קרישנאַ און ווישנו, די מעטאַמאָרפאָזעס פון די היימישע יאַפאַנישע געטער, דער שינטאָיס־

טישער קולט מיט פּאַרמענטשלעכטע חיות. דאָ, אין דער סקולפּטור, און נאָר דאָ, האָט דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק אויס־געדריקט די דעמאָנישע עלעמענטן פֿון זיין פֿאַנטאַזיע. האָט נישט דער דורכשניטלעכער יאַפּאַנער קיין באַציאונג צו די סקולפּטורן ווי צו קונסט־שאַפֿונגען, נאָר ווי צו פֿאַרקערפּע־רונגען פֿון סודותפֿולע גייסטער און דעמאָנען, וועלכע מען דאַרף איבערקויפֿן מיט געלט, תּפֿילות און אָפּשפּרעכענישן. דער אַלטער שינטאָ־גלויבן, דער עלטסטער רעליגיעזער קולט אין יאַפּאַן, האָט זיך האַרמאָניש אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן שפּעטער אימפּאָרטירטן אינדישן בודיזם.ביידע האַר־מאָניזירטע קולטן האָבן דעם יאַפּאַנישן קינסטלער געגעבן שווונג פֿאַר שעפֿערישקייט.

היינט איז יאַפּאַן איין גרויסער סקולפּטור־מוזיי פֿון מעטאַל, עלפֿאַנט־ביין, לאַק און ליים־ווערק. בלויז איין טעמפּל אין קיאָטאָ, דער סאַנדזשאָ־סאַנגענדאָ־טעמפּל פֿאַר־מאָגט 33.333 בילדער און 1001 אָפּבילדונגען פֿון קוואַן־אָן, אַ בודיסטישע געטלעכקייט. אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק פֿאַרקערפּערט יעדע זאַך אַ געטלעכקייט, במילא איז די מאָטיוון־גאַמע אין דער יאַפּאַנישער סקולפּטור־קונסט זייער רייך, אָבער אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע קונסט־געביטן, איז דער צוגאַנג פֿון קינסטלער אַן אידעאַליסטישער. ניש־טאָ דאָ קיין אָרט פֿאַר רעאַליזם און סטאַטישקייט. נישטאָ דאָ קיין פּלאַץ פֿאַר פֿאַרגליווערטע סאַנקציאָנירטע פֿאָרמען.

למשל, אין דער אייראָפּעיש־קריסטלעכער וועלט ווערן די הייליקע געמאָלן לויט איין מאָל אָנגענומענע פֿאָרמען. קריסטוס איז אומעטום דער ליידנדיקער און אויסגעפּייניק־טער מענטש. מאַריע איז אומעטום די אידעאַלע געטלעכע מוטער, אָבער אומעטום גלייכצייטיק כאַראַקטערלאָז און ווילנלאָז. די אַפּאָסטאָלן ווערן אויף אַלע בילדער פֿאָרגע־

שטעלט ווי פֿאַרמומירטע טיפּן אָן כאַראַקטערן. אַזוי אויך די טיפּן פֿון תנ״ך אין דער אייראָפּעישער קונסט. לגמרי אַנדערש איז מיט דער סקולפּטור אין יאַפּאַן. בודאַ דערשיינט דאָ אין הונדערטער וואַריאַנטן: אין איין טעמפּל וועט איר אים זען ווי אַ סטאַטישן, זאַטן פּעדאַל, וואָס איז פֿאַרקוקט אין זיין אייגענעם נאָפּל; אין אַ צווייטן טעמפּל דערזעט איר אים ווי אַן עלנטן נזיר, אויסגעדאַרט און מיט אַ וואַנדערשטעקן אין דער האַנט; ערגעץ אַנדערש גאָר האָט ער עלף קעפּ און יעדער קאָפּ האָט אַן אַנדער אויסדרוק; ער איז לעבעדיק אין דעם קינסטלערס פֿאַנטאַזיע און אַלע שטימונגען פֿון לעבעדיקע זענען אים אייגן. אין דעם שיינעם שטעטל קאַמאַקוראַ, אין שכנות פֿונעם פֿודזשי־יאַמאַ־ווולקאַן, בין איך געווען אין דער פֿיגור פֿון דער מאַיעסטעטישן און סטאַטישן בודאַ־דאַיבוטסו. איך זאָג: געווען אין דער פֿיגור, ווייל דער מאָנומענט האַלט צוויי שטאָק די הייך, אַן אויסגעהוילטער מעטאַלענער גוס, וואָס שטייט דאָ קאַרגע זיבן הונדערט יאָר. אַז מען גייט אַריין אינעווייניק, אין דער פֿיגור, און מען קלעטערט אַרויף מיט די געדרייטע טרעפּלעך אויפֿן ערשטן שטאָק — געפֿינט מען זיך אין בויך פֿון בודאַ. דער קאָפּ — איז דער צווייטער שטאָק. דאָס איז איינע פֿון די איינדרוקפֿולסטע דענקמעלער אין יאַפּאַן. אַ פֿאָלק, וואָס ווערט דערצויגן צווישן אַזעלכע מאַיעסטעטישע און רואיקע דענקמעלער מוז סוף־כּל־סוף ווערן אַליין מאַיעסטעטיש און רואיק.

אָבער פּונקט אַזוי זענען זיי אויך אויסגעצייכנט אין די מיניאַטור־שניצערייען, וואָס פֿילן־אויס די טעמפּלען און די שינטאָ שריינס. און אומעטום — עקספּרעסיע, אויסדרוק און אַ שטרענגע צילבאַוווסטקייט. דער אייראָפּעישער טראַפּאַרעט פֿון הייליקטימער איז דעם יאַפּאַנישן קינסטלער

אומבאַקאַנט. יעדער זעט די געטער דורך זיין אייגן אויג, שלידערט אים מיט זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט און — סענטימענט. כאַראַקטעריסטיש, אַז פון צווישן די פיל טויזנטער סקולפּטורן און שניצערייען איז די פרויען־פיגור לגמרי אויסגעשלאָסן. צווישן די געטער ווערט איר אָפּטמאָל באַגעגענען פּאָרטרעטן פון פּריסטער און פּעאַדאַלן, פון מלכים און שבטים־פירער, אָבער קיינמאָל נישט פון פרויען. די בודיסטישע פילאָזאָפיע, וואָס שליסט־אויס פון דער געזעלשאַפט די פרוי, האָט אין יאַפּאַן געפונען דעם דאַנקבאַרסטן באָדן.

עס איז גאָרנישט דענקבאַר פאַר אַ יאַפּאַנישן סקולפּטאָר (אויסער די אולטראַ־מאָדערנע), אַז די פרויען־פיגור איז ווערט אויסגעדריקט צו ווערן אין אַ קונסטווערק. דער פרויען־גוף, וואָס דער אייראָפּעישער קינסטלער באַטראַכט אים פאַר דעם בעסטן מאָדעל — ווערט דורך דעם יאַפּאַנישן קינסטלער איגנאָרירט ווי עפּעס מינדערווערטיקס.

איין איינציקער אויסנאָם איז געמאַכט געוואָרן פאַר בודאַס מוטער; אַ טעמפּל אין קאָבע איז געווידמעט איר געדעכעניש. נישט מער.

— די אייראָפּעישע קונסט דריקט אויס צאַרטקייט אין פעמינאַלע פאָרמען. פאַר אַן אייראָפּעישן מאָלער איז אַלדאָס סובטעלע און אַלדאָס צאַרטע — ווייבלעך. דאָס שטעלט אַוועק די אייראָפּעישע קונסט אונטער אַ חשד פון נישטעכטקייט, פון קנאַפּער פּאַרטיפונג. — אַזוי האָט געזאָגט הודזשי האַנאַי, און ווען ער האָט געזען מיין פאַרוווּנדערונג, האָט ער מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און ווייטער געזאָגט:

— בודאַ האָט צום בעסטן און צום טיפסטן אויפגעפּאַסט דעם מענטש און אים, דעם מענטש, צוזאַמען מיט זיין גייסט

איינגעקרייזט אין אוניווערס. דער מענטשלעכער גייסט, זיין אינטעלעקטועלער כוח, איז דאָס איינציקע געצייג, אַדאַנק וועלכן מיר באַגרייפן דעם אוניווערס. פאַר דער חיה און פאַר דער צמחים־וועלט עקזיסטירט נישט גאָרנישט, אויסער דעם באַגרענעצטן מאַטעריעלן פלאַץ, אין וועלכן די חיה אָדער דאָס געוויקס לעבט. צו דער פרוי איז געגעבן געוואָרן בלויז דאָס באַוווסטזיין פון זיין, אָבער נישט קיין גייסט. די פרוי איז לחלוטין גייסטלאָז און זאָלסט זיך היטן, מיין פריינד, פאַר אַזעלכע פרויען, וואָס צוליב אַ טעות פון די געטער, איז זיי געגעבן געוואָרן סיי דאָס ווייבלעכע געשלעכט און סיי גייסט. דער איינציקער נאַטירלעכער טרעגער פון גייסט איז דער מאַן און אַלדאָס שיינע און סובטעלע איז נאָך מער שיין און נאָך מער סובטעל דאָרט, וווּ די צוויי ווערטן פאַרבינדן זיך מיט גייסט. דעריבער איז אַן חשד בלויז די מענלעכע קונסט. דאָרט, וווּ עס ווערט אַריינגעפירט דער ווייבלעכער, פעמינאַלער עלעמענט — דאָרט איז שוין מער נישט מעגלעך צו געפינען די גרענעץ צווישן קונסט און געשלעכטלעכער עמאָציע. מיר, יאַפּאַנער, האַלטן דעריבער, אַז אונזער פאָלק האָט באַקומען די בעסטע קינסטלערישע דערציאונג. מיר טרעפן זיך מיט די קונסט־דענקמעלער בעת אונזערע תפילות אין די טעמפּלען, בעת די פעסטיוואַלן און אין אונזער טאָגטעגלעך לעבן. דעריבער איז די קונסט ביי אונז פּאָפּולער און זי איז צוגענגלעך און אוטיליטאַר אפילו דאָרט, וווּ די מענטשן גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון וועגן דער עקזיסטענץ פון דער קונסט...

איך האָב זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דעם געביט, ווייל די קונסט פאַרנעמט אין יאַפּאַנישן לעבן אַן אַנגעזען אָרט און דאָס יאַפּאַנישע פאָלק האָט אַן איינגעבוירענע ניי־גונג צו געשטאַלטן קינסטלערישע פאָרמען.

שוין אין די עלטסטע צייטן האָבן מאַסקן געשפּילט אין יאַפּאַן אַ וויכטיקע ראָל סיי אין טעאַטער און סיי בעת פּעס־טיוואַלן. די קאַבוקי־דראַמע און די נאָה־שפּילן ווערן פאָר־געפירט אין מאַסקן, וואָס שטייען כמעט מיט גאָרנישט אָפּ פון די אַלט־גריכישע מאַסקן, אויב נאָר די יאַפּאַנישע איבערשטייגן זיי נישט מיט המצאהדיקייט אין אויסדרוק און פאָרם. נאָך היינט איז דאָס גאַנצע אָפּרו־לעבן פאַרבונדן מיט בילד־הויערישקייט און קונסט־האַנטווערקערײַ.

פון דער צווייטער זייט קאָן זיך שוין היינט יאַפּאַן באַרימען מיט געלונגענע פּרוּוון פון מאָדערנער סקולפּטור און מאָלערײַ, ווו עס גנבעט זיך ביסלעכווייז אַרײַן דער פּרויען־ביוסט און דער פּרויען־אַקט...

די טאָקיער קונסט־גאַלעריע פאַרמאָגט שוין היינט אַ רייכע אָפּטיילונג פאַר מאָדערנע סקולפּטור־און מאָלעריי־ווערק פון יאַפּאַנישע קינסטלער. ווען מען קוקט אויף אָט די מאָדערנע קאָמפּאָזיציעס: אַקט־גרופּן, פּרויען־קעפּ־לעך און אַנדערע קלאַסישע מאָטיוון, פאַרגעסט מען, אַז מען געפינט זיך אין יאַפּאַן און אַז אָט די ווערק זענען נישט די ארבעטן פון אַ ראָדען, נאָר פון הוזיקאַוואַ־יוזאָ אָדער קיטאַמוראַ־זיקאָי.

יאַפּאַן איז אייפּערזיכטיק. זייער אייפּערזיכטיק. דאָס מאָדערנע יאַפּאַן פאַרטראָגט נישט צו האָבן עפּעס פאַר־פעלט פון דער אייראָפּעישער קולטור. און אייראָפּעישע עסטעטיקער זענען מודה, אַז אויך אויפן געביט פון קונסט־נאָכאַמונג האָט יאַפּאַן דערגרייכט אַ הויכע מדרגה און וואָס ווייטער אַלץ מער שניידט זיך ארויס אַן אָריגינעלער שטריך אין דער אייראָפּעישער קונסט אין יאַפּאַן. ס'איז שוין נישט מער קונסט־קאָפּירונג, עס איז קונסט־שאַפונג.

די מאָדערנע קונסט אין יאַפּאַן — איז די באַפרייטע קונסט.

פון די אַלטע צייטן אָן האָבן קינסטלער אין יאַפּאַן גע־אַרבעט פאַר דעוואָציאָנעלע צילן, שטענדיק געהאַט פאַרן אויג דעם טעמפּל און שינטאָ־שריין. די וועלט פון געטער און דעמאָנען האָבן דיקטירט דעם קינסטלער, וואָס און ווי אַזוי צו שאַפן. מיטן אַריינדרינגען פון די מערב־השפעות איז פאָרגעקומען אין דער יאַפּאַנישער קונסט אַן אמתע רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז אָבער נישט אַוועק צו ווייט. קיין שום אייראָפּעישער סעזאָן־אַרטיקער „איזם״ האָט אַפילו אויף קיין איין רגע נישט באַהערשט דעם יאַפּאַנישן קינסטלער. פוטוריזם, קוביזם, אורבאַניזם, דאַדאַיזם — אָט די אַלע ווינטן האָבן אויסגעמיטן יאַפּאַן. די יאַפּאַנישע קינסטלער האָבן אַדאַפּטירט דעם רעאַליסטישן קלאַסי־ציזם, אים פאַרבונדן מיט די אייגענע קונסט־טראַדיציעס און אָנגעהויבן אַ נייע, אָריגינעלע תקופה אין דער יאַפּאַ־נישער סקולפּטור.

ווינציקער האָט זיך איינגעגעבן איבערצוטראָגן קיין יאַפּאַן די אייראָפּעישע מוזיק. דער סימפאָנישער אָרקעסטער אין טאָקיאָ פירט־אויס בעטהאָווענען און באַכן און לישטן און אפילו וואַגנערן. דער יאַפּאַנישער עולם זיצט אויף די דאָזיקע קאָנצערטן מיט אַ סך געדולד, באַמיט זיך אַריינ־צודרינגען אין דער ראַפינירטער וועלט פון טענער, אָבער ווען עס לעשט זיך אויס דער לעצטער טאָן — דאַנקען זיי די געטער, וואָס דער „טומל״, דאָס „געפּילדער״ האָט אויפ־געהערט... דערפאַר האָט גריג גרויס מזל ביי די יאַפּאַנער. זיין מוזיק איז צוגענגלעכער פאַר זייער לירישן אויער. ער רעדט צו זייער געמיט. גריגס אַ קאָנצערט אין טאָקיאָ איז אַן אמתער יום־טוב פאַר די יאַפּאַנישע מעלאָמאַנען.

די אָריגינעל־יאַפּאַנישע מוזיק איז גאַנץ פּרימיטיוולעך. שוין דער אופן פון זינגען איבעראַשט דעם אייראָפּעער.

דער יאַפּאַנער זינגט נישט, ווי אין אייראָפּע, מיט אַן אָפן מויל; ער דריקט צונויף די ליפּן און קוועטשט אַרויס די טענער פון האַלדז. די הייזעריקע טענער שפּאַרן זיך ארויס שווער און די ווערטער קומען נאָך ווי אַ קרעכץ. וואָס מער הייזעריק און נידעריק — אַלץ מער דראַמאַטיש באַקומט זיך די מעלאָדיע, אַלץ מער ווירקט דאָס ליד אויף זייער סענטימענט. אויך די פרויען זינגען מיט געשלאָסענע ליפּן, אָבער די יאַפּאַנישע מוזיק האָט ספּעציעלע פרויען־מעלאָדיעס, וואָס אפילו ביי צוגעלענטע ליפּן, מוז זיך ארויסבאַקומען אַ שאַרפער סאָפּראַן. אָט די מוזיק האָט אַ ספּעציעלן חן, זי פאַרמאָגט ספּעציעלע מאָדולאַציעס, וואָס ווירקן אומגעהויער באַרואיקנדיק אויפן געמיט. יאָ, די יאַפּאַנישע מוזיק באַרואיקט, זי פירט אונז אַריין אין קאָנטעמפּלאַציע־שטימונג, אין פולער פאַרגעסנקייט. דער איינציקער יאַפּאַנישער אינסטרומענט איז דער אַזוי גערופענער סאַמיסען, אַ מין גיטאַרע, וואָס ווערט באַנוצט צו באַגלייטן ס׳געזאַנג, ווי אונזער קלאַוויר, למשל. אויך דער אינסטרומענט גיט ארויס הייזעריקלעכע טענער און ווי ווייט עס זאָל דעם יאַפּאַנער נישט אימפּאָנירן דער אַמעריקאַנער שלאַגער, די מעלאָדיע פון אַמעריקאַנער פילמען און טאַנץ־מוזיק — קערט ער זיך דאָך שטענדיק אום צו די צאַרטע ניגונים פון זיין היימלאַנד.

אַ באַזונדער אָפּטייל אינעם יאַפּאַנישן קולטור־קאָמפּלעקס שטעלט מיט זיך פאָר די ליטעראַטור. אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר שוין דערמאָנט דעם דורשט נאָך וויסן, וואָס הערשט אין יאַפּאַן, די מענגעס אַלטע ביכער, וואָס די יאַפּאַנער האָבן איינגעקויפט אין אייראָפּע. מיט אָט דעם שטראָם ביכער און וויסן האָט זיך ביסלעכווייז געענדערט דער ליטעראַטור־געשמאַק פון יאַפּאַנישן לייענער. ער האָט אָנגעהויבן פאָדערן עפּעס מער און עפּעס אַנדערש פון דעם

אַלט־כינעזישן און אַלט־יאַפּאַנישן עפּאָס. די פּרימיטיווע אינטריגע, ווו מען שלאָגט זיך מיט שווערדן און מען באַגייט סעפּוקו אָדער כאַראַקירי צוליב נאַיווער ערע־באַליידיקונג, האָט מער נישט באַפרידיקט די פאַנטאַזיע פון די לייענער, וואָס האָבן אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור געפונען אַ רייכערע גאַמע איבערלעבונגען, סיטואַציעס און עמאָציעס. און עס איז גאָר נישט קיין ווונדער, וואָס גראָד קאָנען דאָיל האָט באַהערשט די פאַנטאַזיע פון יאַפּאַנער. די שערלאָק־האָלמישע סיטואַציעס האָבן געפונען אַ גוטן באָדן אין דעם אַוואַנטוריסטישן טעמפּעראַמענט פונעם יאַפּאַנער. בפרט, אַז אין די איבערזעצונגען אויף יאַפּאַניש האָבן די העלדן באַקומען יאַפּאַנישע נעמען און די סיטואַציעס זענען געוואָרן יאַפּאַנישע. און אַזוי איז אַוועק די אייראָפּעישע ליטעראַטור אין יאַפּאַן אויף געֶענדערטע וועגן און מיט געֶענדערטע העלדן.

אינגעבאָרגאַ פון סקאַנדינאַווישן ראָמאַן איז איבערנאַכט געוואָרן סוזוקי, און אַדאָלף — האַגאַראַטאַ. עס זענען פאַרשוווּנדן פון דיקענסן, האַמסונען, באַלזאַקן און דזשעק לאָנדאָן אַלע ראָבערטס און טשאַרלס און אַ פרישע גאַלעריע יאַפּאַנישע העלדן אין אייראָפּעישע סיטואַציעס איז אויסגעוואַקסן. די אָריגינעל־יאַפּאַנישע בעלעטריסטיק האָט אַרייַנבאַקומען אַ פרישן שטראָם בלוט. אונטער דער השפעה פון דער אייראָפּעישער ראָמאַניסטיק האָט זיך אַנטוויקלט דער נייער יאַפּאַנישער שטייגער־ראָמאַן. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אָט דער ראָמאַניסטיק איז דער ניוואָ זיינער. דער יאַפּאַנישער ראָמאַן איז גאַנץ נאַיוולעך און סענטימענטאַל. ווען אַן אייראָפּעישער לייענער זאָל זיך וועלן שאַפן אַ בילד פון יאַפּאַן אויפן גרונד פון דער אָרטיקער ראָמאַניסטיק, וואָלט ער באַקומען אַ פאַלש בילד. ווייל אין דער ליטע־

ראַטור זענען די מענטשן זייער סענטימענטאַל, זייער גוט און זייער ריטערלעך. אַ יאַפּאַנערין פֿאַרגיסט אַ סך טרערן ביים לייענען אַ בוך, נישט ווינציקער, ווי אַן אַמאָליקע יידישע לייענערין ביי שמר׳ס אַ ראָמאַן מיט פּרינצן אויף ווייסע פערד און יידישע באַראָנען... און נעבן דעם ערנסטן שטייגער־ראָמאַן שטייט פּאַראַלעל אַ יאַפּאַנישער בולוואַר־ראָמאַן, נאָך אַ מער סענטימענטאַלער מיט פֿאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס, מיט אַ ווילדער פּאַסיאָנאַלער ליבע, מיט אַ גראַנדיעזן „העפּי־ענד״: דאָס געליבטע פּאָרל באַגייט אַ דאָפּלטן זעלבסטמאָרד דורך איבערשניידן זיך די העלדזער און אריינוואַרפן זיך אינעם גליענדיקן קראַטער פון אַ ווולקאַן. דאָס איז דער שענסטער, דער העלדישסטער אויס־גאַנג פון אַ גרויסער ליבע, ווי עס שטעלן זיך פאָר אַ יאַ־פּאַניש פּאָלקס־מיידל און אַ יאַפּאַנישער פּאָלקס־בחור.

פונדעסטוועגן איז דער אַלט־יאַפּאַנישער עפּאָס נישט אַרויס פון דער מאָדע. דער בעסערער און ערנסטער לייע־נער קערט זיך כסדר אום צום אַלטן קוואַל, וואָס גיט אַ סך, אַ סך נאַציאָנאַלע באַגייסטערונג. וואָרום דער יאַפּאַנישער עפּאָס איז פול מיט כינעזישער חכמה. און גאָרנישט האָט אַ יאַפּאַנער ליב ווי די געזעצטע און טיפע חכמה פון לאַנ־גער, לאַנגער דערפאַרונג. אַפילו ווען מען קומט צו אַ גיישאַ־מיידל, וועט זי אייך קיינמאָל נישט מכבד זיין, למשל, מיט אַ רעווי־שלאַגער אָדער מיט אַ האָליוווּדער שלאַגער. נאָר תמיד וועט זיך אייך פאָרטראָגן עפּעס־וואָס, וואָס טראָגט אויף זיך דעם אויסגעפּרוווטן חותם פון צייט, אַזוי ווי וויין.

נאָר אַז מיר האָבן דערמאָנט אָן גיישאַ און אָן וויין — האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג פון הודזשי האַנאַי און מיר זענען ביידע אַוועק אין אַ גיישאַ־הויז באַקענען זיך פער־

ווענלעך מיט אַט דער ווונדערלעכער און אייגנאַרטיקער אינסטיטוציע.

*

עס איז געווען אין אַ שטילן האַרבסטיקן פאַרנאַכט, ווען די וועלט צעפליסט אין גרויע נעפּלען און זאַכן לייזן זיך אויף אין אײנאַנדער. הודזשי האַנאַי איז געזעסן מיט די פיס אונטער זיך און געוואַרעמט די הענט איבער אַ גרויסן טאַראַקאַטענעם פייערטאָפּ. ווען ער האָט אויפגעבלאָזן די קוילן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט די צעגליטע קוילן באַלייכטן זיין פּנים, נאָר אַז אין אים גופא צינדט זיך עפּעס אָן און לייכט אַדורך דורך דער הויט. אין די אויגן איז אים פּלוצים אויפגעגאַנגען אַן אויסטערלישער גלאַנץ. פונעם רעש פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן וואָגן האָבן די דינע ווענטלעך פון הויז געציטערט, די שייבלעך אין די רוק־ווענט האָבן זיך צעטענצלט. ווען דער רעש האָט אויפגע־הערט און די קוילן זענען צוריק פאַרגאַנגען אין אַש, האָט מען איבער דעם דינעם ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון שכנס דירה, געהערט אַ צאַרט יאַפּאַניש וויג־ליד. דאָס האָט אַ מאַמע איינגעשלעפערט איר קינד. הודזשי האַנאַי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם:

— אַך, ווי ווייט עס קען צוריקפירן אַ וויג־ליד. עס ווערן מיטאַמאָל פאַרשאָטן אַלע קברים אויפן דורכגעמאַכטן וועג, עס ווערט פאַרשאָטן דער תהום פוןליידן און איך דערפיל די ליבלעך־וואַרעמע פלייצעס פון מיין מוטער, וואָס טראָגט מיך אומעטום מיט זיך. אַך, ווען איך זאָל וויסן, וווהין מיין מוטער טראָגט מיך, אין וואָס פאַר אַ וועלט אַריין זי פירט מיך! גלויב מיר, ליבער פריינד — לייגט ער אַרויף זיין ביינערדיקע האַנט אויף מיין אַקסל — גלויב מיר, מיין ליבער

פריינד, אַז נישט לייכטער איז מיר צו טראָגן מיין געלקייט ווי דיר — דיין ווייסקייט. וואָרום נישט ווייס און נישט געל איז דאָס פּראָבלעם, נאָר מענטש און מענטש־חיה איז די סיבה פון אַלע מענטשלעכע ליידן און פריידן. נישט מיט דעם, וואָס יאַפּאַן וועט ווערן גרויס וועל איך זיין גליקלעך, פּונקט ווי דיין גליק איז נישט אָפּהענגיק פונעם זיג פון דער ווייסער ראַסע איבער דער געלער. אונזער גליק ליגט לגמרי אויף אַנדערע פּלאַכן, אויף אַנדערע פּלאַכן.

דאָס וויגליד איז געוואָרן צאַרטער און זיסער, די טענער האַרציקע און מילדע. איך גופא האָב אינעם ניגון דער־פילט דעם ריח פון וויגליד, וואָס מיין מאַמע האָט מיר גע־זונגען אין אַן אַנדער וועלט, אין ווייטע, ווייטע צייטן. די מילך־ווייסע שייבלעך אין די רוק־ווענט האָבן זיך פאַרצויגן מיט נאַכט, די קוילן אין פייערטאָפּ זענען צעפּאַלן אין אַש, ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל, אונטער די מאַטעס, האָט אַ גריל געוועקט שטילע, געפּרעסטע בענקשאַפט. הודזשי האַנאַי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער קימאָנאַ, ווי ער וואָלט אויסגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך אויסגעלאָזט צוזאַמען מיטן טאָג, צוזאַמען מיט די קוילן אין טאַראַקאָ־טענעם פייערטאָפּ.

פּלוצים דערפיל איך אויף מיין אַקסל אין דער פינצטער זיין ביינערדיקע האַנט. איך האָב געפילט זיין רוף. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט כמעט צוזאַמען. אַן אַ וואָרט אויסצורעדן האָט ער אויפגערוקט די וואַנט און איך בין אים שטום נאָכגעגאַנגען. די שמאָלע קאָבער געסלעך זענען שוין געווען באַלויכטן מיט קאָלירטע לאַמפּיאָנען. אַרבעטס־מענטשן און קרעמער האָבן צוריקגעקערט פון די שטאָטישע בעדער און געטראָגן מיט זיך די קליינע הילצערנע שעפעלעך מיט די האַנטיכער איבערגעוואָרפן איבער די אָרעמס. פאַרשפּעטיקטע מאַמעס

האָבן געאײַלט אַהיים מיט די קינדער צוגעבונדענע אויף די פּלייצעס. פֿאַר די קלײנינקע באַרן האָבן מײדלעך מיט געפֿאַרבטע באַקן געלאָקט די טונקעלע מענערישע שאָטנס. הודזשי האַנאַי האָט אויף קײנעם נישט געקוקט, ער האָט בלויז מיט דער האַנט באַרירט מײַן מלבוש, כּדי צו זײַן זיכער, אַז איך גײ אים נאָך. איך האָב זיך געפֿילט ווי זײַן שאָטן. איך האָב נישט געוווּסט אַפֿילו וווּהין מיר שפּאַנען. מיר זענען פֿאַרבײַ דעם הויף פֿון גרויסן בודיסטישן טעמפּל אין שטאָט־צענטער. די געטער זענען געשלאָפֿן אין האַלב־ליכט פֿון ציטרין־פֿאַרביקע לאַמפּיאָנען. אין די פֿינצטערע געוועלבן פֿון טעמפּל האָט געררישט דער האַרבסטיקער ווינט. די לאַמפּיאָנען האָבן זיך געהוידעט און ליכט־רינגען האָבן ארומגעוועבט די טונקעלע געוויקסן, ווי די רינגען אויפֿן וואַסער בעת אַ פֿיש טויכט אויף.

מיר זענען אַרײַן אין אַ שמאָלער אַלײע און פֿון דאָרט — אין אַ באַלויכטענעם גאָרטן. אינדערמיט האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער אַ וואַסער אַ ריזיקער גאָט מיט אַ קאָפּ פֿון אַ הונט. צוויי געטער מיט גרויסע גאָפּלען אין די הענט האָבן באַוואַכט די טרעפּ פֿון אַ הויז. איבער די טרעפּ האָט אַ רויטער לאַמפּיאָן צווויסן געטאַן, אַז מיר זענען געקומען צו אַ ציל. אַנטקעגן אונז זענען מיט הכנעהדיקע טריט אָנגעלאָפֿן צוויי מײדלעך און געפֿאַלן צו אונזערע פֿיס. זײ האָבן אונז אַראָפּגעצויגן די שיך; פֿון מיר האָבן זײ אויך אַראָפּגעצויגן מײַן רעקל און מיר אָנגעטאָן אַ קימאָנאָ. איך האָב זיך דערזען אין שפּיגל און ס'איז מיר פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן: נישטאָ צאַנין. פֿאַר מיר שטײט אָן אמתער יאַפּאַנער, מיט אַ געלבלעך־בלײַך פּנים און עס דאַכט זיך מיר, אַז הודזשי האַנאַי איז מײַן לײַבלעכער קרוב — מײַן פֿעטער שמואל ברוך, וואָס איז מגולגל געוואָרן

אין אַ יאַפּאַנער ,און די צוויי מיידלעך, וואָס שמייען אַרום אונז זענען די גילגולים פון צוויי יידישע מיידלעך אין אַ שעדלעצער אַכסניה...

אָבער איידער איך האָב אידענטיפיצירט די גאַנצע געזעלשאַפט, בין איך שוין געווען אויפן ערשטן שטאָק אין אַ דיסקרעט באַלויכטענעם צימער מיט פרישע מאַטעס אויפן דיל, מיט אַ גרויסן טאַראַקאַטענעם פייערטאָפּ אינדער־מיט, און פון פייערטאָפּ גייט־אויף אַ לייכטער שמעקעוודי־קער ריח פון איידעלע געווירצן. אויפן פּאָדיום, נעבן דער וואַנט, וואקס־אויף אַ וואונדערלעכע בלום, אַ נישט געזעען געוויקס, אַ צאַרטע לאָטאָס־בלום. די בלום באַוועגט זיך, בייגט אַראָפּ דעם וואונדערבאַרן קאָפּ צו דער ערד און בוקט זיך פאַר אונז. ווען זי גלייכט זיך צוריק אויס און איך טרעף זיך מיט אירע וואונדערלעך שמייכלענדיקע און יונגע אויגן, הער איך הודזשי האַנאַיס קול:

— דאָס איז סוזוקי...

הודזשי האַנאַי האָט מיר שוין אַמאָל געהאַט דערציילט וועגן אָט דעם גיישאַ־מיידל, וואָס ער האָלט פאַר דער איידלסטער און קלוגסטער פרוי אין יאַפּאַן. ווען הודזשי האַנאַי האָט איר איצט אויפמערקזאַם געמאַכט, זי זאָל רעדן צו מיר ענגליש, ווייל איך בין, נעבעך, אַ קאַליקע אויף דער יאַפּאַנישער שפּראַך — האָט זי צו מיר אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— קוק נישט אַזוי אויף מיר, סאַן; אַן אַלט יאַפּאַניש שפּריכוואָרט זאָגט: „קוק אויף אַ פרוי פונדערווייטנס, ווען זי איז אונטער אַ שירם, אָדער ביינאַכט”. קיין איינע פון די דריי באַדינגונגען זענען איצט נישטאָ, איך זאָל געפינען חן אין דיינע אויגן...

— ביסט שיין, סוזוקי — זאָג איך — און דאַרפסט גאָר־נישט, וואָס זאָל דיין שיינקייט נאָך דייטלעכער מאַכן.

— שיינקייט איז פאַרגענגלעך, סאַן, און חכמה האָב איך ווייניקער, ווי אַן אָרעמער פויער רייז.

— אַלס אַ פרוי ביסטו קלוג ווי מאַנזי, סוזוקי מיינע — זאָגט הודזשי האַנאַי — דיין שיינקייט קאָן נאָר פאַרגליכן ווערן צו אַ זון־אויפגאַנג צווישן צעבליטע קאַרשן־בוימער; זיי אונז מכבד מיט טיי, סוזוקי, און דערפריש אונזערע הערצער מיט דעם וויין פון דיין געזאַנג.

סוזוקי האָט מיט שמייכלענדיקע דראָבנע טריט צוגע־גרייט טיי. אין קליינע לאַק־שיסעלעך האָט זי געמישט איידעלע מאַכלים און אַנטקעגנגעטראָגן אירע געסט מילדע צאַרטע אויגן. מיט די פיס אונטער זיך האָט זי גענומען דעם סאמיסען אויף איר שויס און אַ דריק געטאָן די דינסטע, די שטילסטע סטרונע. אירע בלום־פרישע פולע ליפן האָבן זיך עטוואָס אויפגעבלאָזן און זי האָט שטיל געזונגען:

כ׳האָב געעפנט די טיר; געגלויבט מיין ליבער קומט.
אָבער אינעם ווינט־באַוועגטן וואַסער האָט די לבנה געלאַכט.
יעדעס מאָל, ווען עס זינגט דאָס פליגעלע אויף דער סאָסנע
אין גאָרטן, —
פיבערט מיין האַרץ, איך טראַכט: ער איז געקומען.

הודזשי האַנאַי האָט אויסגעצויגן די האַנט. סוזוקי האָט איבערגעריסן דאָס געזאַנג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָענט נעבן אים. זיינע לאַנגע ביינערדיקע פינגער זענען ווי אַ שאָטן פארביי איר וויסן נאַקן.

— דו ביסט גליקלעך, סוזוקי; דיינע געדאַנקען וועבן זיך בלויז אַרום ליבע. דיין וועלט איז פשוט און גרויס.

צו די מענער איז געגעבן געוואָרן אַ קאָמפּליצירטערע וועלט.

— נישט זייער וועלט, נאָר זייער געמיט, סאַן, איז קאָמפּליצירט.

הודזשי האַנאַי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ביסט טרעפלעך, סוזוקי. — און ער ווענדעט זיך צו מיר:

— זעסט, מיין פריינד, ווען מען זיצט אַזוי מיט סוזוקי דאַכט זיך, אַז אַלץ איז פּשוט, זייער פּשוט. די גרויסע פּראָבלעמען פון אונזער וועלט רעדוצירן זיך צו דער באַוווּנדערונג פון דעם מיידלשן נאַקן, וואָס דערמאָנט דעם איידלסטן עלפאַנט־ביין. אירע פולע ליפּן, וואָס קען מען זיך צונויף אין אַן אַבסאָלוטער זינלעכער האַרמאָניע הייסן גלויבן אין דער מענטשלעכקייט פון אַ גוטער, געאָרדנטער וועלט. קיינער טרייסט מיך נישט אַזוי ווי זי, קיינער באַרויִקט נישט מיין האַרץ אַזוי ווי זי. דערפאַר בין איך דאַנקבאַר מיין פאָלק פאַר אָט דער אינסטיטוציע. וואָרום ווו אַנטלויפט מען פון דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אין אונזער צייט? אין וואָס גלויבט מען? אַלע געטער האָבן באַקומען הערצער פון ראַדיאָ, זייערע נשמות זענען עראָפּלאַנען; זייערע מתנות — טויט און פאַרניכטונג. די וועלט האָט ביז איצט נישט געקענט אַזאַ אָרגאַניזירטע אַכזריות. קיינמאָל איז זי נישט אַזוי ראַפינירט און שלעכט. אַלע לאָזונגען וועגן פעלקער־גרויסקייט, העכערקייט, רעכט און מאַכט — זענען נישט מער ווי מיטלען, ווי אַרגומענטן צו זיין שלעכט. אַלע צילן און אַלע דאָקטרינען זענען ציניש אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויפן מאַרק און ווערן געוואָרפן פאַר די צעיושעטע מאַסן, ווערן מיט זיי געהעצט צו טויט און פאַרניכטונג. מענטשן קרוינען זיך פאַר געטער, גייסטלאָזע, צייללאָזע, באַהערשט

פון מאַכט־משוגעת — שלעפּן נאָך זיך הונדערטער מיליאָ־נען אייזלען, וואָס שעכטן זיך אויס אויף די שלאַכט־פעלדער. נישטאָ ווו צו אַנטלויפן! עס איז מיר אַ חרפּה צו זיין מענטש... סוזוקי — הייבט ער אויף די אויגן צום גיישאַ־מיידל — ווי גוט דיר איז, וואָס דיין וועלט איז בלויז ליבע, וואָס דיין וועלט איז אַזוי פּשוט און גרויס!... ווען איך בין געווען אַ יינגל, האָב איך איינמאָל געזען דעם גרויסן מעידזשי. איך האָב געגלויבט אין אים, ווי אין אַ גאָט. איך בין גרייט געווען צו שטאַרבן פאַר אים יעדע מינוט, יעדע רגע. איך האָב געגלויבט, אַז ער פירט דאָס גרויסע יאַפּאַנישע פאָלק באַהעפטן זיך מיט דער גרויסער ווייסער קולטור־ראַסע. איך האָב געזען דעם רייכן קעניג־לעכן וועג. היינט, ווען מיינע האָר זענען גראָ, און ווען וועגן יעדער נאַכט טראַכט איך, אַז זי איז די לעצטע — היינט זע איך נישט מער דעם וועג. אַלץ איז צערונען ווי אַ נעפּל. אַ חלום געווען אונזער וועג, אַ חלום די ווייסע קולטור־ראַסע, אַ חלום דער גלויבן אין מענטש. אילוזאָ־ריש און פאַרפירעריש זענען די אידייען פון דער מענטש־הייט, ווי אילוזאָריש און פאַרפירעריש עס זענען די טעג פון יחיד.

— זיי נישט אַזוי מיסטרויאיש, הודזשי האַנאַי — זאָג איך צו אים — אין דעם גאַנצן פּלאַנעטער, אין דער אכזריות־דיקייט, און דווקא אין דעם, וואָס געשעט, זע איך, וואָס אַן אמת איינגעהילט אין נעפּלען פון דער צוקונפט, אַ נייע וועלט, אַ בעסערע, אַ באַפרייטע, זאַטע און צופרידענע. די וועלט איז הונגעריק. הונדערטער מיליאָנען מענטשן האָבן נישט צו עסן. גייען אויס פון הונגער. הונדערטער מיליאָנען מענטשן זענען אונטעריאָכט אין אַ נישט געעהערטער שקלאַ־פעריי. אַזאַ וועלט מוז פאַרניכטעט ווערן אין אייגענער

אַכזריות; אויף אירע חורבות וועט אויפשטיין אַ בעסערע וועלט. איך גלויב — אַ בעסערע.

— ניין, ניין, יונגער פריינד, — ציט ער זיין שטים אַ מידער און רעזיגנירטער. הונגער... שקלאַפעריי... יאָ, אָבער נישט דאָס איז דאָס גרונט־פּראָבלעם. נאָך אַ מלחמה און נאָך אַ רעוואָלוציע און אַלע מענטשן וועלן האָבן גענוג צו עסן. מ׳וועט אָפּשאַפן שקלאַפעריי. אָבער ווידער וועט נאָכקומען אכזריות און אונטערדריקונג. ווייל די מענטשהייט איז פארבלענדט. קיינער מערקט נישט, אז מאַכט איז געוואָרן אן אינדוסטריע, א מערדערישע, דורש־טיקע אינדוסטריע, וואָס בלוט איז פאר איר רויסטאָף, מענטשלעך בלוט און פיין... אפילו די הויך־אנטוויקלטע טעכניק איז נישט מער ווי אַ טייל פון דער מאַכט־אינדוס־טריע. דער מענטש קען זיך נישט באַפרייען פון זיינע ווילדסטע אינסטינקטן. דער מענטש איז פאַרשקלאַפט צו זיי. דער מענטשלעכער גייסט איז נאָך טויזנטער יאָרן פון אַנטוויקלונג, אָרעם, ער שוועבט איבער די מענטשלעכע אינסטינקטן, ווי אַ קליינער פעטס־פלעק אויף אַ ריזיקער ים־כוואַליע. דו קאָנסט דעם פלעק צו יעדער צייט אראָפּ־שוימען, אָדער ער וועט צעריבן אינעם שוים פון דער כוואַליע. דאָ ליגט דאָס פּראָבלעם. עס האָבן געפּרוווט אויפהייבן דעם מענטש בודאַ און משה און כריסטוס. זיי האָבן זיך מקריב געווען. אָבער מער ווי זייער קרבן איז נישט געבליבן.

הודזשי האַנאַי האָט גערעדט ווי צו זיך אליין. סוזוקי האָט געזען זיין אומעט און זי האָט צאַרט געשעפּטשעט אירע פערזן וועגן ליבע און בענקשאַפט. זי האָט זיין שאָל אָנגעפילט מיט פרישן טיי, זי האָט איידעלע פרוכטן אוועק־געשטעלט פאַר אים. מאַכטלאָזיקייט האָט געשוועבט איבער

אירע הענט. וואָס איז היינט מיט הודזשי האַנאַי, סאַן? צי געפעלן אים נישט מער אירע לידער, איר געזאַנג? צי האָט אַלטקייט פאַראומערט זיין געמיט? זי האָט געגלעט זיינע הויטיקע באַקן, געלאַשטשעט זיך צו אים, ווי אַ מילדע אינד, און אַרויסבאַקומען פון אים בלויז אַ בלייכן שמייכל.

— אייגנטלעך — רוף איך זיך פלוצים אָן — האָט איר נישט קיין גרונד צו זיין אומגליקלעך, פריינד הודזשי האַנאַי, דיין פאָלק האָט דערגרייכט זייער אַ סך און וויל העכער און העכער... און גייט פאָרויס מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד...

— צי איז דאָס אַ גרונד צו זיין גליקלעך?... קום! ווּעסט זען...

מיר האָבן זיך ביידע אויפגעשטעלט. דער טיי איז געבליבן נישט אויסגעטרונקען, די מאַכלים — נישט אויפגעגעסן, און סוזוקי, די קלוגע סוזוקי, האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס עס געשעט.

*

אויפצומאָרגנס, נאָכן וויזיט ביי דער גיישא סוזוקי, האָבן מיר זעקס באַגינען שוין געקלעטערט איבער די רוקנס פון די בערג, וואָס הייבן זיך אויף איבער קאָבע. די קליינע הילצערנע הייזלעך, ענלעך צו קעסטעלעך און דורכגעלייגט מיט גרינס, זיי זאָלן זיך, חס וחלילה, נישט צעקוועטשן פון געדרענגעניש — ליגן צופוסנס די בערג. איבער די הילצערנע הייזלעך דאָמינירן די אייראָפּעישע ווילעס, וואָס זענען איינגעפונדעוועט אין רוקן פון די בערג. איבערן מערב־טייל פון דער שטאָט הייבט זיך אויף אַ געדיכטער וואָלקן רויך.

— דאָס זענען אונזערע אַלטע שטעט היאָגאָ און

קאָבע — פּירט הודזשי האַנאַי מיט דער ביינערדיקער האַנט איבערן האָריזאָנט —ביידע שטעט האָבן זיך צונויפגעגאָסן. זע: לינקס איז אַ וואַלד פון פאַבריק־קוימענס. דער גרויסער רונדיקער ים־ברעג, וואָס זוימט אַרום די שטאָט — דאָס איז יאַפּאַנס גרעסטער פּאָרט. אַ מיליאָן מענטשן זענען צונויפגעקוועטשט אין דער שטאָט. זיי אַרבעטן טאָג און נאַכט, אין פּאָרט און אין די פאַבריקן. זיי אַרבעטן אין די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען, ווי די מוראַשקעס אַרבעטן זיי. און זייער לעבן האָט זיך פון פיל הונדערטער יאָרן אָן נישט אַ רוק געטאָן פאָרויס. זיי האָבן געענדערט דאָס געשטאַלט פון יאַפּאַן, געשאַפן רייכטימער, באַרימט געמאַכט איבער דער וועלט זייער היימלאַנד, אָבער אליין זענען זיי געבליבן הונגעריק, נאַקעט, פּונקט ווי זייערע זיידעס. און פּונקט ווי זייערע זיידעס, טרייסטן זיי זיך מיט דער האָפנונג, אַז זייערע קינדער וועט זיין בעסער... די קוימענס וועלן זיך מערן, דער פּאָרט וועט נאָך גרעסער ווערן, אָבער זייערע קינדער וועלן ווייטער הונגערן און ווייטער האָפן... ווו קומען אַהין די אוצרות, וואָס זיי שאַפן? ווען וועט פאַרשיט ווערן דער תהום פון זייער הונגער, פון זייער אָרעמקייט? די שיפן־קאַראַוואַנען דאָרט אויפן האָריזאָנט, זיי פירן מיט זיך דעם כוח פון מיין פאָלק. עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי פאָרן אין דער אויסזיכטלאָזיקייט אריין. און אויסזיכטלאָז, האָפנונגסלאָז זענען אָט די רויכנדיקע פאַבריק־קוימענס. וואָרום ווהין, צו וואָס פאַר אַ ציל פירט קאָבע? — — —

הודזשי האַנאַי איז געווען זייער אויפגערעגט. ער האָט נישט אויפגעהערט ארייַנצורעדן אין מיר. און אזוי זענען מיר צוגעקומען צו דער סאַנאָמיאַ־סטאַציע און זיך אריינגעזעצט אין עלעקטרישן צוג.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט זיך דער צוג פאַרהאַלטן אויף אַ ריזיקן, מאָדערנעם וואָקזאַל. ווייסער טאַראַקאָט און ניקל בלענדן די אויגן. לוקסוריעז אויס־געשטאַטע טונעלן מיט נעאָן־אויפשריפטן און מיט ראַדיאָ־הילכערס — פירן צו דער שטאָט. אזא רייכן און וונדער־באַר איינגעאָרדנטן וואָקזאַל ווען מער נישט געפינען אין קיין שום אַזיאַטיש לאַנד. גרוימע, ציכטיקע אויטאָבוסן פירן אונז איבער צענדליקער בריקן און וויאַדוקטן. אַן אויסטערלישע שטאָט. אזוי פיל קאַנאַלן, אזוי פיל בריקן. הודזשי האַנאַי פירט מיך אריין ערגעץ אין אַ פיל־עטאַזשיקן בנין. ווינדעס פירן אונז ארויף אויפן דאַך. א וונדער־בילד אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגן.

— מיר געפינען זיך אויפן דאַך פון אָסאַקאַ־אַזאַי־בנין — זאָגט הודזשי האַנאַי און פאַרזשמורעט די אויגן — אַזאַי איז איינע פון די גרעסטע צייטונגען אין יאַפּאַן, און דאָס וונדער, וואָס דו זעסט, איז איינע פון די גרעסטע און פאַבלהאַפטסטע שטעט אין אונזער לאַנד. די שטאָט הייסט אָסאַקאַ. זי פאַרמאָגט דריי און א האַלבן מיליאָן איינוווינער. זע די פּרעכטיקע געביידעס, זע די ווייסע פאַבריק־בנינים, דאָרט רעכטס. מען רופט די שטאָט „מאַנ־טשעסטער פון אָריענט", ווייל דאָס איז דער אינדוסטריע־צענטער פון קאָטאָן אין יאַפּאַן. די שטאָפן, וואָס ווערן דאָ געוועבט, באַקליידן דעם נעגער אין אפריקע, דעם איינ־געבאָרענעם אין מאַלאַיע, דעם שיקי אין אינדיע, דעם אַראַבער אין מעקאַ, פונקט ווי דעם עסקימאָס אויפן ווייטן צפון. מען רופט אָט די שטאָט אויך „ווענעדיק פון יאַפּאַן", ווייל זי איז דורכגעשניטן דורך פיל, פיל קאַנאַלן און טייכן, וואָס ווערן פאַרבונדן דורך טויזנט דרייהונדערט און פופציק בריקן. מען רופט די שטאָט אויך „יאַפּאַניש טשי־

קאַגאָ״, דאָ ארבעטן די פאבריקן 24 שעה אין מעת־לעת. דער ארבעטס־טעמפּ איז אמעריקאניזירט. די פּראָדוקציע — דאָס גלייכן. אָסאַקאַ פאַראייניקט אין זיך אייראָפּע, אזיע און סיי אמעריקע. אָסאַקאַ איז דער ווירטשאַפטלעכער שטאָלץ פון יאַפּאַן, דאָס מייסטער־ווערק פונעם יאַפּאַנישן פאָלק. דער געלט־אומזאַץ פון דער אָסאַקאַער אינדוסטריע דערגרייכט אזעלכע סומעס, פאר וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין וואָרט אין דער יאַפּאַנישער שפּראַך. אָבער שווערער איז געוואָרן דאָס לעבן פון אָסאַקאַער ארבעטער. ער ארבעט אינטענסיווער. די מאַשינען קוועטשן פון אים ארויס די כוחות, אָבער זיין לוין איז אויף דער זעלבער מדרגה, ווי ס׳איז געווען דער לוין פון זיין זיידן אין די צייטן, ווען אָסאַקאַ האָט געוועבט אויף די סאַמע פּרימיטיווסטע הילצערנע וועבשטולן. היינט איז אָסאַקאַ דער לעצטער אויסקלאַנג פון דער טעכניק. קום, מיר וועלן צופאָרן צום בנין פון אָסאַקאַ־מאַיניטשי. מאַיניטשי איז די צווייטע גרויסע צייטונג אין דער שטאָט.ביידע גיבן ארויס צוויי און א האַלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן טעגלעך.

שפּעטער האָט מיך הודזשי האַנאַי אוועקגעפירט אין שטאָט־פערטל דאָטאָמבאָרי און סעניטשעמעאַ, ווו די לאַנגע גאַסן באַשטייען בלויז פון קינאָס, טעאַטערס, קאַפעען, בתי־זונות און אנדערע פאַרוויילונגס־אונטערנעמונגען. די גאסן זענען פאַרהאָנגען מיט ריזיקע פענער, לאַמפּיאָנען און רעקלאַמעס. העכער הונדערט קינאָס פאַרמאָגט דאָס שטאָט־פערטל; קאָרגע זעכציק פארשיידנאַרטיקע טעאַטערס; פאַראַן מער ווי אַ צענדליק רעגולערע מאַריאָנעטן־טעאַטערס, די איינציקע רעגולערע מאַריאָנעטן טעאַטערס נישט בלויז אין יאַפּאַן, נאָר אויף דער גאנצער וועלט. איין גאס, א לאַנגע ווי דער יידישער גלות, באַשטייט בלויז פון בתי־

זנות. טויזנטער פרויען זענען דאָ באַשעפטיקט אין אָט דעם נאַציאָנאַלן פאַך. דאָס שטאָט־פערטל פאַרווילט אָן איבערהייס פון זעקס אינדערפרי ביז צען אינאָונט. ווען מען געפינט זיך עטלעכע שעה אויף אָט דעם פארוויי־לונגס־אינזל, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז יאַפּאַן איז דאָס גליקלעכסטע לאַנד אויף דער וועלט; אַז דער יאַפּאַנער ווייסט גאָרנישט וואָס עס הייסט הונגער־לוין, שקלאַפן־אַרבעט און נידעריקער לעבנסניוואָ. עס זעט אויס, ווי מען וואָלט זיך געפונען אין א גן־עדן פון אן אזיאַטישער רעליגיע.

אָבער הודזשי האַנאַי איז געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז איך האָב אפילו אויף א רגע נישט געקענט פארגעסן, אַז אָט־דער פארוויילונגס־אינזל איז דער איינציקער געזעל־שאַפטלעכער אָפּלייטער פארן יאַפּאַנישן מאַסן־מענטש. יאַפּאַן פארמאָגט נישט אַזאַ אָפּלייט־אינסטיטוציע ווי „יידן־פראַגע", במילא קענען די יאַפּאַנישע רעגירער נישט אויפבלאָזן קיין יידן־האַס, וואָס זאָל פאַר די מאַסן פארטרעטן ברויט און פרייהייט, ווי דאָס טוען מדינות, וואָס האָבן א יידישע מינדערהייט. יאַפּאַן האָט בכלל נישט קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף אירע אייגענע אינזלען, במילא קען מען נישט קעגן זיי אָפּווענדן דעם צאָרן פון די אייגענע מאַסן. עס זענען פאַראַן, אמת, ריזיקע שנאה־אָביעקטן — זענען אָבער די „שנאה־אָביעקטן" האַרטע ניס, און דערפאַר זענען זיי נישט רעאַל פאַר „פאָלקס־צאָרן". און פונקט ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם דאַרף לופט, אזוי מוזן מלוכות האָבן פאַר זייערע מאַסן עפּעס אַ „ביין"... איז אויב נישט שנאה, אויב נישט ראַסן־אַנטאַגאָניזם און אפילו נישט קלאַסן־שנאה — בלייבט פארוויילונג דער איינציקער רעגולאַטאָר פאַר געזעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט. טוריסטן ווייסן צו דערציילן וועגן די פיל הונדערטער פעסטיוואַלן אין יאַפּאַן,

וועגן יאַשיוואַראַ און בתי־זונות, וועגן רווישיקער געשלעכט־לעכער פרייהייט אין יאַפּאַן, זעלטן ווער אָבער גיט זיך אָפּ א חשבון וועגן די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס, וואָס האָט די אינסטיטוציעס פירן אויס. אָן גוזמא: נעמט אוועק ביים יאַפּאַנישן פאָלק די דערמאָנטע אינסטיטוציעס, און דער גאַנצער בנין, דער פאַמיליען־סיסטעם, דער געזעל־שאַפטלעכער סדר, דער גאַנצער סאַמורייען־קאַפּיטאַליסטי־שער סיסטעם, וועט אויפגעריסן ווערן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין מערב־טייל פון דער שטאָט, וווּ טויזנטער הילצערנע הייזלעך זענען צונויפ־געקוועטשט, וווּ הונדערטער טויזנטער ארבעטער פירן אַ פּרימיטיוו לעבן — האָט הודזשי האַנאַי שטיל און פאַר־זיכטיק געזאָגט:

— אָט דאָס איז דער געשוויר! צי צוליב דעם, אז מיליאָנען זאָלן וווינען אין אָט די הינער־שטייגן בויט מען ריזיקע שטעט, רייכע הייזער און מאָדערנע פאַבריקן? וואָס פון דער רייכער וועלט, וואָס פון אלע גרויסע דעראָבערונגען, אויב דער פשוטער מענטש איז נאָך אלץ שקלאַף און לעבט בלויז מיט דעם ביסעלע גרינעם, אָר־דינערן רייז? ניין, ניין, זאָל קיין שום רעגירער, קיין שום אידעען־דרעשער נישט דולן דעם קאָפּ מיט דעם באַנקראָטירטן וואָרט „צוקונפט". דער נעכטן און דער היינט זענען אויך געווען אַ צוקונפט, און נעכטן און היינט איז די מענטשהייט אַ סך אומגליקלעכער ווי זי איז עס געווען אין די צייטן פון גלויבן. קום, מיין פריינד, איך וועל דיר וויזן אונזערע רייכטימער אין נאַגאָיאַ און אין קיאָטאָ און דו וועסט זען דעם עלנד, די אויסזיכטלאָזיקייט, די גרויסע פיקציע, וואָס הייסט „קולטור פון דער ווייסער ראַסע". אָך, ווי עס עקלען מיך די אידייען און די כלומרשטע

קולטור פון דער ווייסער ראַסע, וואָס אונזערע אייגענע פיליסטערס האָבן זיי אויפגעכאַפּט מיט אייפער. וואָרום די ווינטן, וואָס קומען פון מערב שטינקען תמיד מיט נבלה. אַלע אידייען דערפירט אייראָפּע צו בלוט־פאַרגיסונג, און אונזערע אייגענע פיליסטערס שמעקט אָט דער וועג. דער־פאַר האָב איך געוואָרפן מיין וועלטלעכע אייראָפּעישע קאַריערע און אַוועק אין דער אָפּגעלעגענער וועלט, אין דעם אַלטן טיאָסין (קאָרעאַ) און זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער אנטיקער וועלט, די אַלטע געטער, וואָרום כאָטש די מאָדערנע וועלט האָט דעטראָניזירט אַלע רבונו־של־עולמס, בלייבן זיי, די געטער, דאָך די געדעכטסטע. זיי האָבן ווינציקסטנס קיינמאָל נישט צוגעזאָגט די פאַרווירקלעכונג פון גרויסע אידייען ביים לעבן. אַזוי נאַריש זענען זיי נישט. אַזוי באַטריגעריש זענען זיי נישט. די געטער פון שינטאָ, דער גאָט פון ישראל, די אינקאַרנאַציעס פון בודא, דער גאָט פון קריסטוס, דער נביא פון איסלאַם פונקט ווי הונדערט אַנדערע געטער און געטלעך — אַלע רופן דעם מענטש צום גליק, וואָס ליגט אויף יענער זייט לעבן. זיי די געטער, האָבן ווינציקסטנס פאַנטאַזיע, פּאָעטישן אויפ־שוווּנג, בעת די אייראָפּעישע שוויץ־אידעען ווערן תמיד אויסגערונען אין בלוט פון מלחמות און רעוואָלוציעס, אין דעם אומגליק פון אומשולדיקע פעלקער.

— ווו זאָל מען זוכן די סיבה, פריינד האַנאַי? — רייס איך אים איבער.

דער צוג, וואָס האָט אונז געפירט קיין נאַגאָיאַ איז געלאָפן דורך אָרעמע רייז־פעלדער. אָפּגעריסענע פויערן־קינדער זענען געשטאַנען ביים וועג און געבליפט אויפן לויפנדיקן צוג. הודזשי האַנאַי האָט טיפער פאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל און געלאָסן געענטפערט:

— גערעכט איז דער גאָט פון אינזל סאַיסיו: דער גרויער מענטש האָט נישט וואָס צו זוכן אויף דער וועלט. אַלע זיינע האָפענונגען זענען געגליכן צו זומער־וואָלקנס; דער קלענסטער ווינט צעטרייבט זיי. אידעען ווערן געשאַפן דורך גרויסע מענטשן; די פאַרווירקלעכער פון אידייען זענען אין גייסט די קלענסטע מענטשן אויף אונזער ערד. זיי זענען ווי ווערעם, וואָס צעטאָטשען די שענסטע פרוכט, דענקענדיק, אז זיי בויען זי. דאָס שענסטע פון יעדער אידיי איז איר געבורט און די שבתדיקע טעג, ווען די יצירה־נעפלען האָבן זי נאָך נישט אנטנאַקעט פאר אירע „פאַרווירקלעכער". מיין פריינד, ווען דו האָסט אַ גרויסע אידיי, בעט אַלע געטער, די געבורט־ווייען זאָלן דויערן וואָס לענגער, וואָרום איר אַנטפּלעקונג צייטיקט אַנטוישונג. די געטער האָבן געוואָלט דעם מענטש פאַרשאַפן כאָטש איין רגע גליק, האָבן זיי פאר אים אויסגעבויט גן־עדנס אויף יענער זייט פון אלע אנטוישונגען. קלאָמער זיך, מיין פריינד, אין אַ גלויבן, וואָס דו ביסט פולקאָם זיכער, אַז זיינע פרוכטן וועלן נישט צייטיקן אין די טעג פון דיין לעבן. דעמאָלט וועסטו לכל הפחות האָבן די גרויסע אילוזיע און דיינע טעג וועלן נישט זיין האָפנונגסלאָזע. נעם נישט פאַר אומגוט מיינע ווערטער. איך האָב דיר געוויזן יאַפּאַן אין איר אמתער ליכט, סיי דאָס גוטע און סיי דאָס שלעכטע. איך האָב נישט באַעוולט מיין פאָלק אפילו, ווען איך האָב געזאָגט עפּעס שלעכטס וועגן אים. איך וואָלט געקאָנט זיין פאַלש און צביעותדיק ווי אַ מלוכהשע טוריסטן־געזעל־שאַפט און דיר וויזן מיין לאַנד אין אזא ליכט, אז דיר וואָלט זיך אויסגעדאַכט, אז יאַפּאַן איז דאָס צום ווינציקסטן אומגערעכטע לאַנד אויף דער וועלט. איך וויל אָבער דו זאָלסט נישט האַסן מיין לאַנד, דערפאַר ווייז איך דיר זיינע

חסרונות, כדי דו זאָלסט פאַרשטיין מיין לאַנד און מיין פאָלק.

מער האָט הודזשי האַנאַי נישט גערעדט. אַלע שטעט, וואָס מיר האָבן שפּעטער באַזוכט, האָט ער מיר געלאָזט אַליין זען. ער האָט מיר בלויז געפירט אויף די ערטער, וואָס זענען באַלערנדיק. און ווען איך האָב אים מודיע געווען, אַז ס'איז געקומען די צייט איך זאָל אַוועקפאָרן פון יאַפּאַן, האָט ער בלויז אַ שמייכל געטאָן.

אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען, אַרויפ־שטייגנדיק אויף דער שיף, האָב איך באַמערקט, אַז אויך ער פאָרט מיט. בלויז אַ קליין רענצעלע האָט ער געטראָגן מיט זיך. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ שווערער שוואַר־צער קימאָנאָ מיט אַ קורצער פעלערינע. דער טונקל־ברוינער הוט האָט נאָך מער פאַרשאָטנט זיינע שמאָלע קלוגע אויגן. דער פּאַראַסאָל אין זיין האַנט האָט אויסטערליש שווער געמאַכט זיינע טריט, ווי ער וואָלט געשלעפּט נאָך זיך קייטן.

— איר פאָרט אין מיין ריכטונג, סאַן? — פרעג איך אים.

ער האָט שמייכלענדיק געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

*

דריי און אַ האַלבן טאָג זענען מיר געפאָרן שווייגנדיק צוזאַמען. אונזער שיף איז געשווומען אפשר מיטן מאָלע־רישסטן וועג אויף דער וועלט — דורך דעם אַזוי גערופענעם אינלענדישן ים פון יאַפּאַן. די מילדע פרידלעכע ברעגעס האָבן זיך אויסגעשטיקט אין פּילפּאַרביקע טעפּיכער. פון די פישער־הייזלעך אויף די נאָענטע ברעגעס האָבן ליבע מענטשן געגריסט, ווער מיט אַ טיכל און ווער מיט געזאַנג. אויף די פיל הונדערטער באַווינטע אינזלען האָבן פישער פאַרוואָרפן נעצן און מיט זייערע רואיקע געשטאַלטן געוועבט אַ מעשהלע. דער ים האָט זיך געראַנצלט אונטערן מילדן פליגל פון צווישנ־

אינדזולדיקן ווינט. באַגינען האָט די זון, אַ פרישע און ראָזע, יונגפרווילער זיך געטובלט ביי די ברעגעס פון אונדזל שיקאָקו, און אין די צאַרטע פארנאַכטן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די מערב־ברעגעס. ביז שפּעט אין אָוונט איז דאָס וואַסער געבליבן בלאָ. די גילדענע שטערנס זענען געלעגן אין וואַסער און ס׳האָט זיך געדאַכט: די שיף זעגלט דורך דער דינער בלאָער הימל־לופט. הינטן, ביים רודער פון דער שיף האָט דאָס צעקלאַפּטע וואַסער פאָספאָריזירט און איבערגע־לאָזט נאָך דער שיף אַ לאַנגן פּאַס ליכט, ווי אַ שלייער. שלאָפלאָזע, שיכורע נעכט פון שיינקייט און צויבער. יעדעס וואָרט איז איבעריק, איז א גאָט־לעסטערונג.

לאַנגע שעהן זענען מיר, איך און הודזשי האַנאַי, געשטאַ־נען ביי דער בורטע שווייגנדיקע און אומבאַוועגלעכע. דער טאָג איז געווען צו קורץ, די נאַכט איז געווען ווי אַ חלום. דער גרילץ פון דער שיף־סירענע איז געקומען ווי אַן אומאָנגענעמע דערמאָנונג, אַז די שיינקייטן זענען פאַר־גענגלעך. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו שימאָנאָסעקי, וווּ עס קומען אנטקעגן די וואַסערן פונעם קאָרעישן דורכגוס.

פרידלעך האָבן אויסגעזען די צוויי שטעט, וואָס ליגן אויףביידע זייטן ברעגעס — שימאָנאָסעקי און מאָדזשי. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט: די פאַרביקע ברעגעס זענען אַ טריאומף־טויער פאַר די, וואָס לאָזן זיך אויף די ווייטע וואַסערן, דאָ ברייטערט זיך אויס דער ים, און נאָך א שעה — און די מילדע לאַנדשאַפט וועט אַנטרינען אין די אומענדלעכע וואַסערן.

הודזשי האַנאַי האָט געפירט די אויגן איבער דער לאַנדשאַפט. ער האָט עפּעס געזוכט אין פאָרט צווישן דער פאַרביקער מאַסע מענטשן. די קוליס האָבן געשלעפּט משאות. די קראַנען האָבן געקרעכצט און כ׳האָב נישט

געוווסט, צי דאָס קרעכצט דאָס אײַזן, אָדער הודזשי האָנאַי קרעכצט ארויס זײַן געזעגענונג מיט זײַן היימלאַנד.

— עס פאַרשליסט זיך די רינג — זאָגט ער שטיל, ווי פאַר זיך, — עס פארשליסט זיך די רינג. איך פיל דעם ווייטיק פון אָפּגעריסן ווערן פון מײַן היימלאַנד. צוזאמען מיט מײַן לאַנד צעשייד איך זיך מיט דער וועלט פון פאַלשקייט, צביעות און אויסזיכטלאָזיקייט. איך גיי צוריק צו די שטילע געטער. וואָרום ווי איז מעגלעך צו לעבן אין אַ וועלט, ווו דער העכסטער פונקט פון מענטשלעכע דערגרייכונגען איז רויב און מאָרד, ווו דער העכסטער פלי פון מענטשלעכן גייסט איז זעלבסטפארניכטונג און פאַרלייקענונג פונעם מענטש. זע די ווייכע און ליבלעכע ברעגעס; וויפל דאָס פייער פון וווּלקאַנען זאָל זיי נישט האָבן צעטרייסלט — בלייבן זיי דאָך תמיד מילד, תמיד גרייט צו זײַן אַ היים. אָבער איבער זיי...

ער האָט געווענדעט זײַן בליק אויף צפון־מערב, אין דער ריכטונג צו קאָרעאַ. איך האָב נאָכגעפאָלגט זײַן בליק און דערזען אויף די ברייטע וואַסערן די גרויע, שווערע גופים פון זיבן קריגס־שיפן. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט מיט די נעז אויף מערב און די האַרמאַטן־לופעס געווענדעט אין דער הויך, ווי ריזיקע טעלעסקאָפּן. צווישן די מאַטראָזן אויף אונזער שיף איז געוואָרן לעבעדיק. אויף דעם מאַסטבוים פון אונזער שיף האָט מען ארויפגעצויגן באַג־ריסונגס־פענדלעך און די אָפיצירן האָבן סאַלוטירט. די שיף איז מיט אַ גרויסן בויגן פאַרבײַגעשווימען די שטאָלענע באַוועגלעכע פעסטונגען. די כוואַליעס האָבן זיך צעשניטן אויף דער נאָז פון דער קאַמף־שיף „נאַגאַטאַ”, צוויי קאַמף־קרייצערס „האַרונאַ” און „קאָנגאָ” האָבן זיך ווויליונגעריש געוויגט אויף די זייטן. פון הינטן האָט זיך פאַרויסגעשטופּט

אַ צווייטע קאַמף־שיף — „מוטסו״, און דריי צעשטערער, לייכטע און באַוועגלעכע, האָבן אַרומגעקרייזט די פיר ריזן, ווי זיי אָפּגעהיט פאַר אַן עין־הרע.*)

און אַז מיר זענען פאַרבייגעפאָרן די קריגס־שיפן און הימל און ערד און וואַסער זענען געוואָרן איינס, האָט הודזשי האַנאַי אַ באַרואיקטער געזאָגט:

— סימבאָלן זענען כולל אין זיך די ווירקלעכקייט. דער לעצטער סימבאָל, וואָס איז פאַרשוווּנדן אויפן האָרי־זאָנט, וועט דיר מער זאָגן פאַרוואָס איך גיי אַוועק פון דער רעאַלער וועלט, ווי עס וואָלטן דיר געזאָגט דריי טעג ווערטער. איך באַדויער בלויז, וואָס פאַר דיר, אַ גאַסט, וועט דאָס לעצטע בילד פון יאַפּאַן אויף אייביק בלייבן די לופע פון אַ האַרמאַט. עס טוט וויי. אָבער מיין איינציקע טרייסט איז די, אַז אויף אַלע וואַסערן פון דער וועלט — וועסטו איצט באַגעגענען דאָס זעלבע בילד. אין קיין שום פּאָרט וועט דיר נישט אַנטקעגן קומען גאָרנישט, וואָס האָט צו טאָן מיט גייסט, מיט גלויבן... אַך, ווען דו, אין דיין עלטער, זאָלסט קענען איבערנעמען מיין דער־פאַרונג, וואָלסטו צוזאַמען מיט מיר אוועק אויף דעם קליי־נעם ווייניקבאַוווינטן אינדזל סאַיסו — און זיך אָפּגעבן צו דער גרויסער חכמה פון די אַלטע כינעזישע פילאָזאָפן און די אַלטע אויסגעפּרוווטע געטער...

הודזשי האַנאַי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דעם זאַץ, ווי אַ קליינער מאַטראָז איז פאַרבייגעלאָפן און אויסגערופן אויף יאַפּאַניש, מען זאָל פאַרמאַכן דאָס פענצטער פון דער קאַיוטע.

* די דאָזיקע שיפן זענען שפּעטער פאַרניכטעט געוואָרן אין דער מלחמה מיטן אַמעריקאַנער פלאָט.

אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן איז אַנגעשוואומען פון מערב און געגאַנגען אַנטקעגן דער זון. דער ים האָט פּלוצים איבערגעריסן זיין רו און זיך ביסלעכווייז צעקאָכט מיט קליינע כוואַליעס. די כוואַליעס האָבן זיך אָנגעשטויסן איינע אין דער אַנדערער. אויסגעוואַקסן אין ווענט און די ערשטע מאַסע צעברויזטע וואַסער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער שיף. די שיף האָט זיך אויסגעבויגן אויף אַ זייט, באַלד צו זיך געקומען און שוין ליגט זי אויף דער צווייטער זייט. פון הימל האָט אַ פלייץ געטאָן אַ צעוואָ־סערטער וואָלקן. אונטן, אין בויך פון דער שיף, האָבן מענטשן און זאַכן אָנגעהויבן אַ משונהדיקן טאַנץ. דאָס וואַסער האָט געקלאַפּט אין די שויבן. מענטשן האָבן זיך געקלאַמערט אין די בעטן. דאָס דרויסן־ליכט, וואָס איז געקומען דורך די קורצע קאָרידאָרן, איז אויסגעמישט מיט וואַסער און בליץ. די שיף וואַרפט זיך, ראַנגלט זיך, דער רודער קרעכצט שווער, שווער, שטעלט זיך אַנטקעגן די כוואַליעס. איצט ווייסט מען שוין נישט, צי די שיף שווימט אויף די כוואַליעס פון ים, צי אויף דעם וואַסער פון הימל. די אויגנלעדלעך ווערן שווער, דאָס גאַנצע לעבן גייט אריין אין איבלדיקייט, די פיס ווערן שווערער. איך באַקום זיך קוים ארויס אויף דער דעק. הודזשי האַנאַי קלאַמערט זיך אין אַ מאַסט־קאַבעל. דער ווינט רייסט אים די קימאָנאָ, צעבלאָזט די פעלערינע. די גרויע האָר זענען פול מיט ווינט און רעגן.

— בלייב אויפן דעק! — שרייט ער צו מיר, — בלייב אויפן דעק! ס׳איז לייכטער! זעסט, סימבאָלן זענען אין זיך כולל די ווירקלעכקייט! זע, ווי אומרואיק ס׳איז די קולטור אויף די צעברויזטע עלעמענטן! זע! —

איך האָב קוים געהערט זיינע געשרייען, הגם איך בין

געשטאַנען האַרט לעבן אים. ער האָט מיך גענומען אונ־טערן אָרעם און צוזאַמען מיט מיר נאָך פעסטער זיך געקלאַמערט אָן די אָנגעשפּאַנטע מאסט־קאַבעלן.

דער שטורעם האָט געדויערט אין דער אומענדלעכקייט אריין. ווער ווייסט ווי לאַנג איך בין געשטאַנען מיט אים אויפן דעק. ווי דורך א נעפּל האָב איך בלויז געזען, ווי אַ מאַטראָז האָט אַרויסגעבראַכט הודזשי האַנאַיס רענצל. מען האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק־לייטער פון דער שיף. הודזשי האַנאַי האָט מיר אַריינגעשריגן אין אויער, אז אַ שיפל איז צוגעקומען אַראָפּנעמען אים אויפן אינדזל סאַיסיו און אז איך זאָל פאָרן מיט אים. איך האָב זיך ווייטער געקלאַמערט אין דער לינע. דער אלטער יאַפּאַנער האָט מיך געטרייסלט:

— זיי געזונט, פריינד, געדענק, אז יאַפּאַן איז נישט ערגער און נישט בעסער, ווי אלע מלוכות אויף דער וועלט. קום מיט מיר! קום!

— איך האָב ליב די וועלט, זי איז דאָך נישט אזוי שלעכט, ווי דו מיינסט! — שריי איך אויס מיט אלע כוחות.

— ניין! ניין! דו וועסט זיך אנטוישן! דו וועסט זיך..

מער האָב איך נישט געהערט. איך האָב נאָר געזען, ווי אַ שוואַרצער פלעק, הודזשי האַנאַי, איז אַריבערגע־קראָכן די בורטע און מיט צוויי מינוט שפּעטער האָט זיך אַ קליינער פּונקט — דאָס שיפל — געראַנגלט מיט די צעווילדעוועטע כוואַליעס...

הודזשי האַנאַי איז געשוואומען צו די געטער אויף דעם אינזל סאַיסיו, צו געפינען באַרואיקונג אין זייערע שאָטנס.

די שטאָט פון נויט און פאַרברעכנס

האָט איר שוין אַמאָל געהערט וועגן אַ וועלכער עס איז געשעעניש אויפן ווייטן מזרח, עס זאָל דערביי נישט אַרויסשווימען שאַנכאַי? ווען איז שאַנכאַי נישט אַקטועל?

פרעגט דעם קולי פון טאָל יאַנגטסע־קיאַנג, פרעגט די פערציק מיליאָנען כינעזער פון דער יאַנגטסע־דעלטאַ און זיי וועלן אייך ענטפערן, אַז שוין הונדערט יאָר, ווי שאַנכאַי איז „אַקטועל" אין זייער בלוט, שוין הונדערט יאָר, ווי די שטאָט זויגט זייער שווייס, און די נויט און דער עלנט ווערט וואָס אַמאָל „אַקטועלער", שאַרפער, אומדערטרעגלעכער.

וויפל האָט מען שוין געשריבן וועגן שאַנכאַי? שרייבער פון בולוואַר־ראָמאַנען זעען דאָרט בלויז שיכרות און זנות; פאַר אַוואַנטוריסטן איז עס די שטאָט פון פאַרברעכן און גאָלד; צייטונגס־רעפּאָרטערן זעען דאָרט בלויז פּאָליטישע אינטריגעס און שפּיאָנאַזש; נאַרקאָטיקער טרוימען וועגן שאַנכאַי, דער שטאָט פון אָפּיום און קאָקאַין, און דער גאָטספאָרכטיקער מיסיאָנער זעט דאָרט אַ פּרנסה־קוואַל אויף זיין גאַנץ לעבן...

אַ לעקציע געאָגראַפיע...

אין די מילד־און האָניק־פליסנדיקע ריזיקע כינעזישע ברעגעס, אָנהייבנדיק פון צפונדיקן טיען־סין איבערן דרומדיקן האָנג־קאָנג, צו די מזרח־ברעגעס פון אינדאָ־כינע, האָבן זיך פון קדמונים אָן איינגעזויגן פיל פרעמדע מלוכות.

אין דער פּראָווינץ קיאַנגסו, אויפן לינקן ברעג פון טייך
וואַנגפּו, דרייצן מייל פון זיין צונויפקום מיטן טייך יאַנג־
טסע־קיאַנג, ליגט אַ זויג־פּונקט, אין וועלכן עס האָבן זיך
איינגעביסן אַ סך פרעמדע מלוכות מיטאַמאָל. אָט דער זויג־
פּונקט איז געוואָרן אַ מין אינטערנאַציאָנאַלע ברוסט פאַר די
אויסגעקעכלטע קינדער פון אונזער וועלט. איר נאָמען
איז: ש אַ נ כ אַ י.

און נישט אומזיסט: די אַרומיקע שטחים באַשטייען פון
ריזיקע פּרוכטבאַרע פּליינען, וואָס זענען פון אוראַלטע
צייטן באַקאַנט ווי דער „גאָרטן פון כינע”. אומאָפּשאַצבאַרע
רייכטימער וואַקסן אויף די פעלדער פון דער יאַנגטסע־
דעלטאַ. אַהער לויפט אויך אַן דער ריזיקער גאָלד־טריפנ־
דיקער טאָל פון טייך יאַנגטסע־קיאַנג. איז שאַנכאַי, פון אַן
אומבאַקאַנטן אַנקער־פּונקט פאַר כינעזישע שיפן, אויסגע־
וואָקסן צו אַ מעטראָפּאָליע אויפן ווייטן מזרח; עס איז
געוואָרן אַ קאָכעדיקער פיר־מיליאָניקער צענטער, וואָס
נעמט־אַרום אַן עקספּלואַטאַציע־ספערע פון 750.000 קוואַד־
ראַט מייל מיט אַ העלפט פון דער גאַנצער כ י נ ע ז י ש ע ר
באַפעלקערונג. שאַנכאַי האָט איינגעשפּאַנט אין יאָר נישט
ווייניקער ווי 40.000.000 מענטשן, וועלכע באַוווינען די
יאַנגטסע־קיאַנג־דעלטאַ, און זענען היינט בלוטיק אָפּהענ־
גיק פון אָט דעם צענטער.

אימפּעריאַליסטישע מלוכות האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַמ־
בעסטן וועט דאָ מאַכן דער, וואָס וועט זיך אַריינקלייבן
אַהער מיטן גאַנצן מלוכהשן קלאַפּערגעצייג. אין 1849 האָט
פראַנקרייך געגרינדעט דאָ אַן אייגענע קאָנצעסיע, וואָס
איז ביז היינט אַ באַזונדערע אַדמיניסטראַטיוו־פּאָליטישע
קערפּערשאַפט. ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן דאָ פאַרלייגט

קאָנצעסיעס און זיי שפּעטער פּאַראייניקט אין אַן אַלגע־מיינער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצעסיע. ביים אָנהייב פון איצטיקן רויב־צוג קעגן כינע, האָט יאַפּאַן מיט פייער און שווערד פאַרכאַפּט אַ שטיק שאַנכאַי און עס דערקלערט פאַר יאַפּאַנישער ערד. הערשן איבער שאַנכאַי פיר מלו־כות מיט באַזונדערע געריכטן, פּאָליציי, צאָל־אַמטן און אַנ־דערע מלוכהשע אינסטיטוציעס, בעת דער פּאַקטישער באַ־לעבאָס, דאָס כינעזישע פּאָלק, איז רעכטלאָז און ווערט אויסגעזויגן און פאַרפייניקט.

ווּעלכער באַרבאַר האָט עס אויסגעטראַכט דעם שקר, וואָס מען לערנט די קינדער אין די שולן, אַז שקלאַפעריי איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט? אָ, ניין, מען האָט נאָר אָפּגע־שאַפט די פרייז־ווערט פונעם שקלאַף. „וואָס מען קריגט אומזיסט, פאַר דעם דאַרף מען נישט צאָלן!” — דאָס איז געוואָרן דער נייער אייראָפּעישער דעוויז לגבי שקלאַפן־האַנדל. און היינט ווערט דער קולי שוין מער נישט גע־פרייזט אויפן מאַרק. היינט, ווען מען דערשיסט אַ כינעזער אויף די גאַסן פון שאַנכאַי, ווײנט קיינער נישט איבער דעם היזק, ווייל קיינער האָט פאַר אים נישט באַצאָלט... ערגעץ בלויז, אין אַ קליינעם כינעזישן דאָרף אויף די ברעגעס פון וואַנגפו, וועט ווײנען אַ פרוי, וואָס איר טעי־טשו קערט זיך נישט אום צוריק פון שאַנג־האַי...

אָבער דאָס געהערט שוין נישט צו געאָגראַפיע.

דורך שאַנכאַי שניידט זיך דורך אַ וועג דער שמאָלער טייך סוטשאָו, וואָס פאַלט־אַריין אין וואַנגפו. אויף דער צפון־זייט פון דעם טייך ליגט טשאַפּעי, דאָס שטאָט־פערטל, וואָס די יאַפּאַנער האָבן פאַרכאַפּט און עס אַרונטערגענומען אונטער דער קרוין פון מיקאַדאָ.

קומט מיט מיר צו דער גאָרטן־בריק אויפן טייך סוטשאָו.

אויף דער בריק איז די גרענעץ צווישן יאַפּאַן און אייראָ־פּע. ביי דעם ערשטןביידל שטייט די יאַפּאַנישע וואַך: אַ קליינער זעלנער מיט אַ גרויסער ביקס. ער שטייט אָנגעבלאָזן און פּראָוואָצירנדיק. וואָלסט זאָגן, ער קאָפּירט שלעכט אַ היטלעריסטישן שטורמיסט. אַ דריי מעטער פון אים שטייט די אַמעריקאַנער וואַך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנ־צעסיע — אַ גרויסער זעלנער מיט אַ קליינער ביקס. ער שטייט וווילויגעריש־אַפּגעלאָזן, זעלבסטזיכער, מיט אַ שטאָ־לענעם העלם אַביסל אויף אַ זייט, ווי גאָרנישט וואָלט אים געדראָט. וואָלסט זאָגן, עס שטייט דאָ די דעמאָקראַטיע גופא.

יעדער פאַרבייגייענדיקער כינעזער מוז אַראָפּנעמען דאָס היטל און זיך טיף פאַרנייגן פאַר דער יאַפּאַנישער וואַך.

הונדערטער, טויזנטער, צענדליקער און הונדערטער טוי־זנטער, מיליאָנען כינעזער פון אַלע קלאַסן און שטאַנדן, פרויען און קינדער און זקנים, יעדער, וואָס טראָגט דעם נאָמען כינעזער, און גייט פאַרביי די גאָרטן־בריק, מוז אַראָפּנעמען דאָס היטל און זיך בוקן ביז צו דער ערד פאַר דעם קליינעם זעלנער, פאַר דעם סימבאָל פונעם יאַפּאַנישן אָקופּאַנט אין כינע.

און נישט נאָר מען נעמט אַראָפּ דאָס היטל, און נישט נאָר מען בוקט זיך, נאָר יעדער קוקט אַריין דעם יאַפּאַנישן זעלנער אין די אויגן, צו ווייזן אים: אָט, נאַ, זע, ווי איך נעם אַראָפּ דאָס היטל און בוק זיך פאַר דיר און טויט מיך נישט...

וואָרום קוק: עס גייט אַ פאַרטראַכטער כינעזער. ווער ווייסט וויפל טויטן דער מענטש טראָגט אין זיין זכרון; ווער ווייסט וויפל אומגליקן עס האָבן זיך איבער אים אויס־געגאָסן און ווי טיף ער ליידט. ער האָט זיך פאַרטראַכט

און פֿאַרגעסן, אַז ער גייט פֿאַרביי די יאַפּאַנישע וואָך. דאָס קליינע זעלנערל שפּרינגט־אויף און לאָזט־אַראָפּ די שווערע ביקס איבערן קאָפּ פֿונעם כינעזער. ווען דער מענטש ליגט שוין אַ צעבלוטיקטער אויף דער ערד, טרעט אים דער זעלנער מיט די פֿיס, קאָפּעט אים אין בויך, אין פּנים און קוקט אויס מיט צעיושעטע אויגן, צי עמיצער פֿון די פֿאַרבייגייענדיקע כינעזער נוצט דערווייל נישט אויס די געלעגנהייט צו „בונטעווען" זיך און נישט אַראָפּצונעמען דאָס היטל.

און אָט גייט־אָן אַ בלינדער כינעזער, ער טאַפּט מיטן שטעקן די ערד און ווייסט, אַז דאָ דאַרף ער זיך בוקן; אָבער ער פֿילט נישט אָפּ דאָס געהעריקע אָרט און נעמט אַראָפּ דאָס היטל פֿאַרן אַמעריקאַנער זעלנער. דער אַמעריקאַנער שמייכלט, ער האָט זין פֿאַר הומאָר. קוקט ער מיט איין אויג פֿון אונטער דעם שטאָלענעם העלם, וואָס דאָ וועט ווייטער געשען: דער בלינדער גייט פֿאַרביי דעם יאַפּאַנישן זעלנער מיט אַ געפֿיל, אַז ער האָט אים שוין לאַנג הינטער זיך. אָבער פּלוצים שפּרינגט־אויף דאָס זעלנערל, לאָזט אַראָפּ די ביקס איבערן בלינדנס קאָפּ; די ערד איז רויט פֿון בלוט, דער בלינדער ליגט אויף דער ערד און וויינט אַזוי קאָמיש אונטער די קלעפּ פֿון יאַפּאַנישן זעלנערישן שוך. דער אַמעריקאַנער וואַך־זעלנער, וואָס שטייט אַזוי ווילינגעריש־אָפּגעלאָזן מיט דעם שטאָלענעם העלם אַביסל אויף אַ זייט, דרייט איבער די קיי־גומי אין מויל און שמייכלט שעלמיש אונטערן שטערן:

— אָ־קעי !...

— אָ־קעי —

אָבער לאָמיר אַראָפּגיין פֿון דער גאַרטנבריק. צו שטיין צווישן דעם יאַפּאַנער און דעם אַמעריקאַנער דאַרף מען

האָבן ברייטע פלייצעס, און עס איז נישט פאַר די כוחות פון אַ ייד אַ פּליט מיט אַ פּאַספּאָרט פון אַ שטאַטלאָזן אין קעשענע...

אויף דער צווייטער זייט פון דער בריק איז אַביסל זי־כערער. מען געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצעסיע. ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן, האָסטו צו טאָן מיט איין מאַכט, און גלייכצייטיק געפינסטו זיך אויפן אַזויגערופענעם „בענד".

דער „בענד" — דאָס איז דער שאַנכאַיער מוח פון גאָלד. עס איז אַ לאַנגע גאַס פון אינטערנאַציאָנאַלע בענק, קאָנ־צערנען, טרעסטן און וועלט־פירמעס. אַהער דערגייט בלויז דאָס דורכגעזיפּטע, געלייטערטע גאָלד, וואָס מען באַקומט אַרויס אויף אַן „אַלכעמישן אופן" פונעם כינעזישן בלוט און שווייס.

אין דער אויסערלעכקייט פון די בנינים זוך נישט קיין איינהייטלעכקייט פון סטיל, קיין מאָדערניזם אין דער אַר־כיטעקטור. דאָ הערשט דער קאַפּריז פון דעם גאָלד־מאַגנאַט און יעדער האָט געצילט אַרויסצושטעלן אין גאַס דעם גע־שמאַק און אָפּטמאָל די געשמאַקלאָזיקייט פון זיין היימ־לאַנד. בלויז איין „פּרט" פאַרבינדט זיי אַ בשותפותדי־קער, איינהייטלעכער סטיל, אַ סטיל דערפירט צו דער העכסטער מדרגה פון מאָדערניזם, צו דער סאַמע לעצטער טעכנישער אַנטוויקלונג — עקספּלואַטאַציע.

ריזיקע טעקסטיל־קאָנצערנען, וואָס שינדן די הויט פונעם כינעזער, כדי אים אָנצוטאָן אַ פּאָר הויזן. גרוי־סע רייז־און טיי־טרעסטן, וואָס זאַמלען צונויף אין זייערע שפּייכלערס מיליאָנען טאָנען סחורה, בעת מיליאָנען מענטשן גייען־אויס פון הונגער; דאָ האָבן זיך אינסטאַלירט די איינ־

פלוסרייכסטע און מעכטיקסטע באַנק־קאָנצערנען, אָפּיום־און קאָקאַין־עקספּעדיציעס, דיקטאַטאָרן־מעקלערס, סחורה־און גאָלד־בערזעס, וואָס דיקטירן אַ האַלבער וועלט די פּרייזן פון מענטשלעכער אַרבעט — אַלע האָבן זיך באַזעצט אויפן „בענד״, אויפן סאַמע ברעג פון טייך וואַנגפּו, אַזוי סימ־באָליש, ווי אָט מיט דעם טייך וואָלט אַריינגעפּלאָסן דאָס גאָלד פון כינע דירעקט אין די קאַסעס פון די בענק און קאָנצערנען.

און יעדע באַנק און יעדער טרעסט איז אַ מלוכה פאַר זיך, מיט אייגענע איינפלוס־און עקספּלאָאַטאַציע־ספערן, מיט אַן אייגענער פּאָליציי, דעטעקטיוון און אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס.

אָנגעטאָן אין אַ העלן רעגנמאַנטל מיט אַן אָפּגעלאָזן אויפגעשטעלטן קאָלנער און מיט אַ ליסאָפּעד־היטל אַביסל אויף אַ זייט און אַ קאַפּעטשקע אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן — בין איך איינמאָל אריין אין איינער פון די גרעסטע בענק אין שאַנכײַ. ווייזט אויס, אַז איך האָב אויסגעזען גענוג שערלאָק־האָלמיש אין מיינע מלבושים, וואָרום תיכף האָב איך דערפילט אַרום זיך אַ צענדליק אויגן. מיין פריינט, וואָס איז מיט מיר מיטגעגאַנגען, האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר זענען ארומגעשטעלט דורך אַגענטן און אַז עפּעס „סענסאַציאָנעלעס״ קען דאָ אַרויס־שפּרינגען. איך בין תיכף אריין אין דער ראַל און נאָך מער אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן. און מיר זענען געגאַנגען דרייסט פאָרויס, פון איין זאַל אין צווייטן און גע־שלעפּט נאָך זיך אַ מחנה אַגענטן אין מונדירן און אין ציי־ווילע מלבושים, מיט גומי־שטעקנס אין די הענט און מיט געווער אין די טאַשן. עס איז געווען אַ וויסטע סוויטע פון

באַוואָפנטע לצים, וואָס קיין שום מאָדערנער דיקטאַטאָר וואָלט זיך נישט געוווּנטשן קיין בעסערע.

ווען מיר זענען אַריין אין לעצטן זאַל, צו דער צענטראַלער קאַסע, האָט מיר מיין פריינד אָנגעזאָגט די וויסטע בשורה, אַז מען האָט פאַרמאַכט הינטער אונז די טירן. חברה־לייט האָבן שוין אָנגעהויבן רייבן זיך אין מיינע אַרבל. די שפּיל האָט אָנגעהויבן ווערן געפערלעך. דעמאָלט האָב איך אויס־געטאָן דאָס היטל, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָלנער פון מיין רעגנמאַנטל און מעשה מבין אַרומגעקוקט זיך איבער די ווענט און סופיט, ווי איך וואָלט באַטראַכט די פיינע איינ־ריכטונגען.

— זייער פיין געבויט — זאָג איך הויך אויפן קול אין ענגליש — ס'איז אַ־קעי!

די חברה לאַפּיטוטן האָבן אונז באַגלייט ביז צום אַרויס־גאַנג און ווער ווייסט, צי זיי האָבן צו דער צענטראַלע נישט דערלאַנגט אַ באַריכט, אַז זיי האָבן דעם טאָג אָפּגעהיט די באַנק פון אַן איבערפאַל פון אַ גענגסטער־באַנדע...

שאַנכאַי לעבט כסדר אין דער אַטמאָספער פון איבער־פאַלן, וואָס חזרן זיך איבער יעדן טאָג. דאָ איז מעגלעך, אַז אַ ליאַדע מינוט זאָל ערגעצוווּ אינמיטן טאָג פאָרקומען אַ מאַסן־רויב־אָנפאַל, אָדער אַ פּאָליטישער אַטענטאַט. קיין שום שטאָט אין דער וועלט, אויסער שאַנכאַי, האָט נישט אַזאַ גרויסע צאָל פּאָליציי און אַגענטן און דעטעקטיוון און כל־המינים אַנדערע „זיכערהייטס־עלעמענטן". און נאָך עפּעס: אין שאַנכאַי זענען אין סאַמע מיט פון דער שטאָט אויף די שענסטע פּלעצער און גאַסן אויסגעבויט בעטאָנענע בונקערס, אָפּוועד־נעסטן קעגן מעגלעכע אויפשטאַנדן. די

שענסטע שטאָט־ווינקלען זענען פֿאַרוואָרפֿן מיט גרייטע דראָט־צוימען און די פּאָליציי איז אין צושטאַנד פֿון פּערמאַ־נענטן אַליאַרם. דער כינעזער ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט: ער איז אַ גאַסט אויפֿן שטח פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצעסיע און יעדע רגע דאַרף ער זיין צוגעגרייט רעווידירט צו ווערן און אָן פּראָטעסט! ווען דער אינדישער פּאָליציאַנט גיט אים מיטן גומי־שטעקן איבערן קאָפּ — טאָר ער נישט לויפֿן, נישט שרייען, נישט פֿאַרטיידיקן זיך. ער דאַרף געדולדיק איבערוואַרטן ביז די קלעפּ וועלן זיך ענדיקן און דעמאָלט רואיק אַוועקגיין, אויב ער האָט נאָר כּוח...

דאָס הייסט זיין לאָיאַל.

כ'האָב געזען אַזאַ סצענע עק „בענד" און נאַנקין־גאַס: אַ כינעזער האָט געשטופּט אַן איבערגעלאָדן האַנטוועגעלע. אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון די זעק און פּעק איז געזעסן אַן על־טערע כינעזישע פֿרוי. אַ לימוזינע האָט אַן אַ סיגנאַל אויסגעמיטן דאָס וועגעלע און דער כינעזער איז מיט אַ ראָד אַרויף אויפֿן לאַמטערן פֿון אויטאָ. קיינעם איז גאָרנישט געשען; אָבער דער פּאָליציאַנט האָט נאָך אַ קורצער „קאָנפֿערענץ" מיט דעם הער אין דער לימוזינע גענומען זיך צום קולי: דער כינעזער האָט, ווייזט אויס, געקענט די פּראָצעדור פֿון אויסווייניק. ווי נאָר דער פּאָליציאַנט האָט אויפֿגעהויבן דעם גומי־שטעקן, האָט זיך דער קולי אַוועק־געלייגט אויף דער ערד, דעם קאָפּ גוט פֿאַרזיכערט צווישן די אָרעמס און אויפֿגענומען די קלעפּ מיט אַזאַ רואיקייט, ווי עס וואָלט געפֿאַלן איבער אים אַ פּשוטער רעגן. דער גוף האָט זיך בלויז נערוועז געוועדט פֿאַר יעדן זעץ דורך אַ לייכטן ציטער, נישט מער. די פֿרוי, וואָס איז געזעסן אויפֿן שפּיץ פֿון די פּעק און זעק, האָט באַהאַלטן די הענט אין די אַרבל און מיט סבלנות געוואַרט ביז די קלעפּ וועלן

זיך ענדיקן. דער פּאַליציאַנט איז לסוף מיד געוואָרן און פֿאַרענדיקט מיט איבערדרייען דאָס וועגעלע. די פֿרוי האָט זיך אַרויסבאַקומען פֿון צווישן די פּעק, געהאָלפֿן אויפֿשטעלן דאָס וועגעלע, אַרויפֿלייגן די זעק און אָן אַ פּראָטעסט איז זי מיטן מאַן אָוועק זייער וועג.

אינערגעץ איז נישט אַזוי שאַרף דער קאָנטראַסט פֿון אָרעם און רייך ווי אויפֿן מזרח. אין שאַנכײַ טרעפֿסטו זיך מיט זיין העכסטן אויסדרוק. איינער, וואָס פֿאַרמאָגט קאָ־לאָסאַלע אוצרות און אַ צווייטער, וואָס פֿאַרמאָגט בוכ־שטעבלעך גאָרנישט.

דער סאַמע שפּלסטער מענטש אין שאַנכײַ איז דער קולי, וואָס שלעפּט די ריקשא (אַ קליין וועגעלע פֿאַר פּאַ־סאַזשירן). איין מענטש זיצט אויפֿן וועגעלע און דער צווייטער שלעפּט אים: אַזאַ דראַסטיש בילד פֿון אונזער וועלט־סדר. דער קולי איז די נידעריקסטע חיה אויף דער וועלט. ער שטייט אַ סך נידעריקער פֿון אַ געוויינטלעך באַלעגאָליש פֿערד.

צווישן די צוואַנציק טויזנט שאַנכײַער קוליס זענען 95 פּראָצענט קראַנק אויף טובערקולאָז. זייער לעבן האָט בכלל נישט קיין ניוואָ. די ווייט גרעסטע מערהייט שלאָפֿט אויף דער גאַס נעבן די ריקשיס און דערנערט זיך מיט דעם אָפּפֿאַל פֿון די באַזאַרן און מיסטקאַסטנס. אַן אייראָפּעער, וואָס שעצט זיין ראַסע, וועט דעם לוין פֿאַר שלעפּן אים, נישט דערלאַנגען דעם קולי אין דער האַנט אַריין, נאָר וואַרפֿט די מטבע אויף דער ערד, ווי פֿאַר אַ הונט.

דער קולי לויפֿט קילאָמעטער־לאַנגע מרחקים, לויפֿט ווי אַ פֿערד, און כאָרכלט מיט די קראַנקע לונגען און די אויגן ברענען און דאָס אָפֿענע מויל מיט די פֿאַרברענטע ליפּן ציט די לופֿט, ווי אַ בלאָז־זאַק. ווען אָט די חיות זאָלן זיך

שטעלן אויף אַלע פיר, וואַלטן זיך אָפּגעפּונען ליגעס פון צער־בעלי־חיימניקעס צו שיצן די פאַרפייניקטע באַשעפענישן, אָבער דעם קולי פעלט אַ סך צו דערגרייכן די מדרגה פון אַ חיה.

זעלטן וועלכער קולי טרעט אַריבער די עלטער פון דרייסיק יאָר. זיי שפּייען־אויס די לונגען אַ סך פריער. די אייראָפּעער האָבן, אמת, באַמערקט די שרעקלעכע טובערקולאָז־מגפה צווישן די קוליס און געוואָלט ליקווידירן די ריקשי אַלס אַ קאָמוניקאַציע־מיטל; זענען די 20.000 קוליס ארויס אין אַ דעמאָנסטראַציע: 20.000 לונגען־קראַנקע מיט זייערע קליינע וועגעלעך האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצעסיע און געפאָדערט פאַר זיך דאָס רעכט אויסצושפּייען די לונגען אויף די שאַנכאַיער גאַסן, ווייל אָן די ריקשיס וועלן זיי שטאַרבן פון הונגער אַ סך פריער, נאָך איידער זיי וועלן פאַרלאָזן די היים פון זייערע עלטערן.

קומט מיט מיר אויף איינער פון די קוועט־גאַסן פון דער עדוואַרד־עוועניו. דאָ האָב איך צופעליק עפּעס געזען אויף אַ סטאַציע פון די ריקשיס: איינער האָט געגעסן פאַרפוילטע באַנאַנעס און אַ צווייטער האָט אים מיט קנאה געקוקט אין מויל אריין. א דריטער איז געזעסן אויף די האָלאָבלעס פון זיין ריקשי, אַרויסגעקליבן פון זיינע צעעפנטע שמאַטעס לייז און זיי אויפגעגעסן; געגעסן די לייז, וואָס האָבן זיך גענערט פון זיין אייגענעם טובער־קולאָזן גוף!

די פראַנצויזישע מאַמזעלס פון „בולוואַר דע דו רעפּובּ־ליקס" לאָזן נישט ארויס די קעץ פון זייערע היימען, כדי זיי שפּעטער נישט צו דאַרפן זוכן אין די מאָגנס פון די קוליס...

און צי האָט איר געהערט, אז טאַקע דאָ נישט ווייט פון „בולוואַר דע דו רעפּובּליקס", צוויי טריט פון דער

פראנצוויזישער קאָנצעסיע, אין כינעזישן שטאָט־פערטל, פאר־
קויפן מאַמעס זייערע קינדער צוליב נויט? מאַמעס ברענגען
ארויס אויפן מאַרק זייערע אויסגעהונגערטע קינדער און
באטן זיי אָן צו צופעליקע מענטשן: ביליק, שפּאָט ביליק!
קויפט דאָס קינד. זייער א פריילעך קינד!

אָבער נישט אַלע אָנגעבאָטענע קינדער האָבן דאָס גליק
פארקויפט צו ווערן. אין דער מערהייט פאַלן ווערן מאַמעס
מיד און לאָזן איבער די קינדער אויף דער גאס און אליין
קערן זיי זיך צוריק אַהיים אָן אַ קינד און אָן רייז פאַר די
איבעריקע קינדער.

און אָפט טרעפן פאַלן, ווען מאַמעס ווערן צעפרעסן פון
בענקשאַפט. זיי קומען ארויס אויף דער גאַס, וווּ זיי האָבן
איבערגעלאָזט זייערע קינדער, און קלאַפּן זיך קאָפּ אין
וואַנט און פארגייען זיך אין דעם אַזיאַטישן יאָמער פון
בענקשאַפט.

און אָפט טרעפן פאַלן, ווען אויף די קני פון דער
מאַמען שטאַרבט פון הונגער דאָס קינד, וואָס האָט געזאָלט
פארקויפט ווערן.

און אָפט טרעפט איר אין די כינעזישע געסלעך קינדער,
וועלכע געהערן צו קיינעם נישט: זיי ווייסן אפילו נישט,
אַז זיי זענען אַמאָל אונטערגעוואָרפן געוואָרן, אַז זיי האָבן
אַמאָל אַ מאַמען אָדער אַ טאַטן געהאַט. פאר מיליאָנען כינע־
זער איז די גאַס די נאַטירלעכע היים און דער מיסטקאַסטן —
דער נאַטירלעכער שפּייז־קאַמער; מיינען אָט די קינדער,
אַז אַלע מענטשן לעבן אזוי ווי זיי, און אז אלע מענטשן
זענען אזוי עלנט ווי זיי.

דער גאט פון נויט האָט זיין רעזידענץ אין שאַנכאַי.

נו, אז מיר רעדן שוין וועגן נויט און וועגן גאָט, מוז
מען שוין רעדן אויך וועגן יידן. צוליב דעם וועלן מיר אויף

אַ ווייל צוריקקערן אין דער יאַפּאַנישער קאָנצעסיע. אין מזרח־טייל פון טשאַפּעי האָבן זיך באַזעצט העכער זעקס טויזנט דייטשע יידן — פּליטים, וועלכע זענען במשך פון אַ קורצער צייט אַראָפּגעזעצט געוואָרן צו דער מדרגה פון קוליס.

אין משך פון מיין צוויי־יעריקער פּליטים־„קאַריערע" און פּליטים־וואַנדערונג איבער דער וועלט, האָב איך געזען פאַרשידענע מדרגות פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, פון נויט, פון יאוש און רעזיגנאַציע, אָבער דאָס לעבן פון די דייטשע פּליטים אין שאַנכאַי שטייגט אריבער יעדע פאָר־שטעלונג פון גרויל.

דאָ, אין שאַנכאַי, האָבן זיך די פּליטים באַזעצט אין די חורבות פון די הייזער, וואָס זענען דורך די יאַפּאַנער באָמ־באַרדירט געוואָרן אין אָנהייב פון זייער קאַמפּאַניע קעגן כינע. איבער די הוילע צעריסענע פענצטער־עפענונגען, צונויפגעטשעפּעט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און זיך געשאַפן די אילוזיע פון היימען. אַ גאַנצער באַצירק אין דער ריזיקער יאַפּאַנישער קאָנצעסיע איז אַזוי אַרום געוואָרן יידיש *). גייסט אין די שמאָלע געסלעך און דו האָסט אויף אַ מינוט דעם איינדרוק, אַז דו געפינסט זיך אין אַ געטאָ פון אַ מיטלאַלטערלעכער שטאָט ערגעץ אין מערב־אייראָפּע. גרויליק איז דאָס לעבן פון די יידן. אריינגעוואָרפן אין אָט דעם שטאָט־פערטל קאָכן זיי זיך אינעם אייגענעם זאַפט פון זייער אייגענער נויט און ווערן דורכגעפרעסן דורך אַזאַ מין געזעלשאַפטלעכער דעמאָראַליזאַציע, צו וועלכער בלויז נויט און אויסזיכטלאָזיקייט קאָן דערפירן.

*) דער באַצירק איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך די יאַפּאַנער אין אַ געטאָ פאַר אַלע יידן אין שאַנכאַי.

ארויסגעריסן פון לעבן און עטלעכע יאָר אָן באַשעפטי־
קונג, האָט יעדער פאַרלוירן זיין פּראָפעסיע, זיין געביט
און די לוסט ווידעראַמאָל אָנצוהייבן אויפסניי. פון געזונטע
מענטשן איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מחנה פארביטערטע
בעטלער, וואָס פאַראַכטן יעדן נאָרמאַל־איינגעאָרדנטן מענטש
און אַלץ ארום זיך.

דרייען זיך ארום טויזנטער מענטשן מוטלאָזע, אָפּגע־
ריסענע: מען טראַכט בלויז וועגן דעם, וויפל צייט ס׳איז
שוין אַוועק זינט די קיך האָט אַרויסגעגעבן עסן און וויפל
שעה ס׳זענען נאָך געבליבן צו דער צווייטער זופּ. טעג־
לאַנגע קריגערייען און סקאַנדאַלן ברעכן אויס אויפן באָדן
צי דער האָט געקריגן אַ בעסערע פּאָרציע און אַ צווייטער —
אַן ערגערע פּאָרציע זופּ.

דער צענטראַלער פּליטים־הויף זעט־אויס ווי אַ ריזיקער
הקדש. דאָ קאָנצענטרירן זיך די קיך, שפּיטאָל, לייען־זאַל,
וועשעריי און אנדערע אינסטיטוציעס. דאָ לעבן זיך אויס
די מענטשן אויך געזעלשאַפטלעך: מען קריגט זיך, מען
רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ, מען האַנדלט מיט כל־המינים
חפצים אָן אַ שום ווערט, אַבי דער האַנדל זאָל גיין, אבי צו
שאַפן זיך די אילוזיע, אז עפּעס ווערט געטאָן.

ווערסט שוין דאָ נישט דערקענען, ווער ס׳איז אין דער
היים געווען אן אינטעליגענט און ווער — אַ שלעפּער,
און ווער — אַן אַרבעטער; אַלע האָבן איין אויסזען:
בעטלער.

די מער געזונטערע, פעסטערע כאַראַקטערן האָבן אין
זייערע נאָרעס געפּרוווט איינאָרדנען וואַרשטאַטלעך, פאַב־
ריקלעך, „ווינער קאַפעען" מיט צוויי צעבראָכענע טישלעך,
און אַנדערע פּרנסות.

ביים טויער פון פּליטים־הויף האָט אַ יונגערמאַן פאַר־

לייגט א באוועגלעכע ליי־ביבליאָטעק אויף אַ וועגעלע. ווייזט אויס, געווען א ביבליאָטעקאַר אין דער היים. האָט ער פאַר די עטלעכע צענדליק דייטשע ביכער איינגעאָרדנט קאַטאַלאָגן און רייסטערס און קאַרטאָטעקעס, ווי פאַר אַ גרויסער קאָמ־פּליצירטער ביבליאָטעק מיט לכל־הפּחות א הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. אַז איר לייט ביי אים אַ בוך, ווערט איר אזוי פיל מאָל רעגיסטרירט און איר באַקומט אזעלכע געהיימע קאָמפּליצירטע ציפערן, וואָס איז אוממעגלעך פאַר אַ פּשוטן לייענער צו געדענקען.

מענטשן ווילן זיך אויסלעבן אין אילוזיעס!

אַ טייל פון דער געבילדעטער אינטעליגענץ האָט זיך ארויסבאַקומען פון זומפּ און אפילו אוועק ווייט. אוואנטור־ריסטישע נשמות האָבן אין שאַנכאַי געפונען אַ דאַנקבאַרן באָדן און צו דער פאַרברעכערישקייט פון דער שטאָט צוגעג־געבן אויך זייער צושטייער. די מאַסע אַלס גאַנצע איז פאַרבליבן אָן אויסוועג, וועגעטירט און גייט אונטער.

פיר דייטשע צייטונגען געבן די יידן ארויס; דריי וועכנטלעכע און איין גרויסע טעגלעכע. זיי לעבן זיך אויס אין דער שפּראַך. די שילדן אויף פּריוואַטע אונטערנעמונגען, ווי אָפיציעלע אינסטיטוציעס — זענען אויף דייטש. אַלץ צוזאַמען: אַ שוידערלעכע גייסטיקע און עקאָנאָמישע טראַ־געדיע.

„מען זאָגט”, אַז די דייטשע פּליטים אין שאַנכאַי ווערן פאַרזאָרגט דורך סאַסונען, דעם גרויסן יידישן גביר אין אזיע. אָבער אז מען רעדט מיט די פּליטים, ענטפערן זיי, אז, אמת, סאַסון זאָרגט פאַר פּליטים, אָבער נאָר פאַר די, וועלכע זענען געבליבן אין אינדיע. זענען זיי מקנא זייערע שאַנכאַיער ברידער, ווייל יענע ווערן אויסגעהאַלטן פון סאַסונען דעם מיליאָרדער...

מיט איין וואָרט: סאַסון האָט פּובליסיטי און די שאַנ־כאַיער יידישע פּליטים גייען אונטער. זיי וועלן אונטערגיין, אויב זיי וועלן זיך נישט אַרויסבאַקומען אויף דער ברייטער וועלט, אין לענדער, וועלכע קאָנען אויפנעמען אַן עמיגראַציע, ווי אויסטראַליע, אַמעריקע און ד. גל.

דאָ אין שאַנכאַי, ווי איבעריקנס אין גאַנץ אַזיע, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר זיי. ווי לופט־מענטשן האָבן זיי נישט קיין קאַפּיטאַלן און ווי פיזישע אַרבעטער זענען זיי אַבסאָלוט ווערטלאָז, ווייל אין שאַנכאַי פּרייזט זיך נישט די מענטשלעכע אַרבעט.

אין דער פּראָדוקציע־קאַלקולאַציע פאַרנעמט דער אַרבעטס־לוין די לעצטע פּאָזיציע. בדרך־כלל איז נישטאָ קיין לוין, נאָר אַ מין חסד פון צוואַרפן אַביסל עסן און אַ פּאָר סענט. די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען צאָלן פאַר אַרבעט אַזעלכע פּרייזן, אז דער ארבעטער האָט אפילו נישט אויף קיין טעלער רייז אַ טאָג. דעם אינדוסטריעלער גייט אפילו נישט אין אויפהאַלטן די ארבעטס־פעיקייט פונעם אַרבעטער, ווייל פאַרן טויער וואַרטן תמיד אומצייליקע מאַסן כינעזער, וועלכע זענען גרייט צו פאַרטרעטן די, וועלכע גייען־אויס פון הונגער ביי די מאַשינען.

דאָ אין שאַנכאַי קאָן שוין אפילו נישט זיין קיין רייד פון מערוועדט, פון וועלכן עס ווערט רייך דער פאַבריקאַנט. דאָ באַקומט מען די גאַנצע אַרבעט אומזיסט.

נאָכן פאַרנעמען דעם כינעזישן טייל פון שאַנכאַי דורך די יאַפּאַנער, האָבן די אויסלענדישע בענק דעוואַלואירט דעם כינעזישן דאָלאַר און די כינעזישע ווירטשאַפט דערפירט צו אַ חורבן. פון 17 ביז 20 כינעזישע דאָלאַר באַקומט מען פאַר 1 אמעריקאַנער דאָלאַר. דער פּשוטער קולי אין פּאָרט

אָדער אין שטאַט, צי דער געוויינלעכער אינדוסטריעלער ארבעטער, פאַרדינט בערך א האַלבן כינעזישן דאָלאר אַ טאָג אָדער 2 מיט אַ האַלבן אמעריקאַנער סענט.

אָבער מיליאָנען כינעזער טרוימען וועגן פארדינען די 2 מיט אַ האַלבן סענט און זיי בלייבן ביים טרוים.

צי קען דעמאָלט זיין אַ רייד וועגן ארבעט פאר די העכער 6 טויזנט דייטשע יידן אין שאַנכאַי?

אַ קליינע טייל פון די יידישע טעכטער „ראַטעוועט" זיך דורך אַוועקגיין אויף נאַנקין ראָוד.

נאַנקין־ראָוד: דאָס איז דער צעהוליעטער און צעטאַנצטער טייל פון שאַנכאַי. די דאָזיקע גאַס און די שכנותדיקע געסלעך פארמאָגן הונדערטער קאַבאַרעטן, טאַנץ־זאַלן, שפּיל־הייזער און שאַנד־הייזער פון אלע מדרגות. דאָ פאַרווײַלט זיך שאַנכאַי נאָך די צעהושעטע און טומלדיקע טעג, ווער אין לוקסוס־לאָקאַלן און ווער אין רינשטאָקן.

און דאַכט זיך, אין קיין שום שטאָט אין דער וועלט שיכורט מען נישט אזויפיל ווי אין שאַנכאַי. אין ערגעץ איז דער טאַנץ נישט אזא ווילדער, ווי דאָ. די אייראָפּעישע פערווערסיע און אַזיאַטישע ליידנשאַפט האָבן דאָ אָפּגע־האַלטן זייער טריומף.

רוסישע מיידלעך, קינדער פון ווייס־גוואַרדייער און רוסישער מאַגנאַטעריע, זענען פון אַלע פונקטן פונעם ווייטן מזרח געקומען אַהער נאָכדעם, ווי זייערע טאַטעס האָבן אויפגעגעבן דעם חלום צוריקצוקערן אהיים.

כינעזישע מיידלעך, הונגעריקע קינדער, האָבן פאַרלאָזט די היימען פון זייערע עלטערן און זיך דערקייקלט ביז נאַנקין־ראָוד.

אַוואַנטוריסטינס פונעם ווייטן אייראָפּע זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אהער אויף נאַנקין־ראָוד.

און דאָ, אויף דער גאַס, איז נישטאָ קיין צייט אויף טראַכטן. דאָ טאַנצט מען, דאָ שיכורט מען און מענטשן גייען־אויס אין אַזאַ אומענדלעכער עלנטקייט, אין אַזאַ גרענעצלאָזער איינזאַמקייט.

אַן אַלטער רוסישער אַריסטאָקראַט אין יאָקאָהאַמאַ האָט מיך געבעטן — ווען איך וועל זיין אין שאַנכאַי — אויפֿזוכן זיין זון לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס און אים איבערגעבן אַ גרוס פון זיין אַלטן פאָטער.

אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס איז אַ דריטראַנגיקער באַר. דער, וועמען איך האָב געדאַרפט אָפּגעבן דעם גרוס, איז דער אייגנטימער פון באַר.

— פּיאָטר סעמיאָנאָוויטש — שטעלט ער זיך מיר פאָר.

— זדראַסטוווטיע, גאָספּאָדין פּיאָטר סעמיאָנאָוויטש, איך האָב אַ גרוס פון אייער פאָטער אין יאָקאָהאַמאַ.

— איר קומט איצט פון יאָקאָהאַמאַ? יאַפּאַן?

— אפילו פון נאָך ווייטער. פון רוסלאַנד.

פּיאָטר סעמיאָנאָוויטש האָט מיך אַרומגענומען און אַריינגעפירט אין אַ צווייטן האַל, וווּ אַן איינציקער וויאָלאָנטשעליסט האָט סענטימענטאַל געצויגן רוסישע ראָמאַנסן.

— נו, זאָגט מיר, וואָס הערט זיך אין רוסלאַנד אויף אַן אמת?

— שווער צו זאָגן דעם אמת. אַ סך אמתן האָבן זיך ליידער אַרויסגעוויזן פאַר ליגנס און אַ סך ליגנס זענען געוואָרן די ריינסטע אמתן.

— אָבער אַזוי, איר פאַרשטייט מיך, איז עס טאַקע אַ נאָרמאַלע מלוכה? מיט אַלץ מיט אַנאַנדער?

— איך ווייס נישט, וועגן וואָס אייך גייט — זאָג איך אים — אַוודאי, אַ מלוכה מיט אַלע חן־גריבעלעך.

— אָלגאַ! — שרייט ער אריין אין ערשטן צימער — אָלגאַ! דערלאַנג ביר; אַ גאַסט פון רוסלאנד! אָלגאַ, באַקען זיך.

אַ פרוי אין די דרייסיקער, מיט רויט־געפארבטע באַקן און ליפּן, אין אַ זיידן סעלעדין־קליין מיט א טיף אויסגע־שניטענעם דעקאָלט, האָט זי זיך גראַציעז פארנייגט און אַ שמייכל געטאָן צו מיר אזוי ווי מיר וואָלטן זיך געקענט לאַנגע יאָרן.

— דאָס איז מיין שוועסטער. טרינקט. איך בעט אייך, טרינקט. איז עס טאַקע אַזוי ווי מען שמועסט דאָ?

— אַז וואָס?

— נו, אַז רוסלאַנד איז צוריק רוסלאַנד. אַז סטאַלין האָט אויפגעגעבן דעם קאָמוניזם און בויט אַ גרויס־רוסלאַנד. איר פאַרשטייט: מען זאָגט, מען בויט דאָרט דענקמעלער פאַר פעטער דעם גרויסן. אַז מען פאַרהערלעכט צוריק אונזערע נאַציאָנאַלע העלדן, איז עס אמת? מיר זעען דאָ וווּנדערבאַרע רוסישע ביכער: פּושקין, גאָגאָל, טאָלסטאָי! איר פאַרשטייט? אונזער יוגנט וויל פאָרן צוריק. אונזער יוגנט ווערט דאָ פאַרלוירן און דאָרט בויט זיך אונזער רוסיש לאַנד.

עטלעכע שיכורים אין אַ ווינקל האָבן זיך צעלאַכט און צעשריגן. גלעזלעך האָבן אָפּגעקלונגען און עמעצער האָט געוועקט דעם וויאָלאָנטשעליסט, ער זאָל ווייטער שפּילן.

— נו, דערציילט — בעט ער זיך און לאָזט מיר נישט קומען צום וואָרט — דער צאַר איז פאַר אונז נישט וויכטיק. אויב אַלץ איז ווידער רוסיש, דאָס לאַנד, די קולטור און אַלץ צוזאַמען, טאָ שפּיי איך אויף פּריוואַט־אייגנטום, יעי באָגו! מעג סטאַלין זיין דער גאָסודאַר, אויב נאָר פאַר דעם רוסישן לאַנד, פאַר דעם רוסישן פאָלק, פאַר דער ראָדינאַ!

ער האָט מיך איבערגעבעטן און צוזאַמען מיט דער

שוועסטער אַריין אין ערשטן צימער, ווו עס זענען אָנגעקומען פרישע פריילעכע געסט.

נעבן דער עסטראַדע, נישט ווייט פון וויאָלאָנטשעליסט, האָט אַ שיכורער יונגערמאַן געוויינט און מיט איין האַנט דיריגירט פאַרן וויאָלאָנטשעליסט.

ביי אַ צווייט טישל האָבן עטלעכע מיידלעך פאַרווילט אַן עלטערן הער; ער האָט גערעדט צו זיי אַ האַרטן אַמעריקאַנער ענגליש און זיי צו אים — אַ רוסישן, צעווייקטן ענגליש, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט נעבעך נישט פאַרשטאַנען.

פיאָטר סעמיאָנאָוויטש האָט זיך עטלעכע מאָל באַוויזן ביי מיין טישל און אַ פאַרנומענער כסדר צוריקגעקערט צו דער זעלבער טעמע:

— אונזער יוגנט וויל צוריק, רוסלאַנד איז אונזער! מיר וועלן דאָך אהיימקומען!

אָט דאָ אויף נאַנקין־ראָוד פוילט די רוסישע יוגנט און אין איר גסיסה רייסט זי זיך צוריק אהיים און איז גרייט צו פאַרגעסן אַלץ, אַלץ, אַבי ראָדינאַ, מעג אפילו זיין פאָ סאָוויעטסקאָמו...

אין איינעם אַ שפּיל־הויז:

ביי לאַנגע העלבאַלויכטענע טישן זיצן פון איין זייט מיידלעך מיטן קרופּיער*) בראש, און פון דער צווייטער זייט — שפּילער. הויפנס געלט, ווי פּעקלעך אומווערטיק פּאַפּיר, גייען פון האַנט צו האַנט. עס דרייט זיך די רולעטקע, ביינדלעך ווייזן דעם גורל פונעם שפּילער. מיט דעם שטעקן שאַרט־צו צו זיך דער קרופּיער דאָס געלט.

* דער מאַן, וואָס פירט די האַזאַרד־שפּיל.

— נעקסט דאָר! — שרייט־אויס אַ כינעזיש מיידל צו איינעם, וואָס האָט געשטעלט אויף ביינדלעך זיין גאַנץ פאַרמעגן און פאַרשפּילט.

דער מענטש צעקייט דעם פּאַפּיראָס אין מויל און זוכט אומזיסט אין די קעשענעס נאָך עטלעכע דאָלאַר צו פּרוּוון דאָס מזל צום לעצטן מאָל.

דער קרופּיער גיט אים אַרויס צוויי צעטעלעך צום רעסטאָראַן און פאַר אַ טאַקסי. דער מענטש איז אַ געענדיקטער.

אַ יאַפּאַנישער סוחר זיצט אין אַ זייט און שפּילט מישובדיק, דורכגעטראַכט. ער איז זעלבסטזיכער און שפּילט פאַרזיכטיק. ער האָט שוין נעבן זיך אַ גאַנץ פאַרמעגן מיט באַנקנאָטן און נאָך יעדעס מאָל, ווען ער געווינט און דער קרופּיער ווערט בלייך, שענקט ער די מיידלעך ביר־געלט. אָבער אָט שטייט שוין נעבן אים אַ יונג מיידל מיט אַ צאַרט קולכל און עצהט אים גוטווילִיק צו שטעלן אויף דעם נומער און אויף יענעם נומער און אַלע נומערן טרעפן, און ער האָט שוין געכאַפּט די פּרעמיע. איצט איז ער זיכער אין מיידלס עצות און שטעלט אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן. פאַרשפּילט! נו, איין מאָל קאָן זי האָבן אַ טעות, דאָס צאַרטע מיידל. דער יאַפּאַנער שטעלט די צווייטע העלפט פון דעם הויפן געלט, וואָס ליגט נעבן אים, און —

— נעקסט דאָר!

ער זוכט אין די קעשענעס נאָך עטלעכע דאָלאַר, ער רעגט זיך אויף, אָבער קומט שוין מער נישט צו זיך.

דער קרופּיער גיט אים אַרויס צוויי צעטעלעך צום רעסטאָראַן און פאַר אַ טאַקסי. דער מענטש איז אַ געענדיקטער...

דאָ אין די שפּיל־הייזער אויף נאַנקין־ראָוד נעמט מען אָפּטמאָל צו ביי מענטשן אין משך פון שעהן אָדער אפילו געציילטע מינוטן דאָס, אויף וואָס זיי האָבן געאַרבעט צענדליקער יאָרן, אָדער וואָס זיי האָבן דערוואָרבן מיט גרויסער ריזיקע.

אָבער אין איין זאַך איז יעדער שפּילער זיכער: טאָמער וועט ער פאַרשפּילן, באַקומט ער אַן אומזיסטן אָונטברויט און אַן אומזיסטע טאַקסי אהיימצופאָרן.

דאָס איז אויך עפּעס ווערט.

אין רעסטאָראַן פאַר פאַרשפּילטע זיצן מענטשן מאַטע און מידע; די מידקייט פון זייער יאָרנלאַנגער אַרבעט לייגט זיך אויף זיי תיכף נאָכדעם, ווי זיי האָבן פאַרשפּילט זייער פאַרמעגן. אומזיסטע לעבנס געוועזן. איינזאַמקייט און אומעט וועבט זיך אַרום די טישלעך און די שוואַרצע טאַקסיס פאָרן רעסטאָראַן פירן אַוועק די פאַרשפּילטע מענטשן, ווי מתים.

*

אומעט און וויסטער קאָשמאַר הערשט אין די הייזער פאַר אָפּיום־רויכערער.

די אַטמאָספער איז דאָ אַ פאַמילאַרע, ווי אין שטוב פון אבלים. עס דאַכט זיך, אַז די אַלע מענטשן, וואָס קומען אַהער, פאַרברענגען זייער גאַנץ לעבן צוזאַמען, אָבער זיי האָבן זיך שוין נישט מער וואָס צו זאָגן. דערפאַר שווייגן זיי אַזוי פאַרביסן.

אַלע זענען אומענדלעך מיד און צעבראָכן. זיי ברענגען אַרויס פון זיך איינצלנע ווערטער, ווי עס וואָלט דאָ געלעגן אַ חולה־מסוכן. די מענטשן, וואָס ליגן אויף די ווייסע סאָפעס — זיי איז שוין בעסער, זיי זענען שוין אויף דער זייט פון די גליקלעכע לענדער. פריש, יונג לעבן גייט אין

זיי אריין דורך די לאנגע ליולקעס. די אומעטיקע, אויסגע־דאַרטע פּנימער ווערן אָנגעהויכט מיט לעבן און מיט יונגן בלוט. נישטאָ קיין זקנים, קיין אומגליקלעכע מער. אין דעם רויך פון דער אָפּיום־ליולקע ווערן באַשאַפן פרישע וועלטן, עס ווערן מקויים חלומות, טרוים ווערט זיסע „וואָר".

עס קומען אַלטע כינעזער, זקנים און זקנות, כדי דאָ ווידער צו פאַרזוכן דעם טעם פון גליקלעכער יוגנט. עס ליגן צענדליקער מענטשן אויף ווייסע סאָפעס און פיבערן פון גליק. אפשר איז דאָס די וועלט פון ווירקלעכקייט?

אָן אַלטע כינעזערין מיט פאַרקריפּלטע פיס לויטן אלטן כינעזישן שטייגער, נעמט אומגעדולדיק די אָפּיום־ליולקע אין מויל אַריין און אין משך פון צען מינוט איז די פרוי נישט מער צו דערקענען. דו האָסט דעם איינדרוק, אַז אַ יונגע פרוי ליגט אויף דער ווייסער סאָפע אינגאַנצן אַ גליקלעכע, אַ באַרוישטע פון אַלע שיינקייטן פון אונזער וועלט.

און אָט דאָ אין אַ ווינקל ליגט אַ מאַנספּערשוין. אומזיסט וועסטו וועלן דערגיין זיין עלטער. ער איז בלויז יוגנט. ער ליגט אַזוי רואיק, ווי עס וואָלט געשלאָפן אַ קינד. בלויז אין איין ווינקל פון מויל האָט זיך צוזאַמענגענומען אַן אויסדרוק פון אַבסאָלוטער באַפרידיקונג מיט דער וועלט, אין וועלכער ער געפינט זיך איצט.

אָבער ווען די מענטשן שטייען־אויף פון זייער גליק, זענען זיי ווידער צעבראָכן און מיד; אויף זייערע אַקסלען לאָזט זיך אַראָפּ די רעאַלע וועלט, ווי אַ שווערער, בלייענער פאַנצער.

אין די פיל שאַנכאַיער טאַנץ־זאַלן, באַרן און קאַבאַרעטן וועסטו נישט געפינען קיין פרייד. מענטשן פרייען זיך נישט, מענטשן זענען דאָ נישט גליקלעך, הגם אַלע מאַכן

דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען עס יאָ. אין ווילדער שיכרות און אין אויסגעלאַסנקייט וויל יעדער בלויז פאַרגעסן עפּעס, פאַרטויבן זיך און אויספילן דעם אייגענעם פּוסטן תהום.

*

שאַנכאַי איז אַ רויב־צענטער, אַ קאָלאָניאַלער קאָלאָס און קיין שום קולטור־לעבן, ווי עס שטייט־אָן אַ פיר־מיליאָניקער שטאָט, איז דאָ נישט פאַראַן. וואָס עס האָט דאָ אַ שמץ פון קולטור, איז געשענדעט און ווערט דערלאַנגט פאַרן פּובליקום ווי שונד. אַנשטאָט טעאַטער באַקומט זיך דאָ אַ באָרדעל, אַנשטאָט ערנסטער מוזיק — רווישיקער דזשאַז. די מערהייט אייראָפּעער באַשטייען דאָ פון אַ ספּעציעלן מין און מיט קליינע אויסנאַמען פילן זיך דאָ אַלע אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען צייטווייליק; מען ווערט אָנרויבן און אַנטלויפן, הגם מען רויבט און מען אַנטלויפט נישט און מען האָט קינדער און מען פאַרלייגט פרישע משפחות.

דאָס „קולטור־לעבן" גרופּירט זיך דאָ אין קלובן; יעדע גרופּע, יעדער שטאַנד און יעדער צווייג האָט זיין קלוב. און ווען אַ קלוב צעוואַקסט זיך — שפּאַלט ער זיך אויף צוויי, אויף דריי קלובן — פאַר פרישע טענץ, פאַר פרישע קאָרטן־פּאַרטיעס און צייט־פאַרטרייב. דער קלוב איז אַ מער ערנסטע אינסטיטוציע ווי דער באַד אָדער שפּיל־הויז און איז אָנגעזען ביי „היי־לייף".

און וואָס פאַר אַ קלובן האָט איר דאָ נישט? אַ קלוב פון געלע, אַ קלוב פון זעכציק־יעריקע, אַ קלוב פון אפּיקורסים, פון ביבל־ליבהאָבער, פון גאָטס קנעכט, פון לאָנדאָנער ענג־לענדער, פון קאָלאָניאַלע ענגלענדער, פון פראַנצויזן־באַנקירן, פון ציגאַרן־רויכערער, פון וואָס דו ווילסט הערן און געדענקען איז פאַראַן אַ קלוב.

און אומעטום פילט זיך איין באַגער: פאַרטויבן זיך. ביי דער קלענסטער געלעגנהייט מאַכט מען באַנקעטן, מען שיכורט און מען טאַנצט און מען וויל זיין פריילעך.

דאָ פאָדערט זיך נישט קיין גייסטיקע קולטור, קיין ערנסטע ליטעראַטור, קיין קונסט; עס איז די שטאָט פון ביזנעס, שיכרות און אומענדלעכער נויט.

און דאָ, אויף באַנקין־ראָוד, אין דער כלומרשטער פריילעכ־קייט, אין דער צעטאָנצטקייט און אין טומל באַגייען טויזנטער מענטשן פערמאַנענט זעלבסטמאָרד דורך אַ בהדרגהדיקן פאַרסמען זיך מיט אָפּיום, מאָרפיום און אַלקאָהאָל, דורך קאָרטן און זנות. עס איז דער סאַמע משונהדיקסטער אָרגיע־פּלאַץ אויף דער וועלט.

*

און עס גלויבט זיך קוים, אַז נישט ווייט פון דאַנען, סך־הכל אַ פינף־צען מינוט צו פאָרן מיטן אויטאָבוס, געפינען זיך אין דער פראַנצויזישער קאָנצעסיע רואיקע, שטילע געסלעך, וואָס דערמאָנען אין אַ פראַנצויזישער שטאָט, ווו דאָס לעבן פליסט אַזוי רואיק, ווי אַ פרידלעכער טייך.

מאַדאַם קאָלע, צי מאַמזעל באָרדיע, פירט איר הינטעלע אויף שפּאַציר; שמועסט זיך רואיק דורך מיטן קרעמער און מיטן קצב, וואָס מאַדאַם לאָמבערטי האָט געקויפט אויף מיטאָג; ווילביים פּאָסט־טרעגער דערגיין, צו ווען עס זענען היינט אָנגעקומען בריוו און פון וועמען. דער פּאָליציאַנט אין דער קורצער פּעלערינע און אין קיילעכדיקן קאַשקעטל וואָרפט אויך אַריין זיין וואָרט.

— באָנזשור, מסיע, וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה?

— באָנזשור, מאַדאַם, זיי שלאָגן זיך דאָרט. ערגער איז,

וואָס מעסיע פערסי האָט זיך צוגעקילט און ס׳וועט נישט זיין ווער עס זאָל מאַכן אַ גוט גלעזל קאַווע.

— איר האָט געהערט? מ׳האָט געשאָסן דעם הונט פון מאַמזעל באַרדיע. אַ שאָד. אַ שיין הינטל געווען.

און דאָ, אין די זעלבע געסלעך, אינעם טריפּהנעם שאַנכאַי, וועט איר באַגעגענען יידן, יידן היימישע, נאָענטע, וואָס זענען אויסגעטון פון דער וועלט, און זיצן על התורה ועל העבודה און קומען נישט אין באַרירונג מיט דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דעם כרך.

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַזאַ ייד, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז אפשר איינע פון די פאָרמען, וואָס טויגן צום געשעפט. אפשר האַנדלט ער מיט טליתים, מיט ספרים. אָבער ניין: דער ייד האָט אויסגעגעבן זיינע קינדער, און דער איינציקער עול, וואָס אים איז געבליבן, איז אויפהאַלטן יידישקייט. זיצט ער לאַנגע טעג איבער אַ בלאַט גמרא, ריכט־אָפּ חצות, פאַסט תעניתים, און האָט דאָס געפיל, אַז ער ראַטעוועט־אָפּ שאַנכאַי פון אונטערגאַנג.

אַ שאָד...

*

שאַנכאַי לעבט־דורך אַ גרויסן קריזיס. און אויב איך האָב צופעליק דערמאָנט, אַז דער שאַנכאַיער גוטער־ייד האָט דאָס געפיל, אַז מיט זיין לערנען ראַטעוועט ער אָפּ שאַנכאַי פון אונטערגאַנג, איז אין דעם צופאַל גראָד פאַראַן עפּעס. שאַנכאַי ווי אַ בשותפותדיקער זויג־פּונקט פאַר פאַרשידענע אימפּעריאַליסטישע מלוכות שטייט פאַר אַ געוואַלדיקן קאַמף — אַ פּאָליטישן און אַן עקאָנאָמישן, וואָס וועט באַשטימען דעם גורל פון דעם דאָזיקן כרך אויפן ווייטן מזרח.

די הונגעריקע כינעזער האָבן נישט קיין געדולד, פּליסן־אָן קיין שאַנכאַי פרישע אַרמעען פון מענטשן, וואָס זוכן ברויט, וואָס זוכן אַרבעט. און מיט די אַרמעען הונגעריקע קומען־מיט גרופּן פון קעמפערישער יוגנט, וואָס זוכט נקמה צו נעמען אויף די גאַסן פון שאַנכאַי פאַר דער אונטערדריקונג פונעם כינעזישן פאָלק, פאַר דער נישט געהערטער פאַרשקלאַפונג פונעם כינעזישן מענטש.

און ווען עס פאָרט־אָן אַ פאַנצער־אויטאָ און פּאָליציי שליסט פלוצים אָפּ גאַסן אין שאַנכאַי, כדי עמיצן צו פאַנגען — איז עס נישט אַ באַנדיט.

און אַז כ׳האָב געזען, ווי ביים רעווידירן כינעזער אין דער פראַנצויזישער קאָנצעסיע, האָט דער פראַנצויזישער פּאָליציאַנט מיטן רעוואָלווער געשפּאָלטן דעם קאָפּ פון אַ רעווידירטן און אַ צווייטן כינעזער געפּאַטשט — האָב איך זיך פאַרשעמט און כ׳האָב זיך דערפילט אַזוי געמיין, אַז כ׳האָב נישט געוווּסט, ווו צו באַהאַלטן מיין פּנים.

אָבער מבינים אין שאַנכאַי זאָגן, אַז אַזוי מוז עס זיין; ווייל אין שאַנכאַי וואָלקנט זיך דער הימל, אין שאַנכאַי האָט שוין נישט איינמאָל געדונערט און דער אייראָפּעער האָט שטאַרק מורא פאַרן שטורעם, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער קומען!

דער אינדישער ים באַוועגט זיך געלאַסן

„מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק איז איינמאָל געשוואומען אַ שיף פון צפון און געפירט מיט זיך יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די זיגערס הענט אויף צו ראַטעווען זייער לעבן. די שיף איז צעשטערט געוואָרן נישט ווייט פון די העגרי און קענרי־אינזלען אויפן אינדישן אָקעאַן. נישט מער ווי זיבן מענער און זיבן פרויען האָבן זיך געראַטעוועט אויפן ברעג נישט ווייט פון באָמביי. דער ים האָט ארויסגעשווענקט די קערפּערס פון די אומגעקומענע, וואָס זענען געקומען צו קבר ישראל אין נאַוואַגאַום ביי אַליבאַג. ביז היינט זענען פאַרבליבן די מצבות פון יענע קברים.

„די לעבעדיקע האָבן געפונען אַ היים צווישן די גאַסטפריינדלעכע מאַראַטהי און האָבן געשאַפן זייער צענטער דאָ, אין קאָנקאַן. זיי האָבן נישט געקענט די שפּראַך פון די שכנים, זייערע מנהגים און זייער שטייגער. אָבער אין דער טאָלעראַנץ פון אָט דעם אינדישן פאָלק האָט זיך דאָס הייפל מענטשן שנעל אָפּגעפונען און זייער פרנסה האָבן זיי געשעפּט פון פּרעסן אייל. די שכנים האָבן נישט געשטערט די געראַטעוועטע צו האַלטן זיך ביי זייערע מנהגים, אַזוי, אַז אין זיבעטן טאָג פון דער וואָך האָבן זיי אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט, זיך צוזאַמענגעקליבן און צוזאַמען געזאָגט „שמע ישראל". האָבן זיי די מאַראַטהי אָנגערופן „די שבת־דיקע אייל־פּרעסער" און דער דאָזיקער נאָמען איז פאַרבליבן ביז היינט. זיי אַליין האָבן זיך גערופן „בני ישראל".

„אַ טויזנט יאָר האָבן מיר געלעבט, נישט וויסנדיק ווער מיר זענען. אונזערע אבות האָבן אונז איבערגעגעבן אַלץ פון זייער ירושה: מיר זאָלן היטן שבת, מל זיין אונזערע זין, באַגראָבן אונזערע מתים, הגם אונזערע שכנים פאַר־ברענען זייערע מתים, און אָפּהיטן יום־טובים. די איינציקע תפילה אונזערע איז געווען „שמע ישראל", וואָס מיר האָבן געוווסט, אַז זי איז הייליק, אָבער נישט געוווסט וואָס זי באַדייט.

„אַזוי האָבן מיר געלעבט און זיך געמערט דאָ, אין קאָנאָן, געשאַפן אייגענע דערפער און שטעטלעך, באַאַרבעט די ערד און געפּרעסט אייל. מיט אונזערע שכנים האָבן מיר תמיד געלעבט גוט, מיר האָבן ביי זיי גענומען די שפּראַך, זייער טאָלעראַנץ און גאַסטפריינדלעכקייט, מיט זיי געפירט געשעפטן, אָבער מער גאָרנישט.

„מיט טויזנט יאָר שפּעטער איז אין אונזער געגנט גע־פאָרן דער רייזנדער דוד ראהאבי, וואָס האָט געהערט, אַז אין קאָנקאָן לעבן „שבתדיקע אייל־פּרעסער". ער איז געקו־מען צו אונז, באַקענט זיך מיט אונזערע מנהגים און אויס־געפונען, אַז מיר זענען יידן. ער האָט אונז אָנגעהויבן לער־נען דאָס הייליקע לשון, אונז אויפגעקלערט דעם באַדייט פון „שמע ישראל" און אונז אויך אויסגעלערנט אנדערע תפילות און צו אונזערע אַלטע יום־טובים אויך צוגעגעבן נייע. פון דוד ראהאבי האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מיר זענען נישט די איינציקע פון אונזער שטאַם, נאָר אַז אין דער וועלט לעבן אַ סך יידן.

„דוד ראהאבי איז געוואָרן אונזער לערער, ער האָט אויס־געלערנט וואָס עס דאַרף וויסן אַ רב און אַ שוחט און האָט ביי אונז איינגעפירט דעם נוסח פון די קאָטשינער יידן, וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט נישט געוווסט פון זיי. אָבער

דוד ראַהאַבי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַן אַפריקאַנער הערשער און זיין טויט האָט אין אונז אויפגעוועקט דאָס טיפע באַוואוסטזיין פון אונזער שטאַם. דאָך אַן אים זענען מיר דורך פיל הונדערטער יאָרן ווידער געבליבן אָפּגעריסן פון שטאַם און מיר האָבן געפירט ווייטער אונזער אייגן אָפּגעזונדערט לעבן.

„אין אינדיע לעבן אויך אַנדערע יידן, די קאַלקוטאַ־יידן, די באַגדאַדער יידן אין באָמביי, די קאָטשינער יידן. נאָר ווי איר ווייסט, הערשט אין אונזער לאַנד א שטרענגער קאַסטע־סיסטעם, וואָס די הינדוס זענען אויף זיי זייער אייפערזיכטיק. קאַסטעס מישן זיך נישט אויס. האַלטן זיך פון דערווייטנס. דער קאַסטע־סיסטעם האָט אונז אויסגעהיט נישט צו פאַר־שווינדן דורך געמישטע חתונות, האָט אונז אָבער אויך אָפּגעטיילט פון די אַנדערע יידן אין אינדיע, וואָס אויך זיי ווילן זיך נישט מישן מיט אַנדערע יידן. זענען מיר, די בני ישראל, געבליבן באַזונדער און מיר לעבן אונזער באַזונדער לעבן.

„הגם אונזער צאָל איז נישט מער ווי אַ פופצן־זעכצן טויזנט אין גאַנץ אינדיע, פאַרנעמען מיר וויכטיקע פּאָזי־ציעס אין האַנדל, אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין מיליטער. אונזערע זין זענען גוטע זעלנער און אין זייער בראַווקייט שטייען זיי נישט אָפּ פון די סיקס, וואָס ווערן באַטראַכט פאַר די בעסטע קעמפער צווישן די אינדישע פעלקער".

אַזוי האָט דערציילט די געשיכטע פון זיין שטאַם אונ־זער וועג־פירער, דער בני ישראל שלמה גאלאקאר, וואָס האָט אונז געפירט אין דעם בני ישראל־דאָרף נעבן קאָנקאַן.

מיר זענען געווען צוויי: איך און ד"ר אלשוואַנגער. הגם קאָנקאַן ליגט נישט ווייט פון באָמביי, איז דער וועג געווען אַ שווערער. מיר זענען געפאָרן אויף אַ וואָגן איינגעשפּאַנט

מיט אָקסן, אויף אַ ווילדן האַרטן וועג. אויך דער באַלעגאָלע איז געווען אַ בני ישראל, וואָס האָט זיך שטאַרק געפרייט, וואָס ער פירט אַזעלכע צוויי חשובע געסט, און כדי אויס־צודריקן זיין התפעלות האָט ער פון צייט צו צייט אויסגע־רופן „שמע ישראל". מער האָט ער נישט געקענט. ער איז געווען אַן עם־הארץ און נאָך טויזנט יאָר נאָך דוד ראהא־ביס לערע האָט ער מער ווי דעם „שמע ישראל" נישט געקענט. ער האָט געיאָגט די אָקסן. און אז די אָקסן האָבן זיך אין מיטן שלעפּן די חשובע פּאַסאַזשירן געוואָלט אַ קראַץ טון אין אַן אויער און האָבן זיך פאַרהאַלטן — האָט אויך אין דעם פאַל דער באַלעגאָלע אויסגעשריגן „שמע ישראל".

— ווי קומט „שמע ישראל" צו אָקסן? — האָט ד"ר אלשוואַנגער אויף זיין הומאָרפולן שטייגער געפרעגט אונ־זער פירער.

— דער „שמע ישראל" איז נישט צו די אָקסן — האָט דער פירער ערנסט אויפגעקלערט — מיר דאַרפן אויף אונ־זער וועג דורכפאָרן אַ טייך־געלעגער, וואָס קען זיין געפער־לעך. יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט לויפט אַן דער טייך מיט אַ ווילדן געיאָמער און מיט מאָסן וואַסער. דעמאָלט קען מען דעם טייך נישט אַריבערפאָרן, די אָקסן וועלן דערטרינקען ווערן. מיט אַ פאָר שעה שפּעטער פאַרשווינדט דער טייך און דער געלעגער ווערט ווידער ליידיק און טרוקן. אַז די אָקסן וועלן זיך צופיל קראַצן, קענען מיר פאַרשפּעטיקן דעם אַדורכפאָר און דאַן וועלן מיר מוזן בלייבן ביים ברעג עטלעכע שעה ביז די וואַסערן וועלן אַוועק.

האָט דער באַלעגאָלע נישט אויפגעהערט צו שרייען צו די אָקסן „שמע ישראל" און זיי טרייבן פאָרויס. וואָרום קיין בייטש וועט ער נישט נוצן, דער באַלעגאָלע. אין אינדיע

זענען קי און אָקסן הייליקע באַשעפעניש, מען קען זיי אויסנוצן צו דער אַרבעט, אָבער נישט געפרווט זאָל מען ווערן, אַז אַ הינדו זאָל באַמערקן ווי עמעצער שמייסט אַן אָקס...

דער „שמע ישראל" האָט געהאָלפן. מיר זענען באַצייטנס אַריבער דעם טייך־געלעגער און אין דעם ערשטן דאָרף געזען דאָס נאַקעטע אינדיע. נאַקעט אין בוכשטעבלעכן זין: עלטערע פרויען זענען אַרומגעגאַנגען נאַקעט, בלויז מיט אַ שטיקל שמאַטע ארום די לענדן, און אַזוי אויך מע־נער — בלויז מיט אַ שטריקל אַרום די לענדן. קיין הייזער אין דאָרף זענען נישטאָ, נאָר בלויז שטעלער. אין די שטעלער וווינען די דאָרפסלייט צוזאַמען מיט זייערע בהמות. אויף דער אויסגעטרוקנטער ערד אונטער דער גליאיקער זון לויפן אַרום נאַקעטע קינדער, צווישן וועלכע בלויז די יינגלעך זענען אַרומגעבונדן מיט בענדלעך אַרום די בייכ־לעך. און די ערד איז דאָ נאַקעט און אויסגעטרוקנט, ווי קיין טראָפן וואַסער וואָלט אויף איר קיינמאָל נישט געקו־מען. אין מיטן פון דאָרף שטייט אַ הייליקער שטיין, וואָס אויך ער איז נאַקעט און צו זיין נאַקעטקייט זענען מתפלל די נאַקעטע איינוווינער. ביים ראַנד פון וועג שטייט אַ נאַקעטער זקן, אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט, ווי אַ סקע־לעט, איבערגעצויגן מיט אַ טרוקענעם ברוינעם פאַרמעט. דאָס איינציקע, וואָס ווייזט, אז דער זקן לעבט און איז נישט קיין אויסטערלישע סטאַטוע, איז דאָס, וואָס ער איז מעלה־גירה געווירצן. אַז מיר פאָרן אים פאַרביי לייגט אַרויף דער זקן די האַנט אויף זיין פאַרשמירטן שטערן און באַגריסט אונז אַן ווערטער. דאָס איז אַ הינדו, וואָס האָט זיין שטערן אויסגעשמירט מיט דער צואה פון א בהמה און דאָס איז דאָס איינציקע פרעמדע, וואָס באַדעקט זיין לייב.

נאָך דעם דאָזיקן דאָרף פון עלנטקייט, זענען מיר אַנגעקומען אין דעם קאַקאָס־וואַלד פון אַ בני־ישראל־אייגנטימער, ווי אין אַ גן־עדן. אויך אין דעם דאָזיקן גן־עדן איז געווען הייס ווי אין אַ גהינום. אַלץ איז דאָ טרוקן און אומבאַוועגלעך פון דער היץ — די ביימער, די לופט און אַפילו די שטילקייט. אָבער דאָס הויז פון דעם בני ישראל איז ווי אַן אָרעמע אַאַזיס: הגם די היץ ברענט ווי פון אַ שריפה, איז די פרוי פון דעם אייגנטימער און איר טאָכטער אָנגעטון אין סאַריס — אַ שטיק לייוונט, וואָס וויקלט איין דעם גאַנצן גוף — און אויך דער באַלעבאָס איז אין קליידער. אויפן אינדישן שטייגער נעמט ער אויף די געסט מיט צולייגן די פינגער צום שטערן. אָבער דער שטערן איז נישט פאַרשמירט, ווי ביי אינדיער. אויך די פרוי און די טאָכטער באַגריסן אונז אויף דעם זעלבן שטייגער.

אין דעם הויז פון דעם באַלעבאָס פון דעם קאַקאָס־וואַלד הערשט אַ וויסטע אָרעמקייט. דאָס גאַנצע מעבל באַשטייט פון צוויי פריטשעס, צוויי מעטאַלענע קאַסטנס און אַ טיש מיט אַליין־צונויפגעקלאַפּטע שטולן. ביי איין פריטש, אַ פרימיטיוו בעט, הענגט אַ „פעקעלע" — אַ קינד שלאָפט אין אַ שטיקל לייוונט, וואָס איז צוגעבונדן צום בעט. עס איז זיך לייכט אָנצושטויסן, אַז די דאָזיקע אָרעמקייט איז אין די אינדישע באַדינגונגען אין די דערפער, די באַלעבאַטישקייט פון אַ פאַרמעגלעכן. און אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ פאַרמעגלעכן, פאַרשטייען מיר פון דעם כיבוד: אויפן טיש ווערן אַוועקגעשטעלט צוויי טעפלעך מיט זאַפט פון קאָקאָס־ניס און די באַלעבאָסטע מאַכט אויף שנעל צוויי אייער־שפייזן „פאַר די ליבע און אָנגעלייגטע געסט". די טאָכטער, אַ רירעוודיקע און גלייכע, ווי אַ קאָקאָס־בוים, לויפט אַרויס און ברענגט אַריין צוויי ערדענע טעלער, אויף

וועלכע עס ווערן דערלאַנגט די אייער־שפּייזן פאַר די געסט.

מיר, די געסט, נעמען זיך צום עסן. אייגנטלעך האָב איך בלויז געגומען זיך צום עסן — און דווקא אויפן אינדישן שטייגער — מיט די הענט. נישט געפּרוווט זאָלט איר ווערן צו עסן אַ שיטערע אייער־שפּייז מיט די הענט, ווען איר זענט שטאַרק הונגעריק. אַט נעם איך אָן אַביסל מיט דריי פינגער, ווי עס פאָדערט דער אינדישער עטיקעט פון עסן, און דאָס גליטשיקע ווייסל און דאָס שיטערע געלעכל גליטשט זיך צוריק אַראָפּ דווקא, ווען איך בין שוין מיט די פינגער באַענט צום מויל. בלייבט מיר נישט מער ווי צו לעקן די פינגער און ווידער איבערחזרן די זעלבע פּראָצעדור — אָנ־נעמען מיט דריי פינגער, דערטראָגן זיי ביז צום מויל און אַלץ גליטשט זיך צוריק אַראָפּ אין טעלער אַריין. אָבער ד״ר אלשוואַנגער איז נישט געווען געגייגט זיך צוצופּאַסן צום אינדישן שטייגער פון עסן. ער האָט געוואַרט אויף אַ גאָפּל, אָדער אויף אַ לעפל... און די באַלעבאַטים האָבן געוואַרט דער גאַסט זאָל אָנהייבן עסן. ד״ר אלשוואַנגער רירט זיך נישט. דער באַלעבאָס ווערט אומרואיק: פאַרוואָס עסט נישט דער גאַסט? ער איז דאָך מסתמא שטארק הונגעריק פון דעם לאַנגן וועג. אָבער ד״ר אלשוואַנגער איז אַ דזשענטלמען, ער וואַרט געדולדיק אויף אַ גאָפּל, אָדער אַ לעפל. זאָג איך צום באַלעבאָס: דער דאָקטאָר איז נישט געוווינט צו עסן מיט די הענט, ער וואַרט אויף אַ גאָפּל, אָדער אפשר האָסטו אַ לעפל.

אַ לעפל? אַ גאָפּל? דאָס זענען זייער עקזאָטישע כלים פאַר אַ שטוב אין אינדיע. מען נוצט זיי נישט און זיי זענען אומבויטיק. אין אינדיע הייבט זיך אָן דאָס פאַרגעניגן פון עסן נישט פון דעם גומען, ווי ביי אייראָפּעער, נאָר פון די פינגער. שוין די שפּיצן פינגער הייבן אָן פילן דעם טעם

פון עסן. נאָר גיי דערצייל דאָס דעם ד״ר אלשוואַנגער, דעם אייראָפּעאישן מאַן פון פאַרמען. האָבן נישט די גאַסטפּריינט־לעכע באַלעבאַטים קיין עצה און זיך גענומען צו מאָבילי־זירן אַ גאָפּל אָדער אַ לעפל. ביידע פרויען, די מאַמע און די טאָכטער, זענען אַוועק אין נאָענטן דאָרף נעבן וואַלד, אפשר פאַרוואַלגערן זיך ביי שכנים אַזעלכע מוזעאַלע מכשירים. נאָך אַ פערטל שעה האָט די טאָכטער געבראַכט מיט זיך אַן אלומיניום־לעפעלע, וואָס איז געווען אַזוי פאַרלאָפן מיט גרינשפּאַן, ווי עס וואָלט געלעגן אַ יאָר צייט אין פייכטער ערד. ד״ר אלשוואַנגער האָט שוין מער נישט געקענט מיס־ברויכן מיט דער גאַסטפריינדלעכקייט און נישט געהאַט קיין אַנדער עצה ווי עסן מיט אָט דער כלי, וואָס עס איז אים אַפילו געווען אומאַנגענעם אָפּצווישן פון דעם גרינ־שפּאַן. קיין גרויס הנאה פון עסן האָט ער שוין נישט געהאַט...

אין זיין שפּאַסיקייט האָט ד״ר אלשוואַנגער געזאָגט צו מיר: „דער דוד ראהאבי האָט ווייזט אויס אויך אַליין געגעסן מיט די הענט, וואָרום תפילות און כשרות האָט ער די בני ישראל אויסגעלערנט, אָבער עסן מיט אַ לעפל־גאָפּל — דאָס נישט".

✶

פאַר אַן אייראָפּעאישן מענטש איז שווער אונטערצושיידן אַ בני ישראל פון זיין מאַראַטהישן שכן. די מענער און די פרויען פון די בני ישראל טראָגן די זעלבע קליידער, וואָס עס טראָגן זייערע שכנים. זיי רעדן דאָס זעלבע לשון — מאַראַטהיש. די פיזיאָנאָמיע איז, דאַכט זיך, די זעלבע: די זעלבע טונקעלע הויט, די זעלבע אויגן און די זעלבע באַווע־גונגען ביים רעדן. דאָך די בני ישראל דערקענען גלייך פון דער אויסערלעכקייט, ווער ס׳איז אַ מאראטהי און ווער עס איז אַ בני ישראל, און פאַרקערט — זייערע שכנים

דערקענען אַפּילו פון דערווייטנס אַ בני ישראל. שפּעטער דערוויסט מען זיך ערשט, אַז הגם די בני ישראל לעבן צווישן זייערע שכנים שוין צוויי טויזנט יאָר און במשך די צוויי טויזנט יאָר רעדן זיי די זעלבע שפּראַך, זענען דאָך פאַראַן קלאַנגען אין דעם מאַראַטהישן לשון, וואָס די בני ישראל קענען נישט אַרויסברענגען.

אָבער, אַז מיר, איך און ד״ר אַלשוואַנגער, זענען געגאַנ־גען איבער אַ נאָענטן דאָרף, האָבן מיר דערקענט פון די הייזער, צי דאָרט וווינען בני ישראל, אָדער מאַראַטהיס. פאַר יעדן אינדישן הויז שטייט אַ שטיין, צו וועלכן מען איז מתפּלל; אויף די טירן פון די הייזער פון בני ישראל איז אָנגעמאָלן אַ האַנט מיט צעשפּרייטע פינגער.

נישט געקוקט אויף זייער קאַסטע־לעבן, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע יידישע גרופּן אין אינדיע במשך פון אַ סך יאָר־הונדערטער, היטן זיי אָפּ יידישע יום־טובים אַזוי ווי זיי האָבן די יום־טובים איבערגענומען ביי זייער לערער דוד ראַהאַבי מיט טויזנט יאָר צוריק. דעם פּסח־סדר פּראַוועט זיי אויפן פרייען פעלד, וווהין זיי ברענגען זייערע מאכלים, כדי צו זיין ענלעך צו די יידן, וואָס זענען געזעסן אין דעם מדבר. עס זענען אויך ביי זיי געבליבן פאָרמען פון שפּייז־קרבנות, ווי אין די צייטן פון דער משנה. אָבער צוויי צע־רעמאָניעס וואַרפן זיי אָפּ מיט ווידערווילן, ווי באַרבאַריש: דאָס שלאָגן כפּרות און די צערעמאָניע פון חליצה.

די בני ישראל זענען גוואַלדיק אָפּגעהיט אין זייער פאַ־מיליע־לעבן און צוליב דעם קאַסטע־סיסטעם אין אינדיע האָבן זיי חתונה נאָר צווישן זיך. דאָך איז צווישן די בני ישראל פאַראַן אַן אונטער־עדה, וואָס זיי אַליין רופן „שוואַר־צע״. די שוואַרצע בני ישראל ווערן נישט גערופן אַזוי צוליב דער טונקלקייט פון זייער הויט, נאָר צוליב דער

שוואַרצקייט פון זייער אָפּשטאַם — „ממזרים״. בני ישראל, וואָס זענען געווען אין מיליטער, ווייט פון זייערע היימען, אויף די מלחמה־קאַמפּאַניעס פון די ענגלענדער, האָבן זיך אין די ווייטע מקומות פאַרבונדן מיט פרויען פון פרעמדן אָפּשטאַם און שפּעטער אַהיימגעקומען מיט פאַמיליעס. די קינדער פון אַזעלכע משפחות ווערן אָנגערופן שוואַרצע, אַפילו ווען זיי זענען ווייסער פון די בני ישראל. אַט די שוואַרצע בני ישראל זיצן אין פאַליש פון דער שול, קיין ריינער בני ישראל איז זיך מיט זיי נישט מתחתן און זייערע מתים ווערן באַגראָבן הינטערן פלויט...

דאָס שטימט אַבסאָלוט מיט די געזעצן פון די קאַסטעס, וואָס זענען אין אינדיע אַזוי פעסט געבונדן, אַז קיין שום רעזשים וועט זיי נישט אויפבינדן. די הינדוס, די אַמערסטן אָפּגעהיטע און פאַנאַטישע קאַסטע, היטן די אַלטע פאָרמען ווי הייליקייטן, און די אָפּגעהיטנקייט טראָגט זיך אויך איבער אויף די בני ישראל, ווי אויף אַנדערע נישט יידישע און נישט אינדישע עדה׳ס.

אונזער גאַסט־געבער האָט אונז מיט שטאָלץ געפירט צום אַלטן בית־עלמין נעבן נאַוואַגאַום, וווּ עס געפינען זיך די צוויי קברים פון יענע, וואָס דער ים האָט זייערע טויטע קערפּערס אַרויסגעשווענקט אויפן ברעג מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און די קברים האָבן פריער איינגעוואַרצלט די בני ישראל, איידער עס האָבן זיך אין דער ערד איינגעוואַרצלט די לעבעדיק־געבליבענע.

אין אינדיע איז אַ בית עלמין אַ זעלטנהייט. דאָ איז נישט דער מנהג צו באַגראָבן מתים, נאָר די מתים ווערן פאַרברענט. בלויז אין באָמביי, אויף דעם פּלאַץ, וווּ עס ווערן פאַרברענט די קערפּערס פון געשטאָרבענע, האָב איך געזען אַ פּאָר מצבות, אָבער די מצבות שטייען נישט אי־

בער קברים, נאָר סתם אַזוי, ווי א זכר נאָך דעם פאַרברענטן. די מצבות זענען געשטעלט געוואָרן פון בריטישע אָפיצירן און קאָלאָניאַלע באַאַמטע צום אָנדענק פון זייערע אינדישע דינער. און דאָ, אויפן ברעג ים, נעבן נאוואגאום, אין ים פון אינדיער — אַ בית עלמין מיט צוויי יידישע מצבות, וואָס ליגן דאָ שוין צוויי טויזנט יאָר. פון צוויי טויזנט יאָר מאנסונען*) און צוויי טויזנט יאָר ברענענדיקער זון, זענען נאָך געבליבן סימנים פון יידישע אותיות.

צוליב זייער ריינעם שטייגער, זייער ערלעכקייט און ארבעטזאַמקייט און אויך צוליב זייערע פעיקייטן, מיט וועלכע זיי טיילן זיך אויס פון זייערע שכנים, זענען די בני ישראל אַ געשעצטע „קאַסטע".

טאַקע בעת אונזער באַזוך אין דעם דאָרף איז פאָרגע־קומען אַן אינדישע חתונה. אין דעם קליינעם הייזל, וווּ די חתונה איז פאָרגעקומען, זענען געווען אָנגעשטופּט מער מענטשן ווי עס האָבן געקענט אַריין. אין דרויסן האָט אפילו געחלשט פון די היץ און דאָך האָט פון דעם הייזל אַרויס־געזעצט אַ נאָך גרעסערע היץ פון די צונויפגעקוועטשטע לייבער פון די חתונה־געסט. אַלע זענען דאָרט געווען טויט־שיכור פון דעם איבלדיקן קאָקאָס־ביר, וואָס ווערט גע־טרונקען אין גרויסע מענגעס און ער שיכורט־אָן נישט ווייניקער פון גרויסע מענגעס געוויינלעכן ביר. די בני ישראל, וואָס האָבן אונז געפירט צו דער דאָזיקער אויס־טערלישער חתונה, ווו מען האָט אַפילו די כלה נישט גע־זען, האָבן געקוקט פון אַ זייט, וואָס פאַר אַן איינדרוק דער ספּעקטאַקל מאַכט אויף אונז, און שפּעטער געזאָגט: ביי אונז אויף אַ חתונה וועט איר אַזאַ שטייגער נישט

*) הייסע רעגנס.

זען. מיר שיכורן זיך קיינמאָל נישט אָן און טרינקען קיינ־מאָל נישט קיין קאַקאָס־ביר... זיי זענען עפּעס אַנדערש...

און איך האָב געהאַט צייט צו זען אין אינדיע די אַנ־דערשקייטן און אויסטערלישקייטן, וואָס מען קען נישט זען אין קיין שום אַנדער לאַנד אויסער אינדיע.

אינדיע איז אַ וווּנדערלעך שיין לאַנד. דער רבונו של עולם האָט דאָ אַריינגעלייגט די טיפסטע שיינקייטן פון זיין בריאה. ער האָט אָבער אויך דעם לאַנד געגעבן די סאַמע אויסטערלישסטע און פאַרשיידנאַרטיקסטע מנהגים און... נויט און רייכטימער.

אויף מאַלאַבאַר היל, די פאָרשטאָט פון די אינדישע מאַגנאַטן אין באָמביי, האָב איך געזען די צערעמאָניע פון אָפּוועגן אַ רייכן מאַן מיט דעם געוויכט פון זיינע ברי־ליאַנטן און צירונג. פון איין זייט וואָג איז געזעסן דער רייכער מאַן און פון דער צווייטער זייט האָבן זיינע פריינד אַרויפגעלייגט ריזיקע שנורן פּערל, שאַכטלען ברילִיאַנטן, גאָלדענע קייטן און חיות געגאָסענע פון ריינעם גאָלד, איידלשטיינער, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן. אַ באַרג מיט אומאָפּשעצבאַרע רייכטימער. דער מאַן אויף דער וואָג, אויסגעדאַרט ווי מאַהאַטמאַ גאַנדי, און מיט אַן ערנסטן פּנים פון אַן אינדישן נזיר — האָט אויפ־גענומען דעם כבוד פון וועגן אים מיט גאָלד און ברילִיאַנטן מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, ווי ער וואָלט זיך געוווגן אין אַן אַפּטייק. נאָר די מענטשן אַרום האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד, אים אָנגעטון אויפן האַלדז אַ קראַנץ פון בלומען — אַ סימן פון גרויס וויכטיקייט.

אָבער אַנטקעגן די פיר הונדערט מיליאָן אינדיער, זע־נען אין דעם לאַנד נישט פאַראַן קיין סך אַזעלכע, וואָס האָבן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט. די אינדישע מאַסע איז ווי

אַן אָקעאַן פון נאַקעטע מוראַשקעס, אַזוי פיל נויט מיט איין מאָל, אַזוי פיל אָרעמקייט און אוממעכטיקייט מיט איין מאָל און אין איין לאַנד קען מען זען בלויז אויף די גאַסן פון די אינדישע שטעט.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אזעלכע סצענעס, ווי צענדליקער און צענדליקער טויזנטער מענטשן שלאָפן אויף די גאַסן. דו גייסט גאַס־איין און גאַס־אויס און אַלע טראָטואַרן זענען ביינאַכט באַלייגט מיט מענטשן. אויף די גאַסן שלאָפן נישט בלויז די, וואָס האָבן נישט קיין היימען, נאָר אויך די פון די געדיכטע הייזער. פון די ענגע און פאַרנע צימערן אויף די שטאָקן קומען אַראָפּ מענטשן צו שלאָפן אויף דער גאַס. ווייל די נאַכט איז הייס, די לופט איז אָנגעגליט פון דער זון־שריפה, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצן טאָג. גייסטו קילאָמעטערווייז פאַרביי די שלאָפנדיקע און זיי כראָפּען אין אַ ריזיקן כאָר פון זייער האַרטן שלאָף. און צווישן די מענטשן — ליגן אויך הינט. אויך זיי שלאָפן זייער רואיקן שלאָף נאָך דעם הייסן טאָג.

ביי דעם אינדיער מאַכט עס נישט קיין איינדרוק. די נויט איז דאָ נאָרמאַל, דאָס שלאָפן אויף דער גאַס איז נאָרמאַל. דאָס איז אַ קליינער פּראָבלעם פון דעם גרויסן פּראָבלעם אינדיע.

אָבער איין זאַך. אויך אין דעם שלאָפן אויף דער גאַס איז פאַראַן אָרדענונג, קאַסטע־אָרדענונג. אויף די גאַסן שלאָפט מען לויט קאַסטעס, מען מישט זיך נישט אפילו ביים שלאָפן אויף דער גאַס. די נידעריקסטע קאַסטעס, וואָס זענען אויך די אָרעמסטע, פאַרקלייבן זיך ערגעץ אין זייער פערטל, הינטער דער שטאָט. וואָרום עס איז פאַראַן אַ קאַסטע מענטשן, וואָס מען טאָר נישט אָנרירן. אויב עמעצער פון אַ

העכּערער קאָסטע רירט אָן אַזעלכן, ווערט ער טמא. די, וועלכע מען טאָר נישט אָנרירן, גייען נישט אויף די טראָטואַרן, טאָמער וועט זיך עמעצער באַרירן אין זיי. און אויב אַזעלכער גייט יאָ אויפן טראָטואַר — באַמיט ער זיך קיינעם נישט אָנצורירן, כּדי אים נישט גורם צו זיין אַן עבירה...

באַגינען, ווי נאָר עס קומט אַרויס די ברענענדיקע זון, און אין אינדיע קומט גלייך אַרויס די זון מיט אַ העליש פייער, שטייט אויף די שטאָט בוכשטעבלעך. די מענטשן הייבן זיך אויף פון די טראָטואַרן און צעגייען זיך אין די הייזער, אויב זיי האָבן הייזער. און דווקא ביים אויפשטיין, באַמערקסטו ווער עס איז געשלאָפן אויף דער גאַס בלויז צוליב דער היץ אין די הייזער און ווער עס איז געשלאָפן אויף דער גאַס, ווייל ער האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. די דאַכלאָזע הייבן אויף די שטיקער זעק, אויף וועלכע זיי זענען געשלאָפן, און וואַרפן ארויף די זעק אויף אַ בוים. ביינאַכט וועלן זיי ווידער קומען אַהער, אַראָפּנעמען די זעק און „אויסבעטן דאָס געלעגער". דערווייל נעמען זיי אַראָפּ פון די בוימער זייערע ריזיקע קוישן, וואָס זיי טראָגן געווײנלעך אויף די קעפּ, און לויפן צו די באַזאַרן פּאַרדינען אויף פּרנסה... אַנדערע ציען אַראָפּ פון זייערע לייבער די צעריסענע העמדער און שטעלן זיך אַוועק די העמדער וואַשן ביים נאָענטסטן עפנטלעכן ברונעם.

דאָ, ווי אין גאַנצן מזרח, צייטיקט אַלץ רעשיק שנעל. דער טאָג קומט אָן שנעל, די נאַכט לויפט אָן שנעל, די זון לויפט אָן שנעל און אויך דער טויט. אָבער דערווייל קומט אָן דער טאָג. ער לויפט אָן. די גאַסן ווערן פול, באַזאַרן ווערן אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן און דער טומל ברעכט אויס אין סאַמע באַגינען. און דאָס איז אַן אויסטערלישער טומל, אַ טומל פון פוילע באַוועגונגען, פון גיין פּאַמעלעך, פון אַזאַ

פּאַמעלעכער פּוילקייט, וואָס ווערט אויפגעצווונגען פון דער היץ.

ביים אָנקומען קיין אינדיע האָט מיר אַן אַלטע דער־פאַרענע ענגלענדערין געזאָגט: ווען דו שטייסט אויף אין דער פרי — טרינק אויס אַ לעפל זאַלץ, אויב דו ווילסט נישט אויסגיין פון די כוחות. אויב דו וועסט זען, אַז דיינע העמדער זענען אָנגעפלאַכן מיט ווייס, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז דאָס זאַלץ, וואָס דיין קערפּער האָט ארויסגעזעצט און דו מוזט באַלד אַראָפּשלינגען אַ לעפל זאַלץ. געדענק.

איך האָב די וואָרענונג אָנגענומען פאַר אַ גוזמא, אָבער שפּעטער זיך איבערצייגט אין איר ריכטיקייט. און איך האָב זיך שנעל צוגעוווינט צו די געזאַלצענע און שאַרפע מאַכלים, וואָס איך האָב פון אָנהייב נישט געקענט פאַר־שטיין ווי אַזוי מענטשן עסן זיי. איך האָב די שפּייזן געגעסן ווי שטיקער פייער, וואָס נאָך דעם האָב איך פון דעם גע־פערלעכן ברענען נישט געקענט צומאַכן דאָס מויל, ווי איך וואָלט געוואָרט, אַז פייערלעשער זאָלן קומען לעשן די שרי־פה אין מיין מויל. פון אָנהייב איז מיר אַלץ איינס געווען וואָס איך עס. אַלץ איז געווען פייער. קאַרטאָפל מיט פייער, פלייש מיט פייער, גרינס מיט פייער. שפּעטער האָב איך שוין דאָס פייער געפילט באַזונדער און באַזונדער — די מאַכלים.

אינדיע עסט פּשוט פייער. איך האָב אָנגעהויבן פאַר־שטיין פאַרוואָס אינדישע פאַקירן קענען שלינגען פלאַמען... אויב איך האָב געקענט זיך שפּייזן אַ האַלב יאָר מיט פייער, פאַרוואָס זאָל אַ פאַקיר נישט קענען שלינגען פלאַמען?...

אַנדערע, וואָס האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם „פייער־פּרווו” ווי איך, זענען אַוועק אויסזוכן אייראָפּעישע יידן און מיט זיי האַלטן טיש. איך האָב אויסגעהאַלטן ביזן

סוף און נישט פֿאַראַטן די אינדישע שפּייזן און שנעל גע־כאַפּט די קונץ פֿון עסן מיט די הענט.

איך בין שפּעטער דערגאַנגען, אַז עסן מיט די הענט איז אַ סך אַ גרעסערע קונץ און אַ סך געמיטלעכער, ווי שטופּן אַ שטיק מעטאַל אין מויל אַריין...

טאַקע מיט ד״ר אַלשוואַנגער זענען מיר אין איינעם אַ טאָג אַוועק אין אַן עלעגאַנטן און רייכן אינדישן רעסטאָראַן. איך בין געווען אַ פּליט און ד״ר אַלשוואַנגער איז געווען אַ שליח פֿון קרן היסוד. ד״ר אַלשוואַנגער האָט זיך מורא געהאַט צוצורירן צו דעם „פֿייער אין די שיסעלעך״ און איך האָב שוין געהאַט דורכגעמאַכט די „הכשרה״ צו עסן דאָס „פֿייער״. האָבן מיר באַשטעלט איין מיטאָג, בלויז פֿאַר מיר, און ער, ד״ר אַלשוואַנגער, האָט געצאָלט על חשבון קרן היסוד, כדי צו זען ווי איך „שלינג די פֿלאַמען״. דער קעלנער האָט אויף אַ גרויסער מעשענער טאַץ דערלאַנגט צוועלף מעשענע שיסעלעך מיט פֿאַרשיידענע שפּייזן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿון אַ קליין פֿייערל, דערגאַנגען ביז אַ „שריפֿה״ און זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ לאַקריץ־זיסן גע־ריכט. אין דער מיט פֿון דער טאַץ — אַ מעשענע וואַזע מיט וואַסער און אַ בלאַנק־ווייס סערוועטל. לויט דער עטי־קעטע פֿון עסן, דאַרף מען נאָך יעדער שפּייז אָפּוואַשן די הענט און זיך נעמען צו אַ צווייטער שפּייז. אין צווישן בייט מען דאָס וואַסער. אַז ד״ר אַלשוואַנגער האָט געזען מיט וואָס פֿאַר אַ געמיטלעכקייט איך עס, נישט ווי דאָס וואָלטן געווען שטיקער פֿייער, נאָר ווי מילדע אייראָפּעאישע שפּיי־זן, האָט אים גענומען דער אַפּעטיט און אויך ער האָט באַ־שטעלט אַ מיטאָג. עס איז אָבער צום עסן נישט דערגאַנגען, ווייל אַלשוואַנגער האָט זיך נישט געקענט איבערווינדן און עסן מיט די הענט. בשום אופֿן נישט. דאָס איינציקע, וואָס

אלשוואַנגער האָט יאָ איבערגענומען פון די אינדיער, איז צו באַגריסן זיך דורך אַרויפלייגן די האַנט אויפן שטערן...

אַפילו ביי זיינע פריינד, די בני ישראל אין באָמביי, האָט אלשוואַנגער געגעסן בלויז פרוכטן און זיך געשפייזט אין דעם אייראָפעישן האָטעל אין דער רייכער געגנט פון באָמביי.

און דווקא די רייכע געגנט פון באָמביי איז פול מיט קאָנטראַסטן. דאָ קומען נאָך צו, צו די רייכע שטאַנדן און קאַסטעס, אויך דער אייראָפעאישער עלעמענט מיט זיינע קאָנטראַסטן.

דער תהום צווישן סאָציאַלע שטאַנדן אין אינדיע איז אַ סך גרעסער ווי אין אַלע לענדער אין דער וועלט, ווייל אויסער דורך פאַרמעגן, ווערט דער תהום טיפער צוליב די קאַסטעס. אין אייראָפע קען אין דער זעלבער קירך אַריינקומען מתפלל זיין סיי דער מאַגנאַט און סיי דער פשוטער פאָלקס־מענטש. אָבער אין אינדיע זענען אויך די טעמפּלען באַזונדערע פאַר די גראַדן פון די קאַסטעס. ביים אַריינגאַנג אין טעמפּל הענגט אַ שילד, וואָס אינפאָרמירט פון וואָס פאַר אַ קלאַס דער טעמפּל איז. אַן אָנגעהעריקער צו אַ נידעריקער קאַסטע וועט שוין אין דעם טעמפּל נישט אַריינגיין, ווייל עס איז אים נישט דערלויבט, און אויך אַ מיטגליד פון אַ העכערער קאַסטע וועט נישט אַריינגיין אַהער, ווייל ער וועט זיך נישט אַראָפּלאָזן נידעריקער פון זיין שטאַנד...

די פיר הונדערט מיליאָן אינדיער רעדן אויף הונדערט און איין און צוואַנציק שפּראַכן און דיאַלעקטן. די קאַסטעס צעטיילן דאָס פאָלק ווי אויף באַזונדערע פעלקער, הגם זיי לעבן אין די זעלבע גרענעצן. אין אַן אַנדער לאַנד וואָלט אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע סעפּאַראַציע צווישן קאַסטעס אַרויס־

גערופן אייביקע קאַמפן. אָבער אין אינדיע איז די דאָזיקע סעפּאַראַציע געוואָרן אַ נאַטירלעכע. די אינדיער זענען געוואַלדיק טאָלעראַנט און באַהערשט. אין טאָג פון געבוירן־ווערן פון אַ מענטש ווערט באַשטימט זיין גורל. דאָס אָנ־געהערן צו אַ באַשטימטער קאַסטע צייכנט אָן זיין גורל אויף זיין גאַנץ לעבן. אַן אָנגעהעריקער צו אַ נידעריקער קאַסטע ווייסט זיינע גרענעצן און זיינע מעגלעכקייטן אין דער אינדישער געזעלשאַפט און ער נעמט אויף זיך דעם גורל מיט בודיסטישער רואיקייט.

טאַקע צוליב דער דאָזיקער טאָלעראַנץ און איינגעהאַלטנ־קייט פון אינדישע פעלקער האָבן די יידישע גרופן, ווי קליין זיי זאָלן נישט זיין, קיינמאָל נישט געליטן פון זייערע נישט־יידישע שכנים, הגם זיי לעבן שוין אין אינדיע זייט העכער צוויי טויזנט יאָר. די קאָטשינער יידן זענען וואָר־שיינלעך אָנגעקומען קיין אינדיע נאָכן חורבן בית שני און די בני ישראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. אויב די קאָ־טשינער יידן האָבן געליטן, האָבן זיי געליטן פון פרעמדע אָקופּאַנטן — פון די פּאָרטוגעזער, וואָס האָבן אין יאָר 1525 פאַרברענט דעם צענטער פון די קאָטשינער יידן אין קראַנגאַנור און שפּעטער אויסגערויבט זייער סינאַגאָגע אין קאָטשין, און זיי האָבן אויך געליטן פון די האָלענדער. אָבער די הינדו, צווישן וועלכע די קאָטשינער יידן לעבן זייט הע־כער צוויי טויזנט יאָר, זענען געווען טאָלעראַנט צו זיי, פּונקט ווי די מאַראַטהי זענען תמיד געווען טאָלעראַנט צו די בני ישראל.

די טאָלעראַנץ צווישן די קאַסטעס האָט איין תנאי: גיי נישט אַריבער מיין גרענעץ און איך וועל נישט אַריבערגיין דיין גרענעץ. לעב דיין אייגן לעבן לויט דיינע מעגלעכקייטן און מיש זיך נישט אין מיין לעבן. ווער עס ווערט געבוירן

אַ פּאַריער — דער מוז שטאַרבן אַ פּאַריער. ווער עס ווערט געבוירן אין דער אַריסטאָקראַטיע, דער וועט שטאַרבן אַן אַריסטאָקראַט. אויף הייזער, וואָס זענען באַווינט פון באַג־דאַדער יידן האָב איך געזען שילדלעך, וואָס וואָרענען, אַז דאָס הויז איז אַ יידישס, כדי נישט אַריינצולאָזן אַהין אַנדערע.

אין באָמביי איז פאַראַן אַ געמיינשאַפט פון אַלטע פּערסער. זיי רופן זיך פּאַרסיס. לויט זייער אויסערלעכקייט זענען די פּאַרסיס זייער ענלעך צו אייראָפּעאישע יידן און אויך אין זייער באַנעמען זיך איז פאַראַן עפּעס ווי פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן. ביים מתפּלל זיין באַוועגן זיי זיך אַזוי ווי יידן. גייען אָנגעטון אין דריי־פּערטלדיקע געהאַקטע קאַפּאָטעס, אַזוי ווי אַמאָל „אויפגעקלערטע" יידן אין פּוילן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן נעענטער מיט פּאַרסיס, ווען אין דער שכנות, ווו איך האָב געווינט אין באָמביי, איז עמעצער פון זיי געשטאָרבן. איך האָב געהערט די געוויינען אין שטוב פון דעם געשטאָרבענעם, געוויינען, וואָס האָבן מיר דערמאָנט ענלעכע אין קליינע יידישע שטעטלעך אין פּוילן. בין איך אַריין אין דער שטוב און געזען אַן אויסטערליש בילד: קרובים פון דעם געשטאָרבענעם האָבן פאַרהאָנגען די שפּיגלען, אַזוי ווי מען פלעגט דאָס טון אין יידישע שטעטלעך. דער קערפּער פון געשטאָרבענעם איז אָפּגעהויבן געוואָרן אויף דער ערד און די תפילות איבערן קערפּער האָבן אין קלאַנג דערמאָנט דאָס תהלים־זאָגן נעבן אַ מת. זיי האָבן אָבער נישט קיין שום שייכות צו יידן, אויסער דעם, וואָס יידן זענען געווען אין בבל און די פּאַרסיס שטאַמען פון בבל.

זייער נביא איז זאַראַהאַסטראַ, דער פּראָטאָטיפּ פון פרידריך ניטשעס זאַראַטוסטראַ. זייער רעליגיע באַשטייט אין

פאַרהייליקן די פיר עלעמענטן: פייער, וואַסער, ערד און הימל. אין זייערע טעמפלען ברענט אַן אייביק פייער, וואָס ווערט כסדר אונטערגעהאַלטן דורך זייערע גלויביקע. פאַר יעדן טעמפל פאַרקויפט מען שייטלעך האָלץ און גלויביקע פאַרסיס, וואָס גייען פאַרביי דעם טעמפל, קויפן אַ שייטל האָלץ און גיבן עס איבער דעם שמש, וואָס שטייט ביי דער טיר.

צוליב דעם, וואָס ביי זיי איז פאַרהייליקט די ערד, פייער און וואַסער — קענען זיי נישט, נישט באַגראָבן און נישט פאַרברענען און אויך נישט אַריינוואַרפן אין וואַסער זייערע מתים. זיי גיבן דעריבער אַוועק זייערע מתים צו רויב־פייגל.

און ווידער איז די לוויה פון דעם געשטאָרבענעם פאַרסי ענלעך צו אַ יידישער לוויה אין אַ קליין שטעטל אין מזרח־אייראָפּע — ביז דער „קבורה". איך האָב באַגלייט די לוויה ביז צו דעם אויסטערלישן „בית־עולם", וואָס איז דאַכט זיך איינציק אין דער וועלט.

אויף מאלאבאר היל, אין דעם אויבערשטן טייל פון באָמביי, אין אַ גרויסן גוט־געפלעגטן פאַרק שטייען צוויי טורעמס, וואָס רופן זיך „די טורעמס פון שטילקייט". דיביימער אין פאַרק זענען געדיכט באַזעצט מיט רויב־פייגל פון דער אָדלער־משפחה. די פייגל וואַרטן שטיל אויף די צווייגן פון די ביימער. אָבער ווען די לוויה האָט זיך דער־נענטערט צום פאַרק, נאָך איידער עס איז געעפנט געוואָרן דאָס טויער, איז ווי אַ ציטער אַדורך אין דער לופט. די פייגל זענען געוואָרן אומרואיק, האָבן אָנגעהויבן איבער־פליען פון בוים צו בוים, זיך דערנענטערט צו די ביימער נענטער צו די טורעמס. דאָרט זענען די ביימער שוואַרץ געוואָרן פון זיי. עס איז געווען אַזאַ טיפער קאָנטראַסט

צווישן דער מאַסע שוואַרצע רויב־פֿייגל און דער מאַסע מלווים אָנגעטון אין ווייסע טרויער־קליידער. ביים אריינ־גאַנג צו איינעם פֿון די „טויערן פֿון שטילקייט", איז די לוויה שטיין געבליבן. און ווידער תפֿילות מיט אַ ניגון, וואָס האָט דערמאָנט אין דעם יידישן „אל מלא רחמים" און דעם פֿון בבל־אָפּשטאַמיקן „יתגדל ויתקדש". די נושאי־המטה פֿאַרשווינדן אין טורעם, קומען באַלד אַראָפּ צוריק און אין אַ וועלכע פֿינף־צען מינוט טוען זיך אַ לאָז צום דאַך פֿון טורעם טויזנטער רויב־פֿייגל מיט אַזאַ פֿייף און געקלאַפּעריי פֿון די פֿליגל, אַז ווען זיי פֿאַרשווינדן אויפֿן דאַך ווערט אַזוי שטיל אין פּאַרק, ווי אַלץ אַרום וואָלט אויסגעשטאָרבן.

עס איז די גרויסע, שטילע „סעודה" פֿון רויב־באַשעפֿע־נישן...

די דאָזיקע סצענע האָט מיך דערשיטערט. איך האָב שוין געוווּסט, אַז די פּאַרסיס געהערן צו דער אַריסטאָקראַטיע, זיי זענען מענטשן פֿון אַ הויכער קולטור און פֿאַרנעמען וויכטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין דער אינדישער אינ־דוסטריע און אין די אַקאַדעמישע פּראָפֿעסיעס. האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געפֿרעגט איינעם פֿון די פּאַרסיס דעם זין פֿון אָט דעם שטייגער, איז דאָך עס באַר־באַריזם איבערצוגעבן אַ מענטשלעכן גוף ער זאָל צעפֿרעסן ווערן פֿון רויב־פֿייגל.

דער פּאַרסי האָט אַ פֿאַרשטאַנדיקן שמייכל געטון און מיר געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון העכערקייט:

— אומגעקערט. פֿאַרטראַכט זיך גוט און דו וועסט אפֿשר קומען צו אַ פֿאַרקערטן אויספֿיר, אַז באַרבאַריש איז צו באַגראָבן א מת, אָדער אים צו פֿאַרברענען. אונזער שטייגער איז דאָך פֿון אַ פֿיל העכערער מדרגה, אויב דער לעצטער טאָט פֿון דעם מענטש, אפֿילו נאָך זיין טויט, איז מיט זיין

אייגענעם גוף צו קרעפטיקן לעבעדיקע באַשעפענישן...

גאָר אַנדערש טראַכטן די אינדיער וועגן סוף פונעם מענטש. און כדי צו באַקענען די צוויי קאָנטראַסטן, וואָס לעבן אונטער איין דאַך זייט טויזנטער יאָרן, בין איך געווען אויף אַן אינדישער לוויה. דאָ זענען נישטאָ קיין תפילות. אויף דעם גאַנצן וועג צום „בית עלמין" ווערט דער טויטער באַוואָרפן מיט בלומען־פליטערלעך. אַלע מאָל קומט אונטער אַ צווייטער און טוט אַ שיט אַ זשמעניע בלומען־פליטער־לעך פון פאַרשיידענע פאַרבן. אויפן „בית עלמין" זעצן זיך אַרום די מלווים אַרום דעם מת און מיט פעכערס טרייבן זיי פון אים אָפּ די פליגן, מאַכן אים „אָנגענעם" מיט אַ פריש פעכער־ווינטל. ווען אַלע האָבן פאַרענדיקט דאָס אָפּגעבן אים כבוד אויף אַזאַ אופן, ווערט דער מת אַרויפגעטראָגן אויפן ברען־פלאַץ, ווו עס וואַרט שוין אַ סטערטע האָלץ. דער גוף ווערט ארויפגעלייגט אויפן שייטער און אונטער־געצונדן. אָרעמע ווערן פאַרברענט צו עטלעכע אויף איין שייטער; מער פאַרמעגלעכע — ווערן פארברענט באַזונדער.

האָב איך געפרעגט אַן אינדיער:

— וואָס איז דער זין פון פאַרברענען דעם קערפּער, עס בלייבט דאָך אַפילו נישט קיין קבר נאָך אים?

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:

— איידער דער מענטש ווערט געבוירן איז גאָרנישטאָ פון אים אויף דער ערד, איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז נאָך זיין טויט זאָל ער זיך אומקערן צו גאָרנישט, זיך אויפ־לייזן אין גאָרנישט...

פאַר יעדן איז נאַטירלעך זיין אַלטער שטייגער און קיינעם אין אינדיע וווּנדערט נישט דער שטייגער פון אַ צווייטן.

אינדיע איז אַלט, טיף און קאָמפּליצירט. אינדיע איז דער

גרויסער סוד, וואָס וויפל מען זאָל אים נישט לייזן בלייבט ער תמיד סוד.

די אַלטע אינדישע טעמפּלען ווייזן אויף אַ מעכטיקער אַלטער קולטור. אָבער, אַז מען פּרוווט טיפער אריינגיין אין אינדישן פאָלק, ווערט אומפאַרשטענדלעך די סיבה, פאַרוואָס די דאָזיקע גרויסע קולטור האָט זיך ערגעץ־ווו איבערגע־ריסן. פאַרמאָגט דאָך אויך היינט, ווי אינדיע האָט תמיד פאַרמאָגט, א גרויסע גייסטיקע אינטעליגענץ, פילאָזאָפן און דיכטער, אידעאַליסטן, וואָס זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זייער פאָלק.

דער ענטפער, אַז די אימפּעריאַליסטישע באַצווינגער, די פאָרטוגעזער, שפּעטער די האָלענדער און נאָך שפּעטער די ענגלענדער, זענען געווען דער דעסטרוקטיווער גורם — דער דאָזיקער ענטפער איז דער שוואַכסטער, ווייל אינדיע איז אַ מענטשן־ים, וואָס קיין שום מאַכט אין דער וועלט קען אים נישט באַהערשן, אויב דאָס פאָלק זאָל זיין אַקטיוו קעגן דעם. אפשר וועלן מיר זיין נעענטער צום אמת, ווען מען וועט אָננעמען, אַז אינדיע לעבט פון קדמונים אַ פּאַמע־לעכדיק לעבן, באַדינגט דורך דעם שווערן קלימאַט און דעם אַלטן פּעאָדאַלן שטייגער פון רייכע ערד־באַזיצער און פויערים, וואָס האָבן נישט קיין לאַנד און קיין מכשירים צו באַאַרבעטן דעם גערודונגענעם באָדן און קיין וואַסער צו באַ־וואַסערן דעם באָדן.

איך האָב געזען ווי אין אַ הייסן טאָג האָט אַ פויער גע־אַקערט אַ שטיקל באָדן מיט אַ פרימיטיוון אַקער געשלעפּט פון אַן אויסגעהונגערטן אָקס. דער אַקער האָט קוים צע־קראַצט דעם פאַרטרוקנטן באָדן און אין דער מיט פון דער אַרבעט האָבן זיך ביידע, סיי דער אָקס און סיי דער פויער,

אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. ביידע האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו דער פאַרעקשנטער ערד.

מאַהאַטמאַ גאַנדי האָט אָנגעצונדן גלויבן אין די הערצער פון דעם אינדישן פאָלק און ער האָט זיי גערופן צו פאַ־סיוון ווידערשטאַנד קעגן די בריטן. אָבער צי פעלט דעם אינדישן פאָלק גלויבן און צי איז עס נישט אין אַ מין פאַסיוון צושטאַנד במשך פון דורות?

פונקט ווי דער אויסגעטרוקנטער באָדן ווערט צעקראַצט פון דעם פרימיטיוון אַקער און דער אַקער קערט קיינמאָל נישט איבער די ערד צו באַפרייען אירע כוחות, אַזוי, דאַכט זיך, ווערט אויפגערודערט בלויז אַ דינער שיכט פון דער אינטעליגענץ אין אינדיע, בעת צו די טיפענישן פון פאָלק דערגייט נישט דער נויטיקער געזעלשאַפטלעכער אומרו.

דער סיסטעם פון קאַסטעס טאַרמאַזירט די אַנטוויקלונג אויך פון שטאָטישן פראָלעטאַריאַט. אין אינדיע קען זיין אַ באַוווסטזיניקער באַן־אַרבעטער, אָדער טראַמוויי־אַרבעטער, אָבער אין זיין פראָפעסיאָנעלן פאַראיין וועט ער אָפהיטן, אַז צו אים זאָלן געהערן מיטגלידער בלויז פון זיין קאַסטע...

אין איינע פון די גאסן פון באָמביי האָב איך געזען אַ קליין שילדל אויף אַן אָפענער קראָם: „קאָמוניסטישע פאַרטיי". די קראָם האָט זיך נישט אונטערשיידט פון אַלע קראָמען און איך בין אריין זען דעם „לאָקאַל" פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אויף דער ערד זענען געשלאָפן עטלעכע אינדיער. עס איז געווען אין מיטן טאָג. מיין ארייַנקום האָט קיינער נישט באַמערקט. איך בין געשטאַנען אַ פינף מינוט טאָמער וועט זיך עמעצער פון די שלאָפנדיקע אויפכאַפּן. איך האָב זיך אויף דעם נישט דערוואַרט. עס איז ארייַנגעקומען נאָך איינער, וואָס האָט מיך געזען

און ער האָט מיר אפילו נישט געפרעגט וואָס איך ווייל. ער האָט זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד און גאָרנישט איז אים אָנגעגאַנגען. ס׳איז הייס, הייס, הייס. די היץ ברענט אין די ביינער און מען ווערט פויל.

מענטשן גייען אין די גאסן פאַמעלעך, יעדער צווייטער איז מעלי־גירה שארפע געווירצן, וואָס ער וויקלט פריער איין אין א גרינעם בלאַט און נאָכן אָפּמעלי־גירהנען אַ האַלבע שעה שפייט ער אויס א רויטן פלאַם. אומעטום שפייט מען די רויטע געווירצן־פלעקן: אויף דער גאס, דורכן פענצטער פון טראַמוויי, פון דער טיר פון א קראָם, אָדער איבער אייער קאָפּ פון ערגעץ אַ שטאָק. אין מיטן די הויפּטגאסן שפּאַצירן קי, זיי שפּאַצירן אויף די טראָטואַרן, אויף די וועגן, זיי שטעקן אריין די קעפּ אין די אָפענע קראָמען און מען דערלאַנגט זיי עפּעס עסן. אָדער אָט פאַרגלוסט זיך א קו אוועקצולייגן אין מיטן דער גאס און זי פאַרהאַלט די באַוועגונג. דער טראַמוויי קלינגט, דער אויטאָ טרומייטערט. דער קו גייט עס נישט אָן. זי ליגט. זי איז הייליק און קיינער וועט איר קיין שלעכטס נישט טון. דער טראַמוויי־פירער, אָדער שאָפער, גייען ארויס פון די מאַשינען און באַמיען זיך צו באַוועגן די קו זאָל פריי מאַכן דעם וועג.

און ווי די קי, אזוי קענט איר זען אין מיטן העלן טאָג אויף איינעם פון די פלעצער אין צענטער פון באָמביי ליגן מענטשן און דרימלען, אַנדערע פאַרבינדן דאָס ליגן אויף דער גאס מיט פאַרגעניגן. פאַר אַ פּאָר אַנאַס לאָזט מען זיך גוט אויסטרעטן די פּלייצעס. אויסטרעטן די פּלייצעס איז ביי אינדיער פונקט אזא פאַרגעניגן ווי ביי אַן אַמאָליקן ייד אין אַ קליין שטעטל זיך לאָזן אויסשמייסן די פּלייצע מיט אַ בעזעמל אין מרחץ. זעט איר: אויפן

טראַטואַר ליגן מענטשן מיט נאַקעטע פּלייצעס און אַנדערע טרעטן זיי אויף די פּלייצעס מיט די נאַקעטע פיס. די, וואָס ווערן געטרעטן, קרעכצן פון פאַרגעניגן. נאָך אַנדערע לאָזן זיך אויסמאַכן אַן אויער. אויף דעם זענען פאַראַן ספּעציעלע מומחים.

און אַלץ גייט דאָ צו פּאַמעלעך און אַלץ איז אַנדערש ווי אין מערב. גאַנדי איז באַטראַכט געוואָרן דורך דער פּשוטער מאַסע ווי אַ הייליקער, דורכן פּראָלעטאַריאַט ווי אַ רעוואָלוציאָנער — אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס טרינקט ציגן־מילך, פאַסט תעניתים און פּיפּיקע פאַבריקאַנטן נוצן אויס זיין קאַמף „פאַר אַ וועבשטול אין יעדן פּויערישן הויז" צו עקספּלאָאַטירן די פּויערים, נאָך דעם ווי זיי ווערן עקספּלאָאַטירט דורך די רייכע ערד־באַזיצער.

אָבער ווי געזאָגט: אין אַ דינעם שיכט פון דער אינטעליגענץ, אויף די אוניווערסיטעטן „ברויזט". איך נעם אַריין דאָס וואָרט ברויזט אין גענזנפיסלעך, ווייל אַ ברויזונג ווי אין אייראָפּעישע לענדער איז דאָ נישט מעגלעך. אַזאַ ברויזונג ליגט נישט אין כאַראַקטער פון דעם מזרח־מענטש און עס דערלויבט אים נישט אויף דעם דער קלימאַט.

איך האָב אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען דער עולם קלייבט זיך לייגן שלאָפן אויף דער גאַס, בייגעוווינט אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע. פאַרויס זענען געגאַנגען עטלעכע יוגנטלעכע און געוואָרפן לאָזונגען, קיינער האָט די לאָזונגען נישט אונטערגעהאַלטן, ווייל ס'איז געווען נאָך זייער אַ הייסן טאָג און דער עולם האָט נישט געהאַט קיין כּוח צו שרייען. אַז די פּאָליציי, באַוואָפנט מיט שטעקנס, איז אָנגעפאַלן — איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען. נאָך

אזא טאָג דאַרף מען גיין שלאָפן. אָבער ווען אזא דעמאָנ־סטראַציע קומט פאָר אין אַ טאָג, ווען די היץ איז נישט אזוי שטאַרק — נעמט דער עולם אַנטייל אין וואַרפן לאָזונגען און אפילו אין געשלעגן.

דער פשוטער אינדיער באַגנוגנט זיך מיט זייער ווייניק. זיין באַשפּייזונג איז באַשיידן. א טעלער קאַרי־רייז איז פאַר אים גענוג אויף מיטאָג, צוויי באַנאַנעס האָט ער גענוג אויף פרישטיק. א האַלבע קאַווענע מיט נאָכטרינקען צוויי גלעזער וואַסער איז א גוטע וועטשערע. אָבער נישט אַלע האָבן דאָס. אין די דערפער איז אויך דאָס — לוקסוס.

אז דער פשוטער אינדיער פאָרט מיט דער באַן — פאָרט ער אין א לאַסט־וואַגאָן.

צוגלייך מיט דעם לעבן די רייכע שיכטן אין לוקסוס, וווינען אין פּאַלאַצן, וואָס אפילו אין די הייסע טעג איז דאָרט קיל. און זיי לאָזן אנדערע אַרבעטן פאַר זיך. די אַרבעט איז ביליק און דינערשאַפט איז ביליק און איבערהויפּט איז דער נידעריקער שיכט ביז גאָר ביליק...

אין אינדיע איז קיינמאָל נישט געווען אַנדערש. דאָ ענדערן זיך תקופות בלויז פאַר א זייער דינעם שיכט. ווי נאָר איר פאָרט אַרויס א צוואַנציק קילאָמעטער הינטער קאַלקוטאַ, צי באָמביי אָדער מאַדראַס — געפינט איר זיך צוריקגעשטויסן אויף א צוויי, אָדער דריי טויזנט יאָר — דער זעלבער פּרימיטיווער אַקער, די זעלבע לעבנס־באַדינגונגען, געגנוי דער זעלבער שטייגער און דער זעלבער הונגער. דער אידעאַל פון א הינדו איז, אז דער דאָזיקער אַלטער שטייגער זאָל בלייבן. און מאַהאַטמאַ גאַנדי איז אייגנטלעך פאַר דער זעלבער איינגעהאַלטנקייט, פאַר דעם אייביק „קלאַסישן" שטייגער, נאָר דער אינדיער זאָל האָבן מער צו עסן און ער זאָל זיין בלויז מיט זיך אליין, אָן

פרעמדע זאָלן מיט אים רעגירן, און אָן אים ברענגען די מאָדערנע ציוויליזאַציע.

אייגנטלעך איז דער דאָזיקער אלטער שטייגער דער יסוד פון בודיזם, די פילאָזאָפיע פון דעם אינדישן פאָלק. דער אינדישער רעליגיעזער דיכטער קאביר זעט אפילו נישט די נויטווענדיקייט צו בויען טעמפלען, ווייל פאר גאט דאַרף מען נישט קיין ספעציעל געבעט־הויז. „גאט איז אין מיר" — זאָגט ער — „גאט איז ארום מיר און אומעטום, ווו איך גיי, איז ער פאראן. צו וואָס־זשע זענען נויטיק טעמפלען אָדער א באשטימטע צייט צו מתפלל זיין ?".

אויף א מיטינג פון סטודענטן אויפן באָמבייער אוני־ווערסיטעט האָב איך זיך צוגעהערט צו די ענטוזיאסטישע רעדעס און אויסגעפונען, אז די מערהייט לאָזונגען זענען ארויסגענומען פון ראדיקאל־סאָציאליסטישע בראשורן פון מערב־אייראָפּע. באמת זייער שיינע לאָזונגען, וואָס קענען באגייסטערן יעדן יוגנטלעכן, וואָס איז דורכגענומען מיט אידעאליזם. עס איז אָבער א גרויסער צווייפל צי די סטודענטן אויפן באָמבייער אוניווערסיטעט האָבן ווען עס איז טיפער געלערנט די געשיכטע פון אייראָפּע און די סאָציאלע קאמפן אין אייראָפּע, ביז אייראָפּע איז דערגאַנגען צו די דאָזיקע שיינע לאָזונגען. צו אינדיע קומט עס נישט. קיין איינע פון די לאָזונגען, אויסער גענוג ברויט און זעלבסטבאַשטימונג פון אינדיע — איז קיין איינע פון די לאָזונגען נישט געווען צוגעפאַסט פאר די באדינגונגען פון אינדיע.

איך האָב געפרעגט אן אינדישן אינטעליגענט, ער זאָל מיך אינפאָרמירן, ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס אויפ־בויען דעם טעמפּל אויף דעם עלפאַנטן־אינזל נעבן באָמביי,

אָדער דער ווישנו־טעמפּל אין כאַדזשוראַאָו? ער האָט געענטפערט קורץ: צום ווינציקסטן הונדערט יאָר, אָדער אפשר מער.

די גרויסע קונסט־לייסטונגען פון אינדיע און די קולטור־רעליגיעזע אַנטוויקלונגען מערקט מען ערשט אויף דיסטאַנסן פון דורות. דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר אינדיע, ווי פאַרן גאַנצן מזרח, וווּ אַלץ ווערט באַווירקט דורך די קלימאַטישע באַדינגונגען. געלאַסן, געלאַסן. און בעיקר טאַקע אין אינדיע, וווּ די מאַסע איז אַזוי גרויס און אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, אַז די אָפּהילכן פון אַ באַוועגונג אין צענטער דערגייען פּאַמעלעך און זייער שוואַך צו די ראַנדן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט רעדט אינדיע אויף הונדערט און איינאונצוואַנציק שפּראַכן און דיאַלעקטן. איינע און די זעלבע רעליגיע — בודיזם — איז אַנדערש אין פאַר־שידענע עקן פון לאַנד. די מנהגים און געוווינהייטן צווישן פאַרשידענע גרופּן זענען אַזוי גרויס, ווי דאָס וואָלטן געווען גאָר אַנדערע פעלקער. דערביי האָבן אַלע דאָס טיפע באַוווּסטזיין פון איין פאָלק.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָב איך בייגעוווינט אַ חתונה־מאַרש איבער די גאַסן. אויף צוויי עלפאַנטן האָט מען באַזונדער געפירט דעם חתן און די כלה. די עלפאַנטן זענען געווען באַצירט מיט ראָזע בלומען. אויף איין עלפאַנט איז געזעסן אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף און אויפן צווייטן — אַ מיידל פון אַ יאָר עלף. פאַר די עלפאַנטן איז געגאַנגען אַן אָרקעסטער און די אויסגעפּוצטע מחותנים זענען געווען באַהאָנגען מיט בלומען־קראַנצן. אויף קישעלעך פאַר די עלפאַנטן האָט מען געטראָגן צירונג, מסתמא איז דאָס

געווען דרשה־געשאַנק, אָבער די הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם חתונה־מאַרש, האָבן אַלע צוזאַמען זיכער נישט פאַרמאָגט דאָס, וואָס די דאָזיקע חתונה האָט אָפּגעקאָסט. און אייגנטלעך איז דאָס אַ מין פאָר־חתונה, ווייל די קליינע מינדעריעריקע קינדער גייען דאָך נישט באַלד פאַרלייגן אַ פאַמיליע. נאָך דער חתונה וועלן זיי ווייטער זיין ביי זייערע עלטערן און ווען זיי וועלן רייף ווערן — וועט זיין דיווירקלעכע חתונה. צי האָבן די אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו אָט דעם רייכן חתונה־ספּעקטאַקל, אויסגעדריקט געפילן פון קנאה? שיינט מיר, אַז נישט, ווייל אין דעם דאָזיקן לאַנד איז עס אַ טייל פון דעם אַלטן איינגעוואָרצלטן שטייגער צו בלייבן אין דעם סאָציאַלן שטאַנד, אין וועלכן עס לעבט אפשר די גאַנצע קאַסטע, צו וועלכער דער מענטש געהערט: אָרעם געבוירן געוואָרן, וועט ער שוין דאָס גאַנצע לעבן זיין אָרעם און שטאַרבן אָרעם. רייך געבוירן — וועט ער אויך רייך לעבן און שטאַרבן אַ רייכער.

איך האָב באַמערקט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פאַר אינדיע:

עס איז, למשל, אַ באַקאַנטע זאַך, אַז ביי יידן האַלט זיך נישט רייכקייט מער ווי דריי דורות: דער ערשטער דור ווערט רייך, דער צווייטער דור געניסט פון דעם רייכטום און דער דריטער פאַרלירט עס. ביי נישט־יידן אין אייראָפּע האַלטן זיך די רייכטימער לענגער, אָפּהענגיק פון דעם לאַנד און אָפּהענגיק פון רעוואָלוציעס און מלחמות. אָבער אין אינדיע גייען איבער די רייכטימער צו צענדליקער דורות און יעדער דור זאַמלט ווייטער און פאַרגרעסערט זיינע רייכטימער, ווייל במשך פון הונדערטער יאָרן האָט זיך דער געזעלשאַפטלעכער שטייגער מיט גאָרנישט געענדערט,

אפילו, ווען אינדיע איז באהערשט געוואָרן פון פאַרשידענע פרעמדע מאַכטן.

אין איינעם אַ יידישן פּענסיאָן אין באָמביי קומט יאָר־יערלעך אויף דער צייט פון די ימים נוראים אַן אויסטער־לישער גאַסט: ער איז א פאַרוואַלטער פון דעם פאַרמעגן פון א מאַהאַראַדזשע ערגעץ אין מזרח־אינדיע. איך וועל זיין נאָמען נישט דערמאָנען, ווייל ער איז אַ ייד און ער האָט נישט געוואָלט, אז מען זאָל וויסן, אז ער איז א ייד. זיין מאַהאַראַדזשע ווייסט אפילו נישט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ ייד, אָבער דער דאָזיקער ייד ווייסט דאָך יאָ וואָס ער איז און ער ווייסט, אז זיין יידישקייט וואָלט אים אפשר געשטערט צו זיין דער פאַרוואַלטער פון אזא פאַר־מעגן פון א קריסטלעכן פירשט אין אייראָפּע. באהאלט ער אויס זיין יידישקייט אויך דאָ, אין אינדיע, פאר זיין בראַהאַמינישן מאַהאַראַדזשע. אויף די ימים נוראים קומט ער קיין באָמביי, שטייט־איין אין א יידישן פּענסיאָן און צאָלט אָפּ זיין יידישקייט־שטייער דורך גיין אין א שול ראש־השנה און יום־כפור.

האָט מיר דער ייד דערציילט:

דער מאַהאַראַדזשע פאַרמאָגט זיין אייגנס א באָדן־שטח, וואָס איז גרעסער פון ארץ־ישראל. קיין איין פּויער אויף דעם דאָזיקן שטח פאַרמאָגט נישט זיין אייגנס קיין מעטער באָדן. אַלץ געהער דעם פירשט, וואָס פאַרדינגט טיילן פון דעם באָדן צו די פּויערים און זיי צאָלן אים פאַרן נוצן דעם באָדן. אזא איז דער שטייגער זייט הונדערטער און און אפשר טויזנטער יאָרן. אויף דעם דאָזיקן ריזיקן שטח זענען נישט פאַראַן קיין געפּלאַסטערטע וועגן און קיין פּאָליציי. דאָס אַלץ איז אומנויטיק. דער מאַהאַראַדזשע האָט אַ קליינע אָפּטיילונג מיליטער, אָבער דאָס גאַנצע

מיליטער איז באַשטימט בלויז אויף צו היטן דעם שאַך־קאַמער פון מאַהאַראַדזשע. אין שלאָס פון מאַהאַראַדזשע איז פאַראַן אַ באַזונדער הויז פאַר דעם ירושה־פאַרמעגן: גאָלדענע כלים, איידלשטיינער, פערל, טייערע אַנטיקן און קונסט־אוצרות. אויף פייערלעכקייטן לכבוד דעם מאַהאַראַדזשע, טוט זיך אָן דער בעל־דבר אין זיין טראַכט און זעצט זיך אויף איין זייט וואָג און אויף דער צווייטער זייט וואָג לייגט מען אַרויף אַזוי פיל צירונג, וואָס וועגט איבער דעם קערפּער פון דעם פירשט. די רייכטימער ווערן וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער. ער, דער ייד, איז אייגנטלעך דער איינציקער מיניסטער אין דער דאָזיקער מדינה און ער פירט בלויז די געשעפטן פון דעם מאַהאַראַדזשע — אויסער די געשעפטן אין זיין פירשטנטום, אויך די ענינים אין די לאָנדאָנער בענק. דער ייד איז פון ענגלאַנד, אָבער זיינע עלטערן שטאַמען פון אַ ליטוויש שטעטל. איך האָב געפרעגט דעם ייד: אויף וויפל שאַצסטו דאָס פאַרמעגן פון דיין פירשט? ער איז געווען דיסקרעט, אָבער כדי מיר צו געבן אַ באַגריף פון דעם פאַרמעגן האָט ער געזאָגט: דאָס רייכטום פון דעם מאַהאַראַדזשע באַטרעפט מער ווי דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די העכער אַ מיליאָן איינוווינער, וואָס באַוווינען דעם שטח פון זיין פאַרמעגן...

דער מאַהאַראַדזשע האָט נישט מורא געהאַט נישט פאַר קיין רעוואָלוציעס, נישט פאַר מלחמות און אפילו נישט פאַר די פרעמדע, וואָס עקספּלאָאַטירן אינדיע. דאָס פאָלק לעבט אין אַ סטאַבילן שטייגער, אין ווייסטער אָרעמקייט, אָבער דעם פאָלק פאַלט אפילו נישט איין צו רעוואָלטירן, ווייל נישט די היינטיקע און נישט עלטערזיידעס האָבן רעוואָל־טירט. בודיזם און רעוואָלט? די צוויי גייען נישט צוזאַמען. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שטייגער איז אויך אַ צוויי־

טער פאַל, גאָר פון אַן אַנדער מין: אין אַ געזעלשאַפט פון יידן, וואָס זענען געקומען קיין אינדיע אין דער צייט, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד, האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ ווינער פרוי. די פרוי איז תמיד געווען אַליין אין דער געזעלשאַפט, הגם מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אַ זייער רייכן און נעטן מאַן, נאָר דעם מאַן קומט נישט אין דער געזעלשאַפט מיט זיין פרוי. שפעטער האָב איך באַגעגנט די מוטער פון דער פרוי — אַן עלטערע דאַמע, וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען קיין ווין מיט איר מאַן פון גאַליציע. די עלטערע דאַמע איז געווען שטאַרק איינזאַם און איך האָב איר נישט געדאַרפט צופיל פראָוואָצירן זי זאָל ווערן באַרעדעוודיק. זי האָט געזוכט עמעצן, פאַר וועמען זי זאָל קענען אויסרעדן דאָס האַרץ, ווייל איר טאָכטער איז א יונגע פרוי און האָט נישט פאר איר קיין געדולד. אויסער דעם האָט איר טאָכטער אירע אייגענע צרות...

און די עלטערע דאַמע האָט מיר דערציילט:

איר טאָכטער האָט שטודירט מעדיצין אויפן ווינער אוניווערסיטעט. צוזאַמען מיט איר האָט אויף דעם זעלבן פאַקולטעט שטודירט אַ רייכער יונגערמאַן פון אינדיע. דער יונגער אינדיער האָט זיך פאַרליבט אין איר טאָכטער און געבעטן זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. דאָס מיידל האָט נאַטירלעך נישט גענומען ערנסט די ליבע פון דעם אינדיער. עס וואָלט איר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו האָבן אַלס מאַן אַן אַזיאַט... זי האָט געהאַט אירע אייגענע פלענער און אירע אייגענע אַמביציעס, זייער גרויסע אַמביציעס. אין דער אמתן האָט זי ליב געהאַט אַ קריסטלעכן יונגנמאַן, וואָס איז געווען אַן אָנהענגער פון היטלעריזם. אָבער דעמאָלט האָט שוין דער היטלעריזם געבושעוועט אין עסטרייך. נאָך

דעם מאָרד פון דאָלפוסן אין ווין, ווען די אַטמאָספער איז געוואָרן אַ שווערע, האָט שוין סיי דאָס מיידל און סיי דער אינדישער יונגערמאַן געהאַט פאַרענדיקט די סטודיען און אין טאָג פון געזעגענען זיך, ווען דער יונגערמאַן האָט זיך געקליבן צוריקפאָרן אין זיין ווייטן עקזאָטישן לאַנד, האָט ער געזאָגט צום מיידל:

„ווען דער מצב אין עסטרייך וועט ווערן אַזאַ שווערער, אַז יידן וועלן מוזן אַנטלויפן פון ווין, טעלעגראַפיר צו מיר און איך וועל דיך נעמען צו זיך. וועסט זיין מיין קעניגין".

היטלער האָט באַזעצט עסטרייך. דער פאָטער פון דעם מיידל איז אין איינער אַ נאַכט פאַרשלעפּט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך היטלערישע באַנדיטן. די עלטערע פרוי מיט איר איינציקער טאָכטער האָבן זיך געפונען אין פאַרצווייפ־לונג. וואוהין צו לויפן איז נישט געווען. דאָס מיידל האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון דעם אינדישן יונגנמאַן און טעלעגראַפירט צו אים, אַז זי איז גרייט צו קומען צו אים, אָבער בתנאי ער זאָל אויך ראַטעווען איר מוטער. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט די בריטישע אַמבאַסאַדע אין ווין געמאָלדן דעם מיידל און איר מוטער, אַז עס ליגן פאַר זיי גרייט אַריינפאָר־וויזעס קיין אינדיע און אויך אַ רייזע־ביוראָ האָט זיי געמאָלדן, אַז צו זייער דיספּאָזיציע זענען פאַראַן בילעטן און שיפסקאַרטן און אויך אַ געוויסער גענויער סומע געלט אויפן וועג.

מיט צוויי חדשים שפּעטער זענען ביידע פרויען אָנגעקומען קיין באָמביי. עס איז פאַר זיי געווען צוגעגרייט אַן אַפּאַר־טאַמענט אין אַ רייכן האָטעל. די טאָכטער האָט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט דעם אינדישן יונגנמאַן און כדי צו געווינען איר האַרץ, האָט ער איר געלאָזט איינאָרדענען די

גאַנצע ווירטשאַפט אויפן אייראָפּעאישן שטייגער, אויפן ווינערישן שטייגער.

אין איינעם פון די רייכסטע פּערטלען אין באָמביי האָט דאָס יונגע ווייבל איינגעאָרדנט אַ ריזיקע וווינונג, מיט מאָדערנע מעבל, מיט זילבער־באַשטעק, אויסגעשריבן פון לאָנדאָן, און מיט אַן אייראָפּעאישן שלאָפצימער, וואָס וועגן אַזעלכן האָט מסתמא אַמאָל די יונגע פרוי געטרוימט. עס איז איר אָנגעקומען געגנוג לייכט צו געוווינען איר מאַן, ער זאָל שלאָפן אין אַן אייראָפּעאיש בעט, עסן אייראָפּעאישע מאכלים אין אייראָפּעאישע טעלער און נאַטירלעך מיט גאָפּל און מעסער. עטלעכע חדשים האָט געדויערט די אידיליע. דער מאַן האָט גערימט די מילדע שפּייזן, וואָס זיין ווינער שוויגער האָט אין זיי אריינגעלייגט איר גאַנצע קולינאַרע חכמה, און ער האָט זיך גוט איינגעאַרבעט ביים באַנוצן זיך מיט גאָפּל און מעסער. נאַטירלעך איז אין הויז נישט אריינגעקומען קיין רינד־פלייש, ווי אין קיין אָפּגעהיטענער יידישער שטוב קומט נישט אריין קיין חזיר. נאָך מער, ווי חזיר איז עקלדיק און טריפה פאַר אַ ייד, אַזוי זענען רינדער פאַרהייליקט ביי די אינדיער. אַן אינדיער וואָלט קיינמאָל נישט געוואַגט מחלל צו זיין די פאַרהייליקטע קו דורך עסן איר פלייש. עס האָט געדויערט לאַנגע יאָרן ביז די אינדיער האָבן זיך צוגעוווינט צום היתר, אַז נאָכן טויט פון אַ קו זאָל מען מעגן אָפּשינדן און נוצן איר פעל אויף לעדער, בעת דאָס פלייש ווערט פאַרברענט. אָבער די ווינער יידישע שוויגער האָט נישט געמוזט האָבן דווקא רינדפלייש אויף אירע אויסגעזוכטע פלייש־שפּייזן. זי האָט אויך פון הינער־פלייש געקענט מאַכן וואונדער, אַז איר איידעם זאָל „לעקן די פינגער”. עס זאָגט זיך אזוי „לעקן די פינגער”. די יונגע פרוי וואָלט קיינמאָל נישט דערלויבט

איר מאַן זאָל אָנרירן פלייש מיט די פינגער, ווי אַ ווילדער מענטש. אויף דעם זענען פאַראַן גאָפל און מעסער. די יונגע פרוי האָט אפילו נישט דערלויבט מען זאָל ברויט אָנרירן מיט די הענט, נאָר שניידן שטיקלעך מיט אַ מעסער.

אָבער... נאָך עטלעכע חדשים האָט זיך ביים אינדיער אָנגעהויבן איינברעכן דאָס געדולד און איינמאָל ביי אַן אָונטברויט האָט ער אַרויפגעפירט אויף דער טעמע וועגן קלימאַט אין אינדיע, און באַמערקט, אַז די אייראָפעאישע בעטן זענען צו ווייך און צו הייס פאַר דעם קלימאַט. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג אויף אַ „רעוואָלוציע", אַ מין איינלייטונג צו שטירצן דעם אייראָפעאישן באַסטיאָן אין זיין הויז צוזאַמען מיט די שטיקער אייזן, וואָס מען שטופט אין מויל אריין בעתן עסן.

די רעוואָלוציע האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. אין איינעם אַ טאָג האָט דער יונגערמאַן געמאָלדן, אַז ער האָט באַשלאָסן איין צימער, לעבן דעם שלאָפצימער, איינצואָרדענען ווי אַן אינדישן שלאָפצימער, ווייל דאָס אייראָפעאישע בעט גייט אים אויף די נערוון. ער וויל ענדלעך שלאָפן אויף אַזאַ בעט, אין וועלכן ער איז געשלאָפן ביז דער חתונה און אין אַזאַ בעט זענען געשלאָפן אויך זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. ער וויל האָבן אַ הנאה פון שלאָפן און זיך אויסרוען ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָס קען ער נישט דערגרייכן אין אַן אייראָפעאיש בעט. די יונגע פרוי האָט נישט געהאַט קיין מוט אויף אַ קאָנטער־רעוואָלוציע און אין דער אייראָפעאישער דירה האָט זיך אריינגעכאַפּט אַן אינדיש שלאָפצימער.

דאָס איז געווען די ערשטע פאַזע פון דער רעוואָלוציע. די צווייטע פאַזע האָט לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. אין אַ גוטער שטימונג פון האָבן געשלאָפן אין זיין בעט,

איז ער געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג וועגן רעפֿאָרמירן די קיך, דאָס הייסט אַריינפֿירן אַביסל מער שאַרפֿקייט אין די שפּייזן, ווייל די אייראָפּעאישע שפּייזן זענען לא עליכם ווי וואַטע, אָן אַ טעם, אָן אַביסל פּעפּער, אַז דער גומען הייבט נישט אָן צו פֿילן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. די אַלע טעאָריעס וועגן וויטאַמינען, קאַלאָריעס, אייוווייסל אָדער פּראָטעאינען זענען טאַקע זייער פֿיין פֿון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט, דאָס ווייסט ער אַלס דאָקטאָר, אָבער פֿון עסן דאַרף מען אויך האָבן אַ הנאה און די הנאה קען ער האָבן נאָר פֿון זיינע היימישע שפּייזן, ווי ער האָט געגעסן ביי זיין מאַמען און ווי עס האָבן געגעסן זיינע אבות אין אַלע צייטן...

דאָ האָט שוין די ווינער שוויגער נישט געקענט העלפֿן. זי האָט געוווּסט ווי מען קאָכט געפֿילטע פֿיש מיט פּעפּער, אַ געפֿילט מעגעלע עס זאָל צעגיין אין די גלידער, אַ גוטן מייערן־צימעס, אָבער ווי אַזוי מען קאָכט קאַרטאָפֿל מיט קאַרי, אָדער הינער מיט קאַרי, עס זאָל ברענען אין מויל ווי אַ פֿייער — אַהער איז איר קולינאַרע חכמה נישט דערגאַנגען.

דער איידעם האָט געפֿונען אַן עצה: ער האָט אַריינגע־נומען אַן אינדישן קוכער, געקויפֿט אינדיש געשיר פֿון מעש און — ער האָט מוותר געווען אויף גאָפּל־מעסער. ער האָט מאָביליזירט צום עסן זיינע דינע איידעלע פֿינגער, וואָס זענען שוין אויך געווען אויסגעבענקט צו פֿילן דעם טעם פֿון אַ ביסל שפּייז...

די ווינער יונגע פֿרוי, וואָס האָט נישט געקאָנט צו זיך דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז א י ר מאַן זאָל עסן מיט די הענט און אירע אויגן האָבן דאָס נישט געקענט צוקוקן — האָט אויך פֿון איר זייט געמאַכט אַ רעוואָלוציע: אויב ער, איר געליבטער מאַן, שלאָפֿט שוין אין אַ באַזונדער שלאָף־

צימער און עסט שוין מיט די הענט, מוזן זיי נישט עסן צוזאַמען: זי וועט זיך אָפּעסן איר אייראָפּעאישן מיטאָג באַזונדער און ער וועט זיך עסן זיין מיטאָג אויך באַזונדער און אפילו אין אַן אַנדער צייט. און אַזוי ווי אַ קאָנסער־וואַטיווער אינדיער פאַרברענגט זיין געזעלשאַפטלעך לעבן אין אַן עקסקלוזיווו מענערישער געזעלשאַפט — האָט ער זיך געהאַט זיין באַזונדער געזעלשאַפט און זי האָט געהאַט איר באַזונדער געזעלשאַפט. דער מאַן האָט אפילו געפאָדערט זיין געליבטע פרוי זאָל אָנטון אַ סאַרי — אַן אינדיש פרויען־קלייד, וואָס באַשטייט פון איין שטיק שטאָף באַצוימט מיט אַן איידעלען זוים — און זאָל טראָגן אויפן שטערן אַ רויטן פונקט, ווי דאָס טראָגן אַלע אינדישע פרויען. אָבער דאָס ווינער מיידל האָט אויסגעשטעלט אירע האַרמאַטן און דערלאַנגט איר מאַן אַן אולטימאַטום: איין שריט ווייטער און זי וועט נישט לעבן מיט אים אונטער איין דאַך. קיין סאַרי, קיין רויטן פונקט אויפן שטערן. גענוג! און אַזוי ווי דער אינדישער יונגערמאַן האָט באמת ליב געהאַט זיין פרוי — האָט ער מוותר געווען אויף זיינע לעצטע פאָדערונגען. עס איז געשלאָסן געוואָרן א שלום: ער לעבט זיין שטייגער און זי לעבט איר שטייגער, זי באַזונדער און ער באזונדער און אינדערמיט די שוויגער, די אַלטע יידישע מאַמע פון גאַליציע...

„אין ווין האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אן אייראָפּעאישער אַריסטאָקראַט" — האָט די אַלטע דאַמע געזאָגט — „אָבער דאָ האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער אַזיאַט, וואָס קען זיך נישט אָפּגעווינען פון הונדערטיעריקע געוווינהייטן"...

איך האָב געפרעגט אַן אינדיער:

„אויב איר ווילט אומאָפּהענגיקייט, קען דאָס דאָך נישט זיין אַן אומאָפּהענגיקייט צוריק מיט מאַהאַראַדזשעס, פירשטן

און סולטאַנען, ווי אין די אַלטע צייטן. ווי וועט איר קענען בויען אייער לאַנד ביי אַ מאָדערנער אומאָפּהענגיקייט, אין וועלכער עס קען מער נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ קאָנסערוואַטיוון שטייגער ווי אין אינדיע?"

אויף דעם האָט ער געענטפערט:

„מיר ווייסן, אַז אונזער אומאָפּהענגיקייט וועט זיין שווער. אָבער איינמאָל מוז דער אָנהייב געמאַכט ווערן. עס וועט זיכער דויערן לאַנג ביז מיר וועלן באַוועגן אונזער פאָלק צו אַ נייעם וועג. וואָס שנעלער מיר וועלן ווערן אומאָפּ־הענגיק, אַלץ מער וועלן מיר געווינען צייט פאַר דער צוקונפט. אָבער ווען די אומאָפּהענגיקייט וועט נישט קומען שנעל, איז אַ ספק צי מיר וועלן ווען עס איז קענען דעריאָגן די צייט".

איך האָב געוווינט אין אַ היים פאַר אַנגלאָ־אינדיער, דאָס הייסט פאַר יונגעלייט פון געמישטע עלטערן: אינדישע מוטערס און ענגלישע פאָטערס. זיי האָבן אַלע געהאַט אייראָפּעאישע בילדונג און געהאַט פאָרשריטלעכע אידייען אין שייכות צו אינדיע. זייער שטייגער איז געווען אַן אייראָפּעאישער. ווען איך בין איין מאָל אהיימגעקומען שפּעט אין אָוונט, האָב איך פאַרן הויז געפונען עטלעכע פון די יונגעלייט שלאָפנדיקע אויפן טראָטואַר. גייענדיק צווישן די שלאָפנדיקע האָב איך מיטן פוס אָנגעטרעטן אויף עפּעס. דאָס איז געווען אַ בוך. איך האָב זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן דאָס ביכל. ביי דעם ליכט פון לאַמטערן האָב איך איבערגעלייענט די טיטל־קאַרטע פון דעם בוך: „דאָס פּראָבלעם פון אינדיע" פון דזשאַוואַהאַרלאַל נעהרו. איין פּראָבלעם? ניין, טויזנטער און טויזנטער פּראָבלעמען האָט אינדיע, פּראָבלעמען פון אַ גאַנצער וועלט!

די געטער זענען טויט הונגעריק

די יאַפּאַנישע שיף, וואָס האָט מיך געפירט אויף מערב, האָט פאַראַנקערט אין סינגאַפּור אויף דריי טעג. איך האָב צו סינגאַפּור נישט געהאַט קיין באַזונדער מזל. עס איז געווען הייס ווי אין אַ גיהנום און צו דער היץ איז נאָך צוגעקומען אַ טראָפּישער רעגן, ווי אַ וואָלקנבראָך, וואָס איז פריער אונטערגעוואַרעמט געוואָרן ווי אין אַ קעסל. איך האָב זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק נאַסער וואַטע אויפן וועג פון פּאָרט אין שטאָט אריין, סך הכל אַ צוואַנציק מינוט גאַנג. עס איז געווען האַלבער טאָג, די שווערסטע צייט און די שטאָט איז כמעט געווען ליידיק פון מענטשן. אין דער צייט באַהאַלטן זיך מענטשן אין די הייזער, הינטער פּאַרמאַכטע לאָדנס. אויף צו ראַטעווען זיך פון הייסן מבול בין איך אַריין אין אַ גאָרטן, וווּ פון זיין געדיכטעניש האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ סימפּאַטיש הויז. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט סתם עפּעס אַ הויז נאָר אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון פּאַרטער־געביידעס. איך בין אריין אין אַ טונקעלן ברייטן קאָרידאָר ווי אין אַ טונעל. ווי אין אַ טונעל, ווייל דער קאָרידאָר איז געווען אַ פינצטערער, אָן פענצטער, און אַ קילער. איך האָב נישט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, ווי פון דער טיפער פינצטערניש זענען אַרויס־געקומען צוויי טונקלהויטיקע לאַפּיטוטן, הויכע און דאַרע, אָנגעטון אין ווייסע לאַנגע כאַלאַטן און אַרומגעגאַרטלט מיט רויטע גאַרטלען — די קליידונג פון משרתים אין רייכע הייזער. איינער פון די דאָזיקע צוויי לאַפּיטוטן האָט מיך געפרעגט עפּעס, מסתמא אויף מאַלאַיש, און מסתמא האָט ער

געפרעגט צו ווען איך בין דאָ אַריינגעפאַלן און וואָס וויל איך? האָב איך אים געענטפערט אויף ענגליש. האָט ער מיר געענטפערט: „נאָ אינגליש", דאָס הייסט ער פאַרשטייט נישט ענגליש. בין איך זיך נוהג, אַז דער וואָס פאַרשטייט נישט קיין ענגליש און רעדט צו מיר אַ לשון, וואָס איך פאַרשטיי נישט — הייב איך אָן צו רעדן יידיש. זאָג איך צו אים אויף פּראָסט יידיש: „הער נאָר דו, יונגערמאַן, איך זאָל אַזוי נישט וויסן פון צער ווי איך ווייס נישט צו ווען איך בין אַריינגעפאַלן. איך וועל נאָר צוואַרטן ביז דיין הייסער מבול וועט אַריבערגיין". רעדט ער עפּעס ווידער צו מיר אויף זיין לשון, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געשפּיגן מיט הייסע פּערפּל. זאָג איך ווידער צו אים אויף יידיש: „סיי ווי זעסטו אויס ווי אַ סריס, וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פון מלך אחשורושס פּאַלאַץ, טאָ זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז איך בין מרדכי און איך וואַרט אויף אסתרן".

און עס איז געשען גאַנץ מגילהדיק. איינער פון אחשורושס סרסים איז אַוועק צוריק אין דעם פינצטערן לאַנגן קאָרידאָר און נאָך אַ צוויי מינוט זענען פון דאָרטן אַרויסגעקומען צוויי גרויע, דאַרע אָבער ריזיקע הינט, ווי אויסגעמאָגערטע טיגערס און באַלד נאָך די דאָזיקע כלבים, וואָס האָבן מיך אָנגעהויבן באַשמעקן, איז נאָכגעקומען אַן „אסתר" — אַן אַלטע איינגעדאַרטע פּרוי באַגלייט פון דעם משרת. איך האָב זי באַגריסט און זי האָט מיך געפרעגט אויף ענגליש צו ווען איך דאַרף. ענטפער איך איר: איך דאַרף נישט צו קיינעם, איך וויל נאָר איבערוואַרטן דעם מבול. זי האָט אַ שמייכל געטון ווי אַן אויסגעטרוקנטע ציטרין, אַרויסגעפּליסטערט „אָ, יעס" און צוזאַמען מיט די צוויי כלבים צוריק אַוועק אין דעם פינצטערן קאָרידאָר.

די צוויי משרתים זענען געבליבן מיט מיר. זיי האָבן געוואָרט גערולדיק אַ צוואַנציק מינוט. זיי האָבן צייט. דער קלימאַט איז אַ טראָפּישער און יעדע באַוועגונג איז אַן אָנשטרענגונג. איילט מען זיך נישט. אָבער מיט זייערע לאַנגע דאַרע קערפּערס אין די ווייסע כאַלאַטן און אין זייער אומבאַוועגלעכקייט, האָבן זיי מיר דערמאָנט אין מתים. איך שטיי צווישן צוויי מתים. זייער ענלעכקייט צו מתים איז נאָך בולטער געוואָרן צוליב דער טיפער פינצטערניש אין קאָרידאָר. דאָס בילד האָט מיר נישט געשמעקט. עפּעס געפין איך זיך דאָ אין אַ ריזיקן רייכן קבר, אָבער דאָך אַ קבר. האָב איך צו די צוויי לאַפּיטוטן געזאָגט: „האָט מיר אַ גוטן תמיד" און איך בין אַוועק.

איך בין אַוועק ווייטער אין דער פוסטער שטאָט, אָן אַ ציל. אונטער אַ דעכל, ביי אַן עק פון אַ גאַס, איז געשטאַנען אַ קולי און ביים ראַנד פון טראָטואַר האָב איך געזען זיין ריקשי.

אויפן גאַנצן וועג, אין יאַפּאַן און אין שאַנכיי, האָב איך נישט געוואָלט פאָרן מיט קיין ריקשי. עס מאַכט אַ דער־דריקנדיקן איינדרוק אויף אַזעלכע, וואָס זענען נישט געוווינט דערצו, צו זעען ווי איין מענטש זיצט אין דער ריקשי און אַ צווייטער מענטש שלעפּט אים. אָבער דאָס מאָל בין איך שוין געווען אַזוי מיד פון דער היץ און פון דער פייכטקייט, אַז איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דער ריקשי און אַ געשריי געטון צום קולי: „צום פּאָרט!" דער קולי האָט זיך איינגע־שפּאַנט אין זיין וועגעלע און אָנגעהויבן לויפן מיט זיין ריטמישן גאַלאָפּ, צעשפּריצנדיק אין די זייטן דאָס רעגן־וואַסער מיט זיינע באָרוועסע פיס. איך האָב געהערט דאָס סאָפּען פון דעם קולי, ווי עס וואָלט געדעכעט אַ מיד פערד. ס'האָט מיר אַ קוועטש געטון ביים האַרץ. קלאַפּ איך אים אָן

אין פלייצע: סלאָולי, סלאָולי! — געלאַסן, געלאַסן! דער קולי הייבט אָן גיין געלאַסן, אָבער נאָך אַ צען מעטער איז ער שוין ווידער אין זיין ריטמישן גאַלאָפּ און ווידער הער איך זיין שווער סאָפּען. זאָג איך אים ווידער, ער זאָל נישט איילן, איך האָב צייט, די שיף וועט נישט אַנטלויפן, ער וועט דאָך ביי מיר אויסדעכען די לעצטע רעשטלעך פון זיינע לונגען.

נאָכן דריטן מאָל אָנקלאַפּן אים אין פלייצע, ער זאָל נישט אַרויסדעכען די נשמה פון לויפן, שטעלט ער אָפּ די ריקשי און זאָגט מיר: ער פאָרט נישט ווייטער. ער וויל נישט פאָרן מער, אפילו איך זאָל אים געבן פאַרן קורס א פונט. איך האָב אים באַליידיקט דעם יחוס. באשר איך שטער אים צו שלעפן די ריקשי. שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געהאַנדלט ווי אַ קליינשטעטלדיקער, וואָס קומט אין אַ כרך. ער איז געוווינט לויפן לאַנגע קילאָמע־טערס, און די פּאַסאַזשירן, פּאַרקערט, טרייבן אים אונטער, ער זאָל פאָרן שנעלער. דאַקעגן איך, איך האָב אים געשטערט אין זיין „אַרבעטס־סיסטעם”. הייסן אים פאָרן געלאַסן, הייסט שטערן אים אין טעמפּאָ פון לויפן. אויסגע־פירט האָט דער קולי. ער האָט נישט געוואָלט ווייטער פאָרן מיט מיר און איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה ווי פאַרלאָזן די ריקשי און גיין צום פּאָרט צופוס. אויפן וועג ביי דער באַן־סטאַציע איז גראָד געשטאַנען אַ פּאַסאַזשיר־צוג. איך האָב נאָך באַוויזן צו פרעגן וווהין דער צוג גייט, און אַז דער קאָנדוקטאָר האָט מיר געענטפערט, אַז די באַן גייט קיין פענאַנג, אין צפון פון מאַלאַישן האַלבאינדזל, בין איך אריין אין צוג.

במשך די עטלעכע שעה פאָרן מיט דעם צוג האָב איך געפּרוווט דערגיין וווהין איך פאָר און וואָס איז דאָס פאַר אַ כרך פענאַנג. די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב באַקומען,

זענען געווען אַזעלכע סתירהדיקע, אַז איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס איז אמת און וואָס עס איז פֿאַנטאַזיע. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סתירות זענען געקומען צוליב... רעליגיע. אויב מײַן אינפֿאָרמאַטאָר איז געווען אַ מאָסלעם — איז גאַנץ מאַלאַיע געווען אַ מאָסלעמישער גן־עדן, אַ גן־עדן מיט סולטאַנען און האַרעמס, און אויב דער אינפֿאָרמאַטאָר איז געווען פֿון דער בודיסטישער רעליגיע איז ווידער מאַלאַיע געוואָרן גאָר אַן אַנדערע וועלט. ביידע וועלטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ריכטיק:

צוזאַמען מיט דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע זענען אין דעם ראַיאָן פֿאַרשלעפּט געוואָרן די טיטולן פֿון סולטאַנען און סולטאַנאַטן, מיט האַרעמס און סריסים, מיט מעטשעטן, ווי זיי וואָלטן פֿאַרטיקע געבראַכט געוואָרן אַהער פֿון די אַראַבישע לענדער. דער מאַלאַיִשער האַלבאינזל ווערט פֿון תּמיד אָן באַווירקט סײַ פֿון דעם מאָסלעמישן אינדאָנעזיע און סײַ פֿון דעם בודיסטישן צפֿון — סיאַם און בורמאַ. דער פֿאַנאַטישער און קעמפֿערישער מאַכמעדאַניזם האָט זיך דאָ גוט פֿאַרבאַריקאַדירט און זיך נישט געלאָזט באַאײַנפֿלוסן פֿון אַנדערע רעליגיעס און גלויבונגען. אָבער בודיזם איז אַ טאָלעראַנטע רעליגיע, אויב מען קען בודיזם אָנרופֿן רעליגיע. צוליב דער דאָזיקער טאָלעראַנץ האָט זיך דער בודיזם דאָ אויסגעמישט מיט אויסטערלישע גלויבונגען, וואָס זענען געקומען פֿון די ווילדערנישן פֿון סומאַטראַ, מיט די גלויבונגען פֿון בראַהמאַניזם אין אינדיע און דער טײַוול ווייסט פֿון וואַנען.

די שטאָט פּענאַנג איז אַ „כרך”, וואָס אפֿילו אין אַ הייסן טאָג קענט איר אים דורכגיין אין דער לענג און אין דער ברייט במשך פֿון אַ האַלבער שעה. אָבער געטער זענען דאָ פֿאַראַן אין אַזאַ צאָל, וואָס וואָלט געסטייעט פֿאַר דער

גאַנצער וועלט. בין איך געגאַנגען אָפּשטאָטן אַ וויזיט די געטער. בין איך צום ערשט אַוועק אין אַ מעטשעט.

אין אַ מעטשעט איז מען זיך נוהג, אַז פאַרן אריינגאַנג טוט מען אויס די שיך. אָבער אין פּענאַנג איז מען זיך אויך נוהג, אַז טאָמער לאָזט איר איבער אַ גוטע פּאָר שיך ביים אַריינגאַנג אין מעטשעט, קען אייך אויסקומען איר זאָלט אהיימקומען באָרוועס. און מער ווי די שיך, וואָס איך האָב געטראָגן, האָב איך נישט געהאַט מיט זיך. האָבן מיר אַ האַלב טוץ האַלב־נאַקעטע ייִנגלעך פאַרגעשלאָגן, זיי זאָלן ווערן די היטער פון מיינע שיך. איך האָב זיי באַלוינט און די זעקס ייִנגלעך האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום מיינע שיך. אין מעטשעט איז באמת געווען קיל. אין פּאָליש פון מעטשעט זענען געזעסן אַ פּאָר מענער מיט די פיס אונטער זיך און לויט דעם, ווי זיי האָבן זיך געפּאַטשט אין די הענט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ ווערט אָפּגעשלאָגן אַ מסחר, אָדער אפשר שפּילן זיי אין אַזאַ מין שפּיל פון פּאַטשן זיך אין די הענט. צוזאַמען מיט מיר איז אין מעטשעט אריין אַן אַלטער מאָסלעם מיט אַ געדיכטער באָרד און אַן אָנגעשטאָפּטן טייסטער־גאַרטל אַרום בויך. נאָך אַ קורצער תפילה האָט ער זיך באַגריסט מיט מיר און מיר באַלד פאַרגעשלאָגן אַ געשעפט: אַזוי ווי איך האָב אַ ווייס פנים און ער האָט קאַפּיטאַל, זאָלן מיר ביידע פאָרן קיין בורמא. מיט אַזאַ קאַפּיטאַל, ווי אַ ווייס פנים און געלט, קען מען מאַכן אַ פאַרמעגן אין אַ קורצער צייט. כדי איך זאָל מאַכן דאָס געשעפט, האָט ער מיך געשראָקן מיט די כסדרדיקע אומרוען אין פּאַלעסטיין, וואָס איז נישט קיין לאַנד פאַר אַ לייטישן מענטש, וואָס וויל מאַכן רואיקע געשעפטן און רייך ווערן... דאָרט, אין בורמא, האָט דער אלטער מאָסלעם געלאַכט, זענען די מענטשן „שיטערע אייער”, זיי זענען פאַרקוקט

איין זייערע באַפֿלען מיט אַזאַ דבֿקות, אַז דו קענסט זיי אויס־לײדיקן די קעשענעס און זיי זאָלן אפֿילו נישט פֿילן... אַזוי אַרום האָט ער פֿאַרבונדן חוזק כּלפּי דער בודיסטישער רעליגיע און גלייכצייטיק מיך געלאָקט אויף שנעל רייך צו ווערן פֿון די בורמער „שיטערע אייער".

פֿון דעם גאַנצן געשעפֿט האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די קינדער פֿאַרן מעטשעט האָבן זיך צעטיילט מיט מיינע שיך און ווען איך בין אַרויסגעקומען האָט יעדער גרופּע געוואָלט אויסלייז־געלט פֿאַר יעדן שוך באַזונדער. דאָס דאָזיקע געשעפֿט האָב איך יאָ געמאַכט און איך בין אַוועק צו די אַנדערע געטער.

עס האָט געהייסן, אַז דער טעמפּל, וועלכן איך בין געגאַנגען באַזוכן, איז אַ בודיסטישער טעמפּל, נאָר אַז איך בין אַהין אַריינגעפֿאַלן, האָב איך זיך נישט געקענט פֿונאַנדערקלייבן, צי דאָס איז אַ פֿאַבריק, ווו מען רויכערט פֿיש, אָדער אפֿשר גאָר אַ האַלע, ווו מען פֿאַרברענט דאָס שטאָטישע מיסט, צי סתּם עפּעס אַ הקדש. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז איך בין אויף אַ יאַריד פֿון געטער:

אַ ריזיקע פֿאַררויכערטע האַלע, ווו דער שוואַרצער, פֿעטער רויך האָט זיך במשך פֿון יאָרן און יאָרן אַזוי אָפּגע־זעצט אויף די ווענט, אַז די ווענט גלאַנצן, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשמירט מיט פֿעט. אַרום די ווענט הענגען פֿאַכן און אויף די פֿאַכן שטייען געטער, געטשקעס, און גאָר קליינע געטער און עפּעס אַזעלכע קריפּלען, וואָס איר ווייסט נישט, צי דאָס זענען געטער אָדער שטיקער קויל. אין מיטן דער ריזיקער האַלע ברענט אַ שייטער, ווי אין אַ פּיליע פֿון גיהנום, און אויפֿן שייטער ברענט זיך פֿון אַלדאָס גוטס און כּיד המלך.

אָט קומט אַריין אַן עלטערער מאַן און נאָך אים גייען

נאָך צוויי טרעגער מיט קוישן. דער מאַן האָט געברענגט איין קויש פיש און אַ צווייטן קויש פרוכטן. דער מאַן נעמט זיך גלייך צו דער אַרבעט. ער לאָזט חלילה נישט די טרעגער זאָלן אים אויסכאַפּן די מצווה, נאָר ער וויל די מצווה איינגאַנצן פאַר זיך. שטייט ער פאַרן פייער מיט גרויס כוונה און וואַרפט אַריין אין די פלאַמען אַמאָל א פיש און אַמאָל אַ שייטל באַנאַנעס. ער קען מסתמא גוט זיינע געטער און ער ווייסט צו וואָס זיי האָבן אַן אַפּעטיט. קלייבט ער אין די קוישן אַמאָל דאָס און אַמאָל דאָס און וואַרפט עס אין פייער. אָט נעמט ער אַרויס פון איין קויש אַ רויטלעך־ברוינעם אַנאַנאַס אין דער גרויס פון אַן עמער און... האָפּ אין פייער אַריין. פון דער צווייטער זייט פון דעם שייטער שטייען נאָך צוויי מענער און אויך זיי זענען מקיים די מצווה פון פאַשען די געטער. אויך זיי האָבן געברענגט פיש און פרוכטן.

דער ים ביי פּענאַנג איז רייך מיט פיש און די וועלדער און סעדער זענען פול מיט פרוכטן — אַ דזשונגל פון פרוכטן — און די געטער זענען טויט הונגעריק. ווערט אַהער אין טעמפּל אַ גאַנצן טאָג געליפערט שפּייז. דער שייטער איז נישט קיין געוויינלעכער שייטער, נאָר אין אים איז אַ מין „איין טאָפּ געריכטס". אין אים פּרעגלט זיך, עס קאָכט זיך, עס בראָט זיך און עס זידט. די ריחות פון געבראָטענע פיש, געפּרעגלטע קאָקאָס־ניס, געבאַקענע אַנאַנאַסן און פאַרזידטע באַנאַנעס מישן זיך אויס צוזאַמען און עס באַקומט זיך עפּעס אַזאַ מין אַפּטייק־געררויך, ווי פון בענגאַלישן זאַלב איינצורייבן אַ פּלייצע.

צענדליקער און צענדליקער קילאָ שפּייז ווערן פאַר מיינע אויגן פאַרברענט, כדי צו זעטיקן די געטער. אָבער לויט דעם ווי עס ווערן געבראַכט וואָס אַמאָל נייע קוישן מיט שפּייז, זעט זיך אויס, אַז מ׳מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט.

די געטער „רייבן‟ אַ סעודה אויף וואָס די וועלט שטייט. אָבער, אַז איך קוק זיך צו צו די שענקלעך ארום די ווענט כדי צו זען ווער זענען עס דאָ די זולל וסובא, ווילט זיך נישט גלויבן, אַז אָט די פאַרויכערטע געטער זענען פּעאיק אויפצונעמען אַזוי פיל שפּייז. זיי זענען אַזוי אויסגעדאַרט, פאַרטרוקנט און פאַרטשאַדעט, אַז מיט איין באַנאַנאַ וואָלט איר זיי אלע זאַט געמאַכט. אָבער, אז איך בין דאָ א פרעמדער, קען איך מסתמא נישט דעם שטייגער פון אָט די געטער און איך האָב נישט די מינדסטע אנונג וועגן זייער אַפּעטיט. די גלויביקע, וואָס זענען שמעלקע שבשמעלקע מיט די געטער, ווייסן מסתמא בעסער פון מיר. והראיה, די קוישן שפּייז ווערן געליפערט אָן איבעררייס. און די קולות, וואָס טראָגן זיך פון פייער, איז אַן אמתע סימפאָניע פון געטלעכן פרעס: אַז עס פרעגלט זיך אַן אַנאַנאַס האָט ער ליב צו סיקען, אַ קאָקאָס־ניס האָט ליב אין פייער אויפצורייסן ווי אַ גראַנאַט, אַ געבראָטענער פיש האָט ליב צו מאַכן „פּוק, פּוק‟. און עס דאַכט זיך אייך, אַז די קולות זענען די קולות פון די געטער, וואָס פאַסמאַקעווען זיך ביי דער סעודה.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך געפין זיך אין סאַמע צענטער פון די געטער. אין דעם גאַנצן ראַיאָן איז אָט דער שייטער דער צענטראַלער מזבח. אין ספּעציעלע יום־טובים קומען אַהער הונדערטער גלויביקע מיט פולע קוישן צו פאַשען די געטער. אין יענע טעג איז נישט אַזוי לייכט אָנצוקומען צום פייער. מען דאַרף דאָ פאַרברענגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז עס דערגייט די ריי און מען קען מקיים זיין די מצווה.

און אָט די דאָזיקע געטער, וואָס פרעסן און פרעסן און א פּנים האָבן זיי, ווי זיי וואָלטן אויסגעגאַנגען פון הונגער און אין הונגער פאַרשטיינערט געוואָרן — זענען דער קוואַל

פון רעליגיעזער באַגייסטערונג און פון דער מאָראַל פון די גלויביקע. ווי אַזוי דאָס געשעט, אַז דווקא אָט די גלויביקע אין אָט דער חברותא געטער זענען עטישע מענטשן און זייערע מאָסלעמישע שכנים זענען נישט אַזוי אָפּגעהיט אין מאָראַל — דאָס ווייס איך נישט און איך האָב נישט געקענט דערגיין. ווען איר שטעלט אַוועק אַ קויש מיט שפּייז פאַר דער טיר פון דעם געצנדינערישן טעמפּל, קענט איר אַוועקגיין אויף אַ שעה צייט און קיינער וועט אייך דעם קויש נישט צולקחנען, נאָר טאָמער גייט איר אריין אין מעטשעט און לאָזט איבער אין דרויסן ביים אַריינגאַנג אַ גוטע פּאָר שיך, קענט איר אמאָל אהיימגיין אַ באָרוועסער...

לויט איך האָב זיך דערוווסט זענען אַלע געטער אין דעם געצנדינערישן טעמפּל געשניצט פון עלפאַנטביין אָדער אין האָלץ. אַנדערע זענען אויך באַדעקט מיט זילבער. איז מיר איינגעפאַלן צו פרעגן ביי איינעם פון די גלויביקע ווי אַזוי געשעט דאָס, אַז דער טעמפּל שטייט שטענדיק אָפן און קיינער לקחנט נישט צו די געטער. אפילו דער קלענסטער גאָט איז דאָך ווערט אַ פּאָר פונט שטערלינג. האָט דער גלויביקער אַ שמייכל געטון, ווי ער וואָלט געהאַט צו טון מיט אַ נאַיוון מענטש, וואָס קען זיך נישט אויס אויף די זאַכן:

„מיר זענען נישט קיין מאָסלעמס, מיר זאָלן גנבענען. אויסער דעם קען די שטראָף פון די געטער זיין אַזאַ גרויסע, אַז קיינער וועט נישט ריזיקירן אַזאַ זאַך ווי גנבענען אַ גאָט".

איך האָב נישט געוואָלט זאָגן, אַז איך אַליין וואָלט געוועזן אַ בעלן אַרונטערצונעמען אונטער דער פּאָלע אַ געטל פון עלפאַנטביין, וואָס האָט דריי קעפּ און זעקס הענט, אָבער קיין פיס נישט. נאָר, אז איך האָב אַ טראַכט געטון וואָס פאַר אַן אַפּעטיט אַזאַ געטל קען האָבן און וויפל ער

קען צעפּרעסן — איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז טאָמער פֿאַלט מיר איין אַ בייזער געדאַנק און איך נעם מיט מיט זיך אַזאַ טויטהונגעריק געטל — גיי איך באַנקראָט במשך פֿון צוויי טעג. ער וועט מיך אויפֿפרעסן...

מוסטאַפאַ אַל־דין האַנדלט מיט געטער

ער איז געלעגן אויף דער שיף־דעק, צוקאָפּנס אַ גרויסן לעדערנעם טשעמאָדאַן, און געדרימלט. איך האָב אים באַמערקט ביים אַרויפגיין אין האַנג קאָנג. ער האָט זיך גאָר נישט געמאַכט פון דער שטופעניש פון די פּאַסאַזשירן; מיט דעם לעדערנעם טשעמאָדאַן פון פאָרנט האָט ער זיך דורכגעשניטן אַ וועג, פאַרנומען אַ פּלאַץ, זיך אַוועקגעלייגט און באַלד אָנגעהויבן דרימלען.

שפּעטער, ווען די שיף האָט גערירט פון אָרט, האָט אַ נייער פּאַסאַזשיר, אַ האַלב נאַקעטער און באָרוועסער, אַרויסגענומען פון זיין בלעכענעם טשעמאָדאַן אַן אייוועלע, קוילן, בלעכענע טעלער און פענדלעך און אָנגעהויבן קאָכן פאַר זיך אַ שפּייז. איך האָב זיך נישט אויסגעקענט צווישן די כל מיני טיפּן אויפן דעק פון דער יאַפּאַנישער שיף, אָבער די כל מיני טיפּן האָבן אויף דעם האַלב נאַקעטן און באָרוועסן מענטש מיט דער באַוועגלעכער קיך אָנגעהויבן קוקן מיט יראת הכבוד: „דאָס איז אַ בראַהמין. ער עסט נישט די שפּייזן פון דער שיף, כדי נישט נכשל ווערן מיט פליייש און אַנדערע שפּייזן פון די נישט־גלויבי־קע". „ער איז אַ הייליקער מאַן". אייניקע פון די פּאַסאַזשירן האָבן דעם מאַן אָנגעהויבן העלפן: אַריינבלאָזן אין די אָנגעצונדענע קוילן, ברענגען אים אַ טעפּל וואַסער, אָדער אַפילו אַראָפּנעמען אַ הייס שטערצל פון אַ זודיק פענדל. דער בראַהמין האָט געמישט אין זיינע טעפּלעך, אַריינגעשיט געווירצן, געשניטן רויטלעכע בלעטער אויף לאָקשן און זיי פאַרקאָכט אויף

וואַסער. ער האָט מיט די הענט צעקוועטשט מאַנגאָ־ענלעכע פּרוכטן און געמאַכט אַ מין צימעס, וואָס האָט באַקומען דאָס אויסזען פון סטאַלאַרסקן לאַם. פון די אַלע געקעכצן און געווירצן האָבן זיך די ריחות צונויפגעמישט און מיט זייער שאַרפקייט געהעצט אַפילו מיין אַפּעטיט.

נישט מער ווי אַ מעטער ווייט פון דעם בראהמינס איינוועלע איז געלעגן און געדרימלט, מיט דעם לעדערנעם טשעמאָדאַן צוקאָפּנס, מוסטאַפאַ אַל־דין. אויך ער האָט מס־תמא דערפילט דעם אַפּעטיט־מאַכנדיקן ריח פון דעם בראה־מינס געקעכץ, ווארום ער האָט זיך אויפגעזעצט, ארויסגעשלעפּט פון איין זייט בוזעם אַ גרויסן ווייצענעם פּלעצל, פון דער צווייטער זייט בוזעם אַרויסגעצויגן אַ פּולקע פון אַ געבראָטן שעפּסל און אָן צו פאַרלירן צייט, אָנגעהויבן רייסן שטיקער מיט די ציין. ער האָט געגעסן ווי א בהמה — מיטן גאַנצן פּנים, מיט תאווה. אייניקע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געזעסן צווישן דעם אויוון פון בראהמין און צווישן מוסטאַפאַ אַל־דין, זענען געוואָרן געערגערט. זיי האָבן אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף דעם מענטש, וואָס עסט מיטן גאַנצן פּנים און רייסט שטיקער פון דער שעפּסענער פּולקע און זיך צעגודערט אין אַ שפּראַך, וואָס איז פול מיט אַ האַלבן ריש און אַ האַלבן למד. איך האָב נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. אָבער פון דעם ווי אַנדערע האָבן רעאַגירט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ גרייט זיך אַ סכסוך. איך האָב זיך צוגערוקט נענטער און זיך אויך אָוועקגעזעצט אויף דער ערד. איצט האָט שוין מוסטאַפאַ אַל־דין געהאָט אָנגעלאָפענע אויגן מיט בלוט פון כעס, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט רייסן שטיקער פון דער שעפּסענער פּולקע און פאַרבייסן מיט זיין ווייצענעם פּלעצל, צו וועלכן עס האָט קיין סוף נישט געקומען.

אײנער פון די שכנים ציט אויס אַן אָפענע האַנט־פלאַך צו מוסטאַפאַן — סימן פון אַ פראַגע — און וואַרפט אים אַרײַן אין פנים אַרײַן אַ פאָר האַלבע רישן און אַ פאָר האַלבע למדן. מוסטאַפאַס פנים קרומט זיך אויס אין אַ חוזקדיקן שמייכל און ערווענדט זײַנע אויפגעלאָפענע אויגן אין מײַן זײַט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עדות אויף דעם, וואָס ער גײט דאָ באַלד זאָגן. ער האָט באַמערקט מיך, דאָס הײסט מײַן ווײַס פנים, האָט ער אַביסל אַראָפגעלאָזט פון כעס און זיך געוואָנדן צו מיר, מסתמא מיט אַ פראַגע. איך ענטפער אים אויף ענגליש, אַז איך פאַרשטײ נישט זײַן לשון. פרעגט ער אויף ענגליש: „יוראָפין?" — אַן אײראָפייער? „אַן אײראָפייער", שאָקל איך צו מיטן קאָפ.

מוסטאַפאַ איז אַרויס מיט אַ בעטנדיקן טאָן, ווי אַ קינד, וואָס מען שטערט עס אין שפילן זיך: „אַ מענטש איז הונגעריק, נאָך הײַנט נישט געגעסן, האָבן זײ טענות פאַרוואָס איך עס". „פאַרוואָס האָבן זײ טענות?" — פרעג איך אים. „זײ האָבן דאָ זײערס אַ הײליקן. ער מעג פאַר זיך קאָכן וואָס ער וויל און ער מעג פאַרשטינקען די גאַנצע שיף־דעק, אַז דער קאָפ טוט ווײ, נאָר אַז איך עס מיר מײַן פלײש, זאָגן זײ מיר, אַז איך רײַץ דעם בראַהמינער מיט מײַן פלײש. איך האָב באַצאָלט פאַר מײַן שיפס־קאַרטע און ער האָט באַצאָלט פאַר זײַן שיפס־קאַרטע, האָב איך רעכט צו עסן, וואָס איך וויל, און ער מעג זיך עסן, וואָס ער וויל. איך בין אַ גלויביקער. אַללאַ און זײַן נביא מאַכאָמעד" — הײבט ער אויף די האַנט אין דער הײך — „און זײ זענען געצנדינער, גלויבן אין שטיקער האָלץ און אין שטיקער עלפאַנטבײן".

אין מיטן רעדן האָט ער פאַרטיק געמאַכט דעם ווײצענעם פלעצל, אַרומגעגריזשעט דעם שעפסענעם בײן און נאָך רעדנדיק אַלץ צו מיר און מיט די אויגן געווענדעט צו מיר,

האָט ער דעם ביין אַ וואָרף געטון אין אַ זייט, ווי ער וואָלט וועלן אַריבערוואַרפן דעם ביין איבערן באָרט אין ים אַריין. אָבער דער ביין, וואָס איז געפלויגן איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע שכנים, האָט נישט געפאָלגט דעם וואַרפער און ער איז געפאַלן פון יענער זייט אײיוועלע פון בראהמין. מוסטאַפאַ האָט נאָך באַוויזן פאַר מיר זיך פאָרצושטעלן: „מוסטאַפאַ אַל־דין”, און די שכנים האָבן אים באַוואָרפן מיט היציקע האַלבע רישן און האַלבע למדן. מוסטאַפאַ איז געזעסן רואיק, ווי נישט אים מיינט מען. ער האָט אויפגע־האָנגען אויף מיר אַ פּאָר אומשולדיקע אויגן, ווי ער וואָלט פון גאָרנישט געוווסט און געוואַרט איך זאָל זיך כאָטש אויפשטעלן און אָננעמען זיין קריוודע. פון דעם ווי מוסטאַפאַ האָט געקוקט אויף מיר, האָב איך זיך גאָר אָנגע־הויבן פילן שלעכט, ווי די טענות וואָלטן געווען קעגן מיר און נישט קעגן אים...

דער שטורעם איז שנעל אַריבער. עמעצער האָט דעם ביין אריינגעוואָרפן אין ים און די אויפמערקזאַמקייט האָט זיך צוריק געווענדעט צום בראהמינער. ער האָט שוין גע־האַט פאַרענדיקט דאָס קאָכן. איז ער געזעסן מיט די פיס אונטער זיך און אַרויסגעגעסן זיינע געקאָכטע קרייטעכצער פון די בלעכענע טעלער. ער האָט געגעסן מיט די הענט. אײגנטלעך מיט דריי פינגער האָט ער געגעסן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ הייליקן מאַן, וואָס טאָר נישט זיין קיין זולל וסובא, האָט ער געגעסן אָן אַפּעטיט, ער האָט מער געפּאַטשקעט מיט די פינגער אין די טעלער, ווי געלייגט אין מויל אַריין. און די שכנים האָבן דעם מאַן אָנגעקוקט מיט באַוווּנדע־רונג און פרייד, ווי דער בראהמינער וואָלט געווען אַ קינד אַ שוואַכער עסער און ענדלעך האָט דאָס קינד באַוויליקט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

„פולס“ — זאָגט צו מיר מוסטאַפאַ מיט אַ כיטרע שמייכעלע — „נאַראָנים זענען זיי. זיי ווייסן גאָרנישט, אז איך זיץ אויף זייערע געטער“.

„וואָס פאר אַ געטער?“ — קוק איך אויף וואָס ער זיצט און זע גאָרנישט.

ער דרייט זיך אויס פויל און טוט אַ קלאַפּ אין זיין לעדערנעם טשעמאָדאַן:

„איך האָב דאָ אַ טוץ פון זייערע געטער“ — זאָגט ער שטיל — „ווען איך עפן איצט מיין טשעמאָדאַן וואָלטן די נאַראָנים משוגע געוואָרן“.

„דו ביסט דאָך אַ מאסלעם, נישט אמת? ווי‏זשע קומסטו צו זייערע געטער?“.

„איך האַנדל מיט געטער. אין כינע זענען זיי ביליק“...

ווי א געניטער סוחר אין זיין בראַנזשע, האָט מוסטאפא אָנגעהויבן אויסרעכענען זיינע אַרטיקלען: „טאַאָי־געטער, שינטאָ־געטער, בראַהמאַנישע געטער, שיווא, ווישנאַ, בראַהמאַ — האָסט געהערט פון זיי?“

„זייער ווייניק“ — ענטפער איך אים — „אין אייראָפּע זענען זיי נישט אָנגענומען“.

„איך פאַרשטיי אַזוי. וועלכער לייטישער מענטש גלויבט אין זיי? ס'איז אָבער אַ גוטע סחורה. די בעסטע סחורה אַרבעטן אויס די כינעזער. מען דאַרף נאָר וויסן די ביליקסטע קוועלע און דעם בעסטן מאַרק“.

„און פון האַנדלען מיט געטער מאַכסטו אַ לעבן?“.

„אָט ווי דו זעסט!“ — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטון אין געלט־גאַרטל. — „טשונגקינג און טשאַנקשאַ האָבן די בעסטע געטער“.

„יאפּאַן אַרבעט נישט אויס קיין געטער?“ — פרעג איך אים.

„יאַפּאַן האָט זייער גוטע געטער און דאָרט איז די סחורה ביליק, אָבער אַהין זענען די רייזע־הוצאות גרויסע. אויסער דעם עקספּאָרטירט יאַפּאַן אַליין. די יאַפּאַנישע געטער זענען שינטאָ־געטער און זייער אָפּזאַץ־מאַרק איז אין קאָרעאַ און אין מזרחדיקן טייל פון כינע. דאָס זענען ווייטע מקומות. מיין שטח איז סייגאָן, באַנקאָק, וויענטיאַן, פּען, ראַנגון. דאָרט גייען די טאַאָי־געטער און די הינדו־געטער".

דער בראהמין האָט געענדיקט עסן און זיך גענומען וואַשן דאָס געשיר. ווידער האָבן אים די שכנים געבראַכט וואַסער און אים צוגעהאָלפן דאָרט, ווו דער בראַהמינער האָט געלאָזט מען זאָל אים העלפן. צו זיינע כלים האָט ער קיינעם נישט צוגעלאָזט. ווער ווייסט צו וואָס פאַר אַ נידעריקע און אפשר גאָר טמאימדיקע קאַסטעס עס געהערן די, וואָס העלפן אים. און ער איז הייליק, ער איז פון דער הייליקער פּריסטער־קאַסטע פון הינדו. ער איז טאַקע אַ גרויסער אָרעמאַן, מער ווי די פּאָר ווייסע הויזן (וואָס זענען אַמאָל געווען ווייס) און דעם בלעכענעם טשעמאָדאַן מיט דעם בלעכענעם געשיר פאַרמאָגט ער נישט, אָבער זיין פּריסטער־יחוס איז זיין רייכקייט. והראיה, די וואָס באַדינען אים זענען אָנגעטון רייכער און האָבן לעדערנע טשעמאָדאַנעס...

מוסטאַפאַ אַל־דין האָט אויף דער חבריא געקוקט מיט חוזקדיקע אויגן. דאָס זענען דאָך אַלץ זיינע קונים, אָדער די מתפללים צו די געטער, וואָס ער האַלט אין זיין טשעמאָדאַן. זאָג איך צו אים: „דאַרפסט זיי ווייזן וואָס דו פירסט אין דיין טשעמאָדאַן, וועלן זיי נישט זיין אַזוי בייז אויף דיר".

„זיי וואָלטן מיך צעריסן אויף שטיקער, אַ מאָסלעם זאָל האָבן ביי זיך זייערע געטער. ביי זיי בין איך אַן אומגלויביקער".

„דאָס איז ריכטיק" — זאָג איך צו אים — „אַ מאָסלעם דאַרף האַנדלען מיט מאַכאָמעדאַנישע זאַכן".

מוסטאַפאַ האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געהערט די גרעסטע נאַרישקייטן:

„איך וואָלט געשטאָרבן פון הונגער. דאָס איינציקע מאָסלעמישע צו האַנדלען דערמיט — איז דער קאָראַן. דעם קאָראַן דאַרף מען קענען לייענען. ווער קען אים לייענען?" — האָט ער צעפּירט די הענט — „אויסער די גייסטלעכע אין די מעטשעטן קען קיינער דעם קאָראַן נישט לייענען. ווער אים קיינער נישט קויפן און איך וועל נישט האָבן פון וואָס צו לעבן. אַנדערש איז מיט זייערע געטער" — וואַרפט ער די אויגן צו זיינע שכנים — „זיי קענען אויך נישט לייענען, אָבער די געטער דאַרף מען נישט קענען לייענען. זיי בעטן צו די געטער אין זייער שפּראַך, אָדער בעטן גאָרנישט, נאָר האַלטן אַ גאָט אין שטוב, אָדער זיי גייען זען די געטער אין די טעמפּלען. איך האַנדל דער עיקר מיט שטוב־געטער, געטער קעגן קראַנקהייטן, געטער צו האָבן קינדער, געטער קעגן טרוקעניש און קעגן פאַרפּלייצונג. איך האָב אַפילו אַ גאָט צו האָבן גוטע חלומות. דער גאָט איז קאָסמעטיק פאַר יונגע פרויען".

„קאָסמעטיק?"

„קאָסמעטיק" — זאָגט מוסטאַפאַ מיט אַ טאָן פון אַ גרויסן מבין — „פון גוטע חלומות שלאָפט מען גוט און מען הייבט זיך אויף פון שלאָף מיט אַ גוט פּנים".

„איך פאַרשטיי. צי ווירקט טאַקע דער דאָזיקער גאָט צו האָבן גוטע חלומות?"

מוסטאַפאַ האָט געלאַכט מיט גרויסע געלע ציין: „איך האָב גוטע חלומות, ווען איך פאַרקויף דעם גאָט מיט אַ גרויסן ריווח".

די זון, וואָס איז די גאַנצע צייט געהאַנגען איבער די קעפּ, ווי אַ צעגליטער לאָמפּ און אפילו זיך אַדורכגעריסן דורך דער מאַטע, וואָס איז געהאַנגען איבער דער דעק פון דער שיף, האָט זיך פּלוצים פאַרקערעוועט אין אַ זייט און דער ים איז געוואָרן ראָז, ווי דער הימל. די שיף שלעפּט זיך נאָענט צום עקוואַטאָר, וווּ אַז די זון הייבט זיך אָן זעצן, בייטן זיך די פאַרבן פון הימל און ים פון מינוט צו מינוט. די פאַרבן ענדערן די שטימונג ביי די מענטשן אויף דער שיף. עס גרייט זיך דער פאַרנאַכט. אויפן דעק ווערט אומרואיק, ווי עס ווערן אומרואיק חיות, וואָס דערפילן דעם ערב־שטורעם. אויך מוסטאַפאַ אַל־דין, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט נישט אויפגעהויבן פון פּלאַץ, וואָס ער האָט פאַרנומען ביים איינשטייגן אין האַנג־קאָנג, איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געבעטן איך זאָל וואַרפן אַ בליק אויף זיין לעדערנעם טשעמאָדאַן, און איז ערגעץ אַוועק. באַלד איז ער צוריקגעקומען און פון טשעמאָדאַן אַרויסגענומען אַ קליינעם טעפּיך און אים אויסגעשפּרייט נעבן זיך. דער האַלב נאַקעטער בראַהמין, מיט די פיס אונטער זיך, איז געזעסן אומבאַוועגלעך, פאַרקוקט אין איין פּונקט אויף אַ קורצן מרחק פון זיך. אויך נאָך צוויי־דריי האָבן אויסגעשפּרייט טעפּיכלעך, אַנדערע זענען צוגעגאַנגען צום באָרט און זיך שטאַרק פאַרקוקט אין דעם ראָזן וואַסער פון ים, וואָס איז פון מאָל צו מאָל אויפגעריסן געוואָרן פון אויפשפּרינגענדיקע רעקינען, וואָס באַגלייטן די שיף און וואַרטן אויף רויב.

פּלוצים האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק פון דער שיף. דער שאַרפער פּלוצימער קלאַנג, כאָטש אַ פרעמדער אין דער שטימונג, האָט קיינעם נישט איבערראַשט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינע פון די דינערינס אויף דער שיף, אַ יאַפּאַניש

מיידל, איז געשטאָרבן און באַלד וועט זיין איר לוויה. די ידיעה האָט נישט געמאַכט קיין איבעריק שטאַרקן איינ־דרוק. מוסטאַפאַ אַל־דין איז מיט איין פוס געזעסן אויפן קליינעם טעפּיך. דער בראַהמין איז ווייטער געבליבן אין זיין אומבאַוועגלעכקייט, ווי ביז איצט, און אַזוי אויך די שכנים. בלויז אַ צוויי מנינים מענטשן זענען געגאַנגען זען די לוויה אין מיטן ים: צוויי איטאַליענישע מיסיאָנערן, פינף נאָנעס, וואָס זענען געפאָרן פון האָנג קאָנג, כדי צו באַדינען אַ מצורעים־אָזיל אין סייגאָן, אַ סאָוויעטישער באַאַמטער פון אַ דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייערשאַפט ערגעץ אין ווייטן מזרח און זיין פרוי מיט פינף קינדער, וואָס די קלענסטע פון זיי האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט פון די הענט, אַ פּאָר כינעזער און אַ צענדליק יאַפּאַנער און איך צווישן זיי. דער שיפס־קאַפּיטאַן איז געווען אָנגעטון אין זיין ווייסן מונדיר מיט אַלע אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט. פיר מאַטראָזן האָבן אַרויפגעטראָגן אויף דער דעק דעם טויטן גוף, איינגעהילט אין אַ ווייסן טוך און ארומגעבונדן מיט שטריק. דער קאַפּיטאַן און די אָפיצירן האָבן טיף אַראָפּגע־לאָזט די קעפּ און אַזוי געשטאַנען אַ פינף מינוט. די נאָנעס האָבן זיך איבערגעצלמט. די מיסיאָנערן אין די ווייסע וואַ־לענע כאַלאַטן האָבן פון בוזעמס אַרויסגענומען פאַרהאַנגענע צלמים און די צלמים געהאַלטן אין די הענט. ווען דער קאַ־פּיטאַן האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער געגעבן אַן אומבאַמערקבאָרן צייכן צו די מאַטראָזן. די שטריק אַרום טויטן קערפּער זענען לויז געוואָרן. דער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון יענער זייט באָרט און פלוצים — פּליוך! דער ים האָט געעפנט אַ קליינע עפענונג אין זיין געוויסער און דער קערפּער איז איינגעזונקען אין די טיפענישן פון ים. דער קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן האָבן

סאַלוטירט און אַוועק. די נאָנעס האָבן פרום געקוקט צו די וואַסערן. די רעקינען האָבן אויף אַ שטיקל צייט נישט באַגלייט מער די שיף. די צוויי מיסיאָנערן האָבן אריינגעקוקט אין זייערע באַגילדעטע ספרימלעך, מיט וועלכע זיי האָבן זיך בעת דער גאַנצער רייזע נישט צעשיידט. אויף דער צווייטער זייט דעק איז מוסטאַפאַ אַל־דין געלעגן מיטן פנים אַראָפּ אויף זיין טעפּיכל, דער בראַהמין האָט פאַרעקשנט געקוקט אויף דעם איינציקן פונקט, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. אַנדערע האָבן געקניט. נאָך אַנדערע זענען געוועזן צוגעקלעפּט צום ראַנד פון באָרט און זיך נישט גערירט פון די ערטער.

וויפל גלויבנס גלויבן אָט די צוויי הונדערט מענטשן, וואָס געפינען זיך אויף דער דעק? דאָס איז שווער אויסצוגעפינען. עס איז גאָר אוממעגלעך צו זיין אויסגעקאָכט מיט אַלע געטער, כדי צו וויסן זייער צאָל און זייער פאַרשיידנאַרטיקייט.

די שיף באַוועגט זיך מיט דעם דרום־כינעזישן ים אין דער ריכטונג צו מערב. די וואַסערן נעמען אַרום לענדער און פעלקער פון אַ מיליאַרד מענטשן. דאָ הערשן די עלטסטע רעליגיעס און רעליגיעזע פילאָזאָפיעס: שינטאָאיזם, טאַאיזם, הינדואיזם, בודיזם, קאָנפוציזם, איסלאַם און אויך די קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן דאָ בייגעטראָגן צו דער פאַרמערונג פון די רעליגיעס.

ווי נאָר איר הייבט זיך אָן פאַראינטערעסירן מיט אָט די אַלע רעליגיעס, באַמערקט איר, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום רעליגיע, וואָס זאָל נישט האָבן געשעפּט אירע איינפלוסן פון דער דאָזיקער וועלט.

בראהמא איז די אוראַלטע רעליגיע פון אינדיע. בראַהמאַ איז אין סאַנסקריטיש „וועלט־נשמה", אָדער „דאָס אַבסאָ־

לוטע". מיט דעם גאָט בראַהמאַ האָבן זיך פאַרבונדן נאָך צוויי הויפטגעטער — ווישנאַ און שיוואַ, וואָס צוזאַמען שאַפן זיי אַ „טריאומוויראַט", אַ דריי־איינִיקייט. די אַפּאָס־טאָלן, וואָס האָבן געשאַפן די קריסטלעכע רעליגיע, האָבן ביים הינדואיזם אויסגעבאָרגט די דריי־איינִיקייט און זי אַריינגעפּירט צו זיך, אָבער אין אַ ביסל אַ געענדערטער פאָרם. בראַהמאַ איז געווען דער אור־גאָט פון די אינדיער. אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אינדישער רעליגיע, פאַרבינדן זיך מיט דער וועלט־נשמה, אָדער מיט דעם אַבסאָלוטן (בראַהמאַ) צוויי שפּעטער־אויפגעקומענע געטער, ווישנאַ און שיוואַ. דעמאָלט ווערט הינדואיזם אַ פּראַקטישער קולט, מיט טעמפּלען, מיט געטער־בילדער, מיט אַ פּריסטער־קלאַס — דער העכסטער קלאַס אין אינדיע, בראַהמינער. די קריסטלעכע רעליגיע האָט דאַקעגן גע־שאַפן אַ דריי־איינִיקייט פון פאָטער (גאָט), זון (זייער משיח) און דעם הייליקן גייסט. די הינדואיסטישע רעליגיע ווערט שפּעטער פאַרבינדן מיט דער בודיסטישער פילאָזאָפיע.

סידהאַרטהאַ גאַטאַמאַ־בודאַ איז צו ניין־און־צוואַנציק יאָר געוואָרן אַן אַסקעט. ער האָט געלעבט אין פינפטן יאָר־הונדערט פאַר אונזער צייטרעכענונג. ער האָט באַגרינדעט די פילאָזאָפיע פון ווידערגעבורט און פון דעם אַכט־טייליקן וועג צו אונטערדריקן די ליידן פון מענטש און שפּעטער אויפגיין אין נירוואַנאַ. דאָס איז אַ פילאָזאָפיע פון מענטש־לעכן גייסטיקן כוח פון איבערווינדן און קאָנטעמפּלאַציע. אָבער די פילאָזאָפיע איז געווען צו הויך און צו טיף פאַר דעם פשוטן אינדישן בשר ודם און די בראַהמינער האָבן דע־ריבער פאַרבונדן זייער אַלטע רעליגיע מיט דער בודיס־טישער פילאָזאָפיע. זיי האָבן אים אַריינגענומען אין שות־פות, הייסט עס, און דער הינדו־גאָט, אָדער האַלב־גאָט,

קרישנו איז געוואָרן דער ממונה איבער דעם אַכטן וועג צו אונטערדריקן די ליידן און צו זיין דער אונטערפירער צו נירוואַנאַ, וואָס לויט דעם ווי די בודיסטן האַלטן וועגן דעם, איז דאָס נאָך אַ העכערע מדרגה ווי דער יידישער גן־עדן... ס'איז ממש אַ גן־עדן, וואָס אָן אַ לויתן און אָן דעם שור הבור פילט מען אַלע טעמים גן־עדן...

ווי דער שטייגער ביי מענטשן, האָט אויך דער בודיזם נישט אויסגעמיטן קיין שפּאַלטונג און עס זענען שפּעטער אַנטשטאַנען צוויי מינים בודיזם: הינאַיאַנאַ־בודיזם און מאַ־האַיאַמאַ־בודיזם. היינט גלויבן אין הינדואיזם העכער אַ פערטל מיליאַרד מענטשן און אין בודיזם — פיר הונדערט מיליאָן מענטשן.

מיט די צוויי קאָנקורירט אין אַזיע די כינעזישע נאַציאָ־נאַלע רעליגיע, וואָס איז אַ רעליגיע פון נאַטור־פאַרערונג, אַ גלויבן אין גייסטער אין דער געשטאַלט פון געטער און געטשקעס, אויסגעמישט מיט פילאָזאָפיע. און די פילאָזאָפיע אין אָט דער רעליגיע איז ווידער אַ געמיש פון צוויי פילאָ־זאָפיעס — פון טאָאָ־טסע און פון בודאַ. ווי בראַהמאַ איז אין סאַנסקריטיש — „וועלט־נשמה", אַזוי איז „טאָאָ" אין כינעזיש „דאָס אַל־איינע", איין אוניווערס, איין באַשעפער און אלץ איז איינס. אָבער דאָס אל־איינע האָט, זעט אויס, נישט באַפרידיקט דעם עולם און די כינעזישע רעליגיע האָט אַ גאַנצע פלעיאַדע געטער — טעמפל־געטער און הויז־געטער, פון וועלכע די מוסטאַפאַ אַל־דינס מאַכן אַ לעבן... אין דער דאַזיקער רעליגיע גלויבט אויך אַ האַלבער מיליאַרד מענטשן. אָבער מיט דעם איז מען נאָך נישט פאַרטיק. צו דער נאַציאָנאַלער רעליגיע טאָאיזם האָט נאָך כינע אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע פון קונגפוטסע (קאָנפוציוס). דער באַגרינדער פון דער פילאָזאָפיע האָט געלעבט אין זעקסטן

יאָרהונדערט פאַר אונזער צייטרעכענונג און ער וואָלט היינט געווען אַ מאָדערנער שטאַטסמאַן אין אַ טאָטאַליטאַרער מדינה: זיין פילאָזאָפיע איז באַגרינדעט אויף דעם, אַז די מאָראַל פון דעם איינצלנעם מענטש דאַרף אונטערגעוואָרפן ווערן דעם שטאַט. אָבער ווי מיט אַלע רעליגיעזע פילאָזאָפיעס אין אַזיע, איז אויך קאָנפוציזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעליגיע מיט געטער און געטשקעס.

אָבער אַזוי ווי איך געפין זיך אויף דער יאַפאַנישער שיף, וואָלט איך צוליב דער גאַסטפריינדלעכקייט פון די אייגנטימער אויך געדאַרפט עפעס זאָגן וועגן דער שינטאָ־רעליגיע, דער רעליגיע פון יאַפאַן, וואָס איז אַנטשטאַנען מיט אַ צוויי טויזנט זעקס הונדערט יאָר צוריק. נאָר איך קלייב זיך נישט אויפצוקלערן אָט די אַלע רעליגיעס, וואָס זענען מיט זיך געקניפט און געבינדן. לאָמיר דעריבער צוריקגיין צו מוסטאַפאַ אַל־דין, וואָס האָט די אַלע זאַכן גענומען גאַנץ פשוט — געשעפטלעך.

דער טראָפישער אָוונט איז צוגעפאַלן שנעל, ווי דער רבונו־של־עולם וואָלט איבער דער זון פאַרוואָרפן אַ שוואַרצע דעק און עס איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. די ווייניקע עלעקטרישע לעמפלעך אויף דער דעק פון דער שיף, האָבן די פינצטערניש נאָך מער אונטערגעשטראָכן. פאַרן גיין שלאָפן — און געשלאָפן איז מען אויף דער דעק — האָבן זיך די פאַרשטייער פון די אַלע רעליגיעס צונויפגענומען אין רעדלעך און געשמועסט זייערע שמועסן. צווישן די געזעמלעך האָבן זיך באַוויזן די צוויי מיסיאָנערן אין די ווייסע כאַלאַטן. זיי זענען געווען די איינציקע אַרומגייענדיקע. האָבן זיי זיך אַראָפגעבויגן צו דעם געזעמל און צו יעדעם געזעמל און אויף פרעמדע שפראַכן געזאָגט גוטנאָוונט. ווען די צוויי זענען פאַרבייגעגאַנגען מוסטאַפאַן, האָבן זיי

זיך צו אים נישט געוואָנדן. אין דער האַלב־פינצטערניש האָב איך געזען ווי זיין פּנים קרומט זיך אויס מיט כּעס. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט די אויגן און ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט, האָט ער אויסגעשפּיגן.

„קאָנקורענטן?" — פרעג איך מוסטאַפאַן אין לצנות.

„נאָנסענס" — ענטפערט ער מיט כּעס — „זיי האָבן נישט וואָס צו פאַרקויפן. זיי זענען ספּייס (שפּיאָנען)".

„דו ווייסט דאָס אויף זיכער? האָסט דאָך פריער געזאָגט, אַז זיי זענען מיסיאָנערן" — דערמאָן איך אים.

„זיי זענען ביידע זאַכן צוזאַמען. איך פאָר מיט זיי פון פּוטשאָו און צוויי מאָל האָבן זיי מיר געוואָלט אָנטון צרות. איינמאָל אין קאַנטאָן און דאָס צווייטע מאָל אין האָנג קאָנג. אָבער נישט ביי מוסטאַפאַן".

„וואָס פאַר אַ צרות? זיי האָבן דיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ קריסט?".

„צום טייוול מיט זייער גאָט!" — רופט ער אויס — „מיך וועלן זיי אין דעם געשעפט נישט אריינפירן".

מוסטאַפאַ אַל־דין האָט אַראָפּגעפירט פון דעם שמועס. ער האָט מער אויף דער טעמע פון די צוויי מיסיאָנערן נישט געוואָלט רעדן. מסתּמא האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט שוין אַזוי אויך צופיל גערעדט.

איך האָב אָנגעהויבן רעדן מיט מוסטאַפאַן וועגן „תּכ־לית־זאַכן" — וועגן דעם פּרייז פון די געטער, וואָס ער פירט מיט זיך. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז איך חוזק פון די געטער און אויך ער האָט אָנגעהויבן חוזקן, אָבער דעם פּרייז נישט געזאָגט. צום סוף האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וואָלט אַליין געקויפט אַזאַ שטיקל גאָט. צו קויפן אַ טייערן גאָט האָב איך טאַקע נישט קיין געלט, אָבער אַזוי זיך, אַ ביליק געטל,

וואָלט איך געקויפט. ער האָט ווידער מיינע ווערטער אָנגענומען ווי חוזק:

„צוואָס דאַרפסטו, אַן אייראָפּייער, אַ גאָט פון די געצנדינער?” — האָט ער געפרעגט.

„איך וויל קויפן אַזאַ שטיקל גאָט פאַר אַ סוווענִיר” — האָב איך אים געענטפערט.

„אַפילו דאָס ביליקסטע געטל וועט זיין פאַר דיר צו טייער”.

„זאָג מיר דעם פרייז” — בין איך צוגעשטאַנען — „אויב איך וועל זיך נישט קענען דערלויבן, וועל איך נישט קויפן”.

„וועסט סיי ווי נישט קויפן” — האָט ער געזאָגט.

„איך וועל יאָ קויפן. אויב דו האָסט א געטל פון על־פאַנטביין, קענען מיר גלייך מאַכן אַ געשעפט”.

מוסטאַפאַ אַל־דין האָט זיך אַרויסגעדרייט. ער האָט נישט געוואָלט זאָגן נישט דעם פרייז פון אַזאַ געטל און ער האָט מיר אויך נישט געוואָלט ווייזן די סחורה. איך האָב אים דעם אָונט צורוגעלאָזט. אויף צומאָרגנס בין איך ווידער צו אים צוגעשטאַנען און ער האָט מיר צום סוף געזאָגט, אַז דאָס ביליקסטע געטל קאָסט פינף פונט שטערלינג.

איך האָב ארויסגענומען אַ באַנקנאָט פון צוואַנציק דאָלאַר און אים געוויזן, כדי צוגעבן אים חשק צו ווייזן מיר זיין סחורה, אָבער דער כיטרער מאסלעם האָט באַלד חרטה געהאַט. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט מיטן אַרגומענט, אַז ער קען נישט עפענען דעם טשעמאָדאַן, ווייל ארום זענען דאָ צופיל אויגן און ער קען אַרויסרופן בייז בלוט ביי די גלויביקע אין די געטער, וואָס ער, אַ מאָסלעם שלעפט זיי אין זיין וואַליזע.

איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז די סיבה פאַרוואָס מוס־

טאַפּאַ וויל מיר נישט פּאַרקויפן אַ געטל מוז זיין אַן אַנדערע.
גאַנץ צופעליק האָב איך זיך דערוויסט די ווירקלעכע סיבה.

די אייראָפּייער זענען געווען די איינציקע פּאַסאַזשירן אויף דער שיף, וואָס האָבן געהאַט זייערע בעטן אין קאַיור־טעס, בעת די אַזיאַטישע פּאַסאַזשירן זענען אַלע געפאָרן אויף דער דעק. דעריבער האָבן אויך די אייראָפּעאישע פּאַ־סאַזשירן געהאַט זייער באַשפּייזונג פון דער שיף און געגעסן אין אַן עס־צימער ביי טישן. ביים מיטאָג האָב איך זיך באַקענט מיט די צוויי מיסיאָנערן אין די ווייסע כאַלאַטן און איך האָב זיי דערציילט, אַז אויף דער דעק געפינט זיך אַ מאָסלעם, וואָס איז געפאָרן צוזאַמען מיט זיי פון פּוטשאָו און ער קלאָגט זיך, אַז ער האָט געהאַט פון זיי צרות. די צוויי מיסיאָנערן האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט צו זיך.

„ער האָט אַ סיבה צו זיין אין כעס אויף אונז" — האָט איינער פון די מיסיאָנערן געזאָגט.

„ער איז אַ מאָסלעם און ער האַנדלט מיט געטער" — האָב איך אַריינגעוואָרפן.

„ער איז עפּעס מער" — האָט איינער פון די מיסיאָנערן באַמערקט — „מען דאַרף זיין אויסגעהיט פאַר די לייט".

„אַ מיסטעריע ?" — האָב איך געפרעגט.

„גאָרנישט קיין מיסטעריע" — האָט דער עלטערער פון די מיסיאָנערן אַ גלעט געטון זיין לאַנגע בלאָנדע באָרד — „אויפן ווייטן מזרח קענסטו אַלץ געפינען, אַפילו אָפּיום־שמוגלער".

„דאָס איז די מיסטעריע פון דעם מאָסלעם ?"

„נישט בלויז פון אים. אויך בראַהמינער קענען זיין אָפּיום־

שמוגלער. צופעליק איז עס אין דעם פאַל דער מאָסלעם און זיינע שותפים, וואָס פאָרן צוזאַמען מיט אים״.

„מוסטאַפאַ אַל־דין פאָרט אַליין״ — האָב איך געזאָגט — „ער ליגט די גאַנצע צייט אויף זיין טשעמאָדאַן״.

„דאָס זאָגט נאָך גאָרנישט״ — האָט וויטער געזאָגט דער עלטערער מיסיאָנער — „אויף דער רייזע רעדן זיי נישט צווישן זיך, אָבער איינער היט דעם צווייטן. אין קאַנטאָן האָבן זיי געוואָלט דערמאָרדן דעם באַן־פירער, פאַרוואָס ער לאָזט נישט אָפגיין די באַן פריער ווי עס האָט פאָרויסגעזען דער פאָרפלאַן. און די פאָליציי... בעסער נישט רעדן... זיי קאָרומפּירן אַלע. און אין האָנג קאָנג זענען זיי הענדלער מיט געטער... ווער ווייסט צי זיי פירן דעם אָפיום אין די נעזער פון די געטער, אָדער אין אַנדערע פלעצער״.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַלע פּאַסאַזשירן אויף דער אויבערשטער דעק פון דער שיף שטעלן מיט זיך פאָר איין אָרגאַניזאַציע פון אָפיום־הענדלער. אַפילו דעם בראַהמינער, וואָס האָט זיך גע־שפּייזט מיט בלעטער, גראָז און אַביסל רייז, האָב איך פאַרדעכטיקט, אַז ער שפּילט אַ קאָמעדיע און אַז צווישן אים און מוסטאַפאַ אַל־דין איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג...

אין דער אמתן איז אַזוי נישט געווען. אין די חמימהדיקע און לאַנגווייליקע טעג אויף דער שיף, האָב איך זיך גע־שפּילט אין אַ דעטעקטיוו און געזוכט די פאַרבינדונג צווישן מוסטאַפאַן און די אַנדערע מאָסלעמס. אָבער אויך דאָס איז מיר נישט געלונגען. צום סוף בין איך ווידער צוגעשטאַנען צו מוסטאַפאַן, ער זאָל מיר פאַרקויפן אַ געטל, דאָס קלענ־סטע און דאָס ביליקסטע, וואָס ער האָט. ער האָט מיר ווידער געדראָט מיט הויכע פרייזן און איך בין באַשטאַנען דער רויף, ער זאָל ביינאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן, פון זיין

טשעמאַדאַן אַרויסנעמען דאָס געטל פאַר פינף פונט שטער־לינג און אין דער פרי וועל איך עס ביי אים צונעמען און אים באַצאָלן אין דאָלאַרן. מוסטאַפאַ האָט צוגעזאָגט, אָבער נישט געהאַלטן וואָרט. ער האָט מיר געגעבן פאַלשע תירוצים, אַז צוליב דער הייסער נאַכט איז קיינער אויף דער דעק נישט געשלאָפן און דעריבער האָט ער נישט געקענט עפענען דעם טשעמאַדאַן.

„מיסטער מוסטאַפאַ, צו וואָס דאַרפט איר שלעפן די געטער ווער ווייסט אין וועלכן לאַנד און שפּעטער זוכן קונים, אויב איך בין גרייט צו נעמען ביי אייך אַ שטיקל סחורה און צאָלן מיט קעש?" — האָב איך גערעדט צו זיין סוחרישן פאַרנונפט.

מוסטאַפאַ אַל־דין האָט פאַר מיר פאַרמאַכט אַלע וועגן: „איך האָב באַשטעלונגען אויף דעם גאַנצן טראַנספּאָרט געטער און אַ סוחר דאַרף זיין סאָליד און צושטעלן די סחורה, וואָס מען האָט ביי אים באַשטעלט, איז׳נט איט?". „יעס, מיסטער מוסטאַפאַ, איט איז!" — האָב איך נישט געהאַט קיין עצה און אים געגעבן גערעכט — „אַ סוחר דאַרף זיין סאָליד און צושטעלן די סחורה..."

אין יענעם מאָמענט בין איך געוואָרן שטאַרק נייגעריק, אין וועלכן גאָט און אין וועלכן טייל פון דעם גאָט מוסטאַפאַ האָט פאַרשטעקט אָפּיום. האָב איך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי אים, אפשר ווייסט ער ווער פון אַנדערע מאָסלעמס אויף דער שיף פירן מיט זיך ענלעכע סחורה און זיי זענען נישט אַזוי סאָליד לגבי זייערע אָפנעמער, און ער זאָל מיר צוהעלפן קויפן ביי זיי אַ געטל. מוסטאַפאַ האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַראינטערעסירן זיך. ער גלויבט אַפילו נישט, אַז אַזעלכע געטער־הענדלער פאָרן אויף דער שיף, אָבער ער וועט פּרווון...

ביים מיטאָג, אין עס־צימער, האָב איך געזאָגט צו די מיסיאָנערן, אַז זייער אָבסערוואַציע איז אַ ריכטיקע און איך האָב זיי דערציילט די מעשה, אַז איך האָב געוואָלט ביי דעם מאָסלעם קויפן אַ געטל און ער האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן. מסתמא האָט ער אין די געטער אָפיום.

דער עלטערער מיסיאָנער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיינע און געזאָגט:

„יונגער פריינד, זייט פאָרזיכטיק. אין די ראַיאָנען דאַרף מען זיין געצאימפט דער עיקר קעגן צוויי סכנות: קעגן כאָלערע און קעגן אָט די געפערלעכע לייט. קעגן כאָלערע קען מען זיך אימפן אין יעדער מעדיצינישער סטאַציע, אין יעדן פאָרט. ערגער איז אָבער מיט אָט די לייט. איך געפין זיך אויפן ווייטן מזרח שוין דרייסיק יאָר. אלס גייסטלעכער האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און סאָציאַלע פאַלן. די אָפיום־שמוגלער זענען פון די געפערלעכסטע עלעמענטן. זיי זענען גוט אָרגאַניזירט, אָפערירן מיט גרויסע געלט־מיטלען און זיי שפרייטן אויס זייער נעץ פון מזרח־כינע ביז מזרח־אַפריקע. זיי אָפערירן אויף אַ שטח, אויף וועלכן עס לעבט העכער אַ מיליאַרד מענטשן. כינע איז דער פראָדוצענט פון אָפיום און ווי יע־דער פראָדוצענט איז כינע פאַראינטערעסירט צו פאַרקויפן וואָס מער סחורה קיין אויסלאַנד. אַרבעט־מיט מיט די אָפיום־הענדלער אויך די פאָליציי, וואָס איז אין כינע קאָ־רומפירט ביזן ביין. די בריטישע פאָליציי אין האָנג־קאָנג האַלט אָן אויג אויף די שמוגלער, אָבער דאָס איז ווי אַ טראָפן אין ים. דער אָפיום־שמוגל גייט אַפילו דורך די הימאַלאַיען, אָבער דאָרט איז דער טראַנספּאָרט זייער טייער און דער וועג אַ ווייטער. נישט אַזוי אַ ווייטער, ווי זייער אַ הויכער. דעריבער גייט דער שמוגל מיט דעם דרום־ברעג.

שוחד מאַכט בלינד און טויב, און מאַלאַיאַ, די דרום־אינז־לען, סיאַם, בורמאַ, ציילאַן און אינדיע האָבן אַ סך, אַ סך אָפּיום־הונגעריקע. אָט די כלומרשטע הענדלער מיט געטער, פעדלער איבער די אינזלען, וואָס פאַרקויפן כלומרשט האָלדזבענדער און פוץ פאַר פרויען, הענדלער מיט קרעלן און מיט לייוונט — אָט די, וואָס פאָרן אויף דער דעק און נעמען מיט מיט זיך ווייצענע פלעצל אויף זייער גאַנצן וועג, און וואָס זיי מאַכן דעם איינדרוק פון די לעצטע אָרעמע — אָט די אַלע דערטראָגן דעם אָפּיום אַפילו קיין פּערסיע און קיין איראַק, קיין סיריע, פּאַלעסטינע און מצרים און פון דאָרט שפּרייט ער זיך ווייטער און ווייטער. פאַר דיין אינפאָרמאַ־ציע: די אָפּיום־שמוגלער פאָרן אַמערסטן מיט שיפן פון אַזעלכע לענדער, וואָס זענען אויף די וואַסערן, ווי דער דרום־כינעזישער ים, דער מאַלאַיער דורכגאַנג, דעם בענגאַ־לישן ים־איינגוס — נייטראַל, און זיי אינטערעסירט נישט וואָס די פּאַסאַזשירן פירן מיט זיך. די שמוגלער היטן זיך פאַר בריטישע שיפן, ווייל די ענגלענדער זענען דאָ די באַלעבאַטים און אומעטום האָבן זיי זייערע אַגענטן.

אין קאַנטאָן טרעפט נישט זעלטן, אז מען געפינט אויף דער גאַס אַ דערמאָרדעטן. קאַנטאָן איז אַ קאַצנשפּרונג פון האָנג־קאָנג און דאָס איז זייער אַ באַקוועמער געביט פאַר אָפּיום־שמוגלער. ווען די פּאָליציי געפינט אַזאַ דערמאָר־דעטן, ווייסט זי פון פאָרויס, אַז דאָס איז אַ קרבן פון די אָפּיום־שמוגלער. זעלטן צוליב אַנדערע סיבות. אָפּיום־שמוג־לער האָבן פיינט עמעצער זאָל זיך זיי שטעלן אין וועג. צוויי דזשונגלען זענען פאַראַן אין דעם דאָזיקן וועלט־טייל: איינער אַ נאַטור־דזשונגל, וווּ דער מענטש פּילט זיך פאַר־לוירן צוליב דער נאַטור־ווילדקייט. דער צווייטער איז דער מענטשן־דזשונגל, וווּ עס הערשן ראַפינירטע ליידנשאַפטן.

אויף דאָ פילט זיך דער מענטש פאַרלוירן. גוי אַ באַוווינטער ישוב ראַטעוועט פון דעם נאַטור־דזשונגל, אַזוי ראַטעווען זיך די אומבאַהאָלפענע מענטשן אין די בודיסטישע קלויס־טערס. אָבער זיי קענען זיך נישט ראַטעווען. די געפאַרן לויערן פון אַלע ווינקלען — פון דער גרויזאַמקייט מיט אירע פאַרפלייצונגען און הונגער־טויט טרוקעניש, פון דער גע־וואַלדיקער מאַכט־קאָרופציע, פון ווילדע תאוות, וואָס זענען דאָ אַ סך גרעסער ווי אין אייראָפּע מיט איר מעסיקן קלי־מאַט, און פון די... אָפּיום־הייזער.

צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין די אַרומיקע לענ־דער זענען אָפּיום־פאַרברויכער. די מענטשן אַנטלויפן אין אָפּיום־מיראַזש און זוכן אין אים אַ דערלייזונג פון אַלע מאַטערנישן. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז די דערלייזונג איז נישט מער ווי אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ. זיי אַנטלויפן פון אַנדערע סכנות אין אָט דער סכנה, וואָס איז נאָך מער דראָענדיק ווי די נאַטור־סכנות. פון טרוקעניש און פאַרפלייצונג, פון הונגער און מאַכט־קאָרופציע איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג צו ראַטעווען זיך, אָבער פון אָפּיום איז קיין רעטונג נישטאָ. מיטן אויסרויכערן איין פייקע אָפּיום — פאַלט מען אריין אין די נעגל פון דער פאַרברעכער־וועלט, אין די נעגל פון די אָפּיום־הייזער, אין די נעגל פון די אָפּיום־הענדלער, און פון דאַנען איז מער נישטאָ קיין אויסוועג.

אין דעם באַשטייט דער כוח פון דער „אָפּיום־אינדוסט־ריע". אַלץ קען זיך ענדערן אין דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, אָבער די ליידנשאַפט צו נאַרקאָטיק וועט קיינער נישט קענען אויסברענען. דעריבער זייט פאָרזיכטיק מיט מענטשן, ווען איר פאָרט אַן אומדערפאַרענער אין דער דאָ־זיקער וועלט" — פאַרענדיקט דער מיסיאָנער.

אין אָוונט האָט מען אויף דער שיף־דעק געוויזן אַ יאַ־

פאַנישן פילם וועגן העלדישקייט. דער עולם האָט געקוקט אויפן פילם פון די ערטער, וואָס יעדער האָט געהאַט פון פריער פארנומען און דאָרט געגעסן און געשלאָפן. אויך די אײראָפּייער זענען אַרויף פון די קאַיוטעס צו זען דעם פילם. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט נישט ווייט פון מוסטאַפאַ אַל־דין. אין מיטן אַ סצענע ווי אַזוי אַ יאַפּאַנישער זעלנער באַפאַלט פון אַ באַהעלטעניש דעם שונא, פיל איך ווי עמעצער באַרירט מיין אָרעם. דאָס איז געווען מוסטאַפאַ.

„מאָרגן צען אַזייגער פאַרמיטאָג קומט מען אָן קיין סינגאַפּור” — זאָגט ער.

„איך האָב געזען דעם ביולעטין פון דער שיף” — ענטפער איך אים.

„איר גייט אַראָפּ אין סינגאַפּור?” — פרעגט ער.

„איך וועל מסתמא אַראָפּגיין, ווייל די שיף וועט דאָרט שטיין זייער לאַנג” — זאָג איך אים.

מיט אַ צען מינוט שפּעטער פיל איך ווידער ווי ער באַרירט מיין אָרעם.

„אייער באַשטימונגס־פּאָרט איז סינגאַפּור?” — פרעגט ער ווידער.

„ניין, בלויז טראַנזיט”.

ווידער אַ פּאָר מינוט רו און ווידער אַ פראַגע:

„צי גייט איר אַראָפּ אין סאַנגאַפּור מיט געפּעק?”

„ניין, איך וועל נישט אַראָפּגיין מיט געפּעק”.

ווען דער פילם האָט זיך געענדיקט און איך האָב זיך געוואָלט אויפשטעלן צו גיין שלאָפן, האָט מיך מוסטאפא פארהאלטן און מיט זייער זיסע רייד געבעטן ביי מיר אַ געפעליקייט: אַזוי ווי די וואַליזע מיט די געטער איז זייער אַ שווערע — געטער פון שווער האָלץ און פון עלפאַנטביין, אויסער זיינע אייגענע זאַכן — זאָל איך

אים העלפן אַראָפּטראָגן דעם קלענערן טשעמאָדאַן. ער וועט מיר די טובה געדענקען אַ גאַנץ לעבן. זאָג איך אים, אַז אין סינגאַפּור זענען זיכער פאַראַן פּאָרט־טרעגער, וואָס פאַר אַ פּאָר פּרוטות וועלן זיי אים אַראָפּטראָגן ביידע טשעמאָדאַנעס.

מוסטאַפאַ אל־דין האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ:

„איר קענט נישט די סינגאַפּורער גנבים. איר געטרויט זיי א וואַליזע אראָפּצוטראָגן פון דער שיף, ווערן זיי נעלם מיט דער וואַליזע".

„אויב אַזוי" — זאָג איך צו אים — „אַ טובה פאַר אַ טובה: איך וועל אייך העלפן אַראָפּטראָגן אַ וואַליזע און איר וועט מיר פאַרקויפן אַ גאַט"...

מוסטאַפאַ האָט אויסגעצויגן די האַנט איך זאָל רחמנות האָבן אויף אים:

„איך קען נישט. אַלץ באַשטעלטע סחורה. אַ סוחר דאַרף זיין אַ סאָלידער מענטש. אמת, א סוחר דאַרף זיין אַ סאָלידער מענטש?"

„אַ סאָלידער סוחר דאַרף אויך פאַרזיכערן זיין געפּעק, אַז טאָמער גנבעט מען אים צו אַ וואַליזע, זאָל ער באַקומען אַנטשעדיקונג, און דאַן וועט איר קענען איבערגעבן אייער וואַליזע צו אַ טרעגער אין פּאָרט".

אויפצומאָרגנס פאַר מיטאָג, ווען די שיף האָט צוגעשלאָגן צום פּאָרט אין סינגאַפּור, זענען צווישן די טראַנזיט־פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט ווי אַזוי עס לאַנדן די פּאַסאַזשירן, אויך געווען די צוויי מיסיאָנערן. צו דער שיפס־עפענונג זענען ארויפגעקומען צוויי בריטישע פּאָליציי־אונטעראָפיצירן, וואָס האָבן געפּאַדערט צו קאָנטראָל די פּאַספּאָרטן פון די אַראָפּגייענדיקע. ביי צוויי פּאַסאַזשירן האָבן זיי צוגענומען די פּאַספּאָרטן און געהייסן זיי וואַרטן.

מוסטאַפאַ אַל־דין האָט זיך געשטופּט פאַראויס מיט זײַנע צוויי וואַליזעס — איינע אויפן אַקסל און די צווייטע אונטערן אָרעם.

„יור פּאַספּאָרט, פּליז" — זאָגט צו אים איינער פון די פּאָליצײַ־אונטעראָפיצירן.

מוסטאַפאַ שטעלט אַראָפּ די וואַליזע, וואָס אונטערן אָרעם, און שלעפּט אַרויס פון בוזעם זײַן פּאַספּאָרט. דער פּאָליצײַ־אָפיציר קוקט אַרײַן אין פּאַספּאָרט, טוט אַ קוק אויף מוסטאַפאַן, און זאָגט:

„פּליז ווייט", ס'הייסט: ביטע, וואַרט.

מוסטאַפאַ מאַכט זיך נישט פאַרשטיין און שטופּט זיך פאַראויס צום אַראָפּגאַנג. דער אָפיציר נעמט אים אָן ביים אָרעם און שטעלט אים אַוועק אין אַ זײַט, ווו עס שטייען שוין די פריערדיקע צוויי.

די צוויי מיסיאָנערן אין די ווײַסע כאַלאַטן קוקן זיך איבער און דער עלטערער היסטלט אונטער. ביידע גייען אַוועק אין דער צווייטער זײַט, ווי עס וואָלט זיי מער גאָרנישט אינטערעסירט.

פאַרשטיי איך שוין נישט, וואָס די צוויי זענען: צי זענען זיי קלויסטער־ברידער, אָדער מיסיאָנערן, ווי זיי האָבן זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט, אָדער פּאָליצײַ־אַגענטן צום קאַמף מיט אָפּיום־שמוגלער? עס קען זײַן, אַז זיי זענען אַלע דרײַ זאַכן צוזאַמען. אינעם ווייטן מזרח, אין דעם מענטשן־דזשונגל איז אַלץ מעגלעך און אויף גאָרנישט דאַרף מען זיך וווּנדערן...